STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04017

OYFRUF TSUM SOTSYALIZM

Gustav Landauer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

KINGI



Gustav Landauer

גוסטאוו לאנדויער

אויפרוף צום סאציאליזם

1921
וועלט-פארלאג / בערלין

דאס בוך איז איבערגעזעצט געווארען מיט'ן בפירושען הסכם
פון די יורשים פונ'ם מחבר·

אלע רעכט זענען ביים פארלאג·

Copyright 1921 by Welt-Verlag, Berlin

דער טאוועל איז געצייכענט פון מ נ ח ם ב י ר נ ב ו י ם
געדרוקט אין דער „עבר"-דרוקעריי· בערלין·

הקדמה צו דער נייער אויסגאבע

ס׳איז געקומען די רעוואלוציע, וועלכע כ׳האב גאָרניט פאָרויסגעזעהען. ס׳איז געקומען די מלחמה, וועלכע כ׳האב יא פאָרויסגעזעהען, און שוין דעמאָלט פריהצייטיג האב איך געזעהען, ווי אין דער מלחמה גרייט זיך צו אומפאַרמיידליך די קאַטאַסטראָפע און די רעוואלוציע.

איך בין זיך מודה מיט א פאַרביטערונג, וועלכע האט באמת קיין גרענעץ ניט: ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז איך בין תמיד אין תוך געווען גערעכט מיט דעם, וואס איך האב נאך מיט יאָרען צוריק אַרויסגעזאָגט אינ׳ם דאָזיגען „אויפרוף" און אין די אַרטיקלען פון מיין „סאָציאַליסט". אין דייטשלאַנד האט נאך געמוזט קומען א פּאָליטישע רעוואלוציע; אָט איז זי גרינדליך געמאַכט געוואָרען און נאָר די אומפעהיגקייט פון די רעוואלוציאָנערען ביים אויפבוי פון דער נייער ווירטשאַפט קודם כל, ווי אויך פון דער נייער פרייהייט און זעלבסטבאַשטימונג, קען גורם זיין, אַז ס׳זאָל ווידער קומען די רעאַקציע און ס׳זאָלען זיך אויפ׳ס ניי איינוואָרצלען די פּריווילעגיעס. די מאַרקסיסטיש-סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אַלע זייערע שאַטירונגען האָבען שוין באַוויזען לדי, אַז זיי זיינען ניט פעהיג צו פּאָליטישע מעשים, אַז זיי זיינען ניט ראוי צו גרינדען די נייע מענטשהייט און אירע פאָלקס-איינריכטונגען, צו באַשאַפען די געזעלשאַפט פון אַרבייט און פון שלום; אויף א גלייכען אופן ווייזען זיי זיך אַרויס פאַר אומפעהיג תּופס צו זיין טעאָרעטיש די סאָציאַלע ערשיינונגען. זייער אומפעהיגקייט האָבען זיי אויפ׳ן מיאוסטען אופן באַוויזען אומעטעם, אין דער מלחמה, פאַר איר און נאך איר, פון דייטשלאַנד ביז רוסלאַנד, פון דער מלחמה-באַגייסטערונג ביז צום גייסטלאָזען און אומפרוכטבאַרען טעראָר, וואס זיינען, אגב, נאָנט אין עצם איין זאך צו דער אַנדערער און זיינען טאַקע געוואָרען

3033 -10O

פארבונדען צווישען זיך אויף א משונה׳דיגען שטייגער׳ אבער עטליכע ידיעות׳ אויב זיי זיינען נאר ריכטיג׳ באשטעטיגען שוין׳ און אזוי רעדט אויך אונזער האפענונג׳ וועלכע פארלאנגט אין א הייליגען ציטער א ישועה און א נס׳ אז די רוסישע באלשעוויקעס האבען איבערגעוואקסען זיך אליין׳ ווי ס׳איז געווען די מעשה אין עסטרייך מיט פרידריך אַדלער און אין דייטשלאנד מיט קורט אייזנער׳ אז זיי האבען איבערגעוואקסען דורך א וואונדערליכען און מעכטיגען כח זייער טעאָרעטישען דאָקטרינאַריזם און די פרייהייט האט מנצח געווען איבער דער צענטראליזאציע און איבער דער מילי־טעריש־פראלעטארישער דיסציפלין׳ אז זיי זיינען געווארען פרוכטבאר׳ אז דער גייסט פון רוסישען מוזשיק׳ דער גייסט פון טאָלסטאָי׳ אייביג דער זעלביגער גייסט׳ האט באזיגט דעם פאבריק־פראלעטאריער און דעם „פראפעסאר פון טויט״׳ אבער דאס אלץ׳ וואס איז פאר־געקומען אין רוסלאנד׳ רעדט ניט לטובת דעם מארקסיזם׳ וועלכען זיי האבען אין זיך גובר געווען׳ נאר — לטובת דעם הימלישען גייסט פון דער רעוואלוציע׳ וועלכער עפענט אויף פלוצלינג אינ׳ם מענטשען׳ און באזונדערס אינ׳ם רוסישען מענטשען׳ מיט א געוואל־דיגען כח און אימפעט דאס׳ וואס איז פארשאטען אין דער נשמה׳ און דאס הייליגע׳ וואס איז טיף פארבארגען׳ הויבט אָן צו קוועלען און צו רוישען׳ דער קאפיטאליזם ווידער איז ניט געווען אזוי פריינדליך׳ אז ער זאל זיך אין זיין ווייטערדיגער אנטוויקלונג פארוואנדלען פאמעלאכידיג און מוטיג אין סאציאליזם׳ ס׳האט זיך אויך ניט באוויזען דעם נס׳ אז דער סאציאליזם זאל געבארען ווערען אין דעם מאמענט פון זיין פלוצלינגדיגער קאַטאַסטראָפע׳ און ווי קען גאר באמת דער פרינציפ פון שלעכטס׳ פון אונטערדריקונג׳ פון גזלה און פון פיליסטערישער רוטינע באווייזען וואונדער? דער גייסט׳ וועלכער מוז הופען צו רעוואלוציע אין יענע צייטען׳ בעת די רוטינע ווערט א שלעכטע מגפה׳ באווייזט אויפצוטאן וואונדער׳ ער האט עס באוויזען דערמיט׳ וואס ער האט אין איין נאכט געביטען די קאנסטיטוציע פון דער דייטשער אימפעריע׳ בעת ער האט פארוואנ־דעלט א הייליגען׳ אומבארירבארען מלוכה־בנין פון די דייטשע

פראפעסארען אין א פארגאנגענהייטס־עפּיזאָד פון די דייטשע יונקערס· די קאַטאַסטראָפע איז געקומען· בלויז נאר איין סאציאליזם קען ברענגען די ישועה· ניט דער סאציאליזם· וועלכער איז כלומרשט ארויסגעוואקסען· ווי א בלום· פון קאפיטאליזם· נאר דער· וועלכער שטעהט פאר דער טיר· ווי א יורש און א פארשטויסענער זון· און הינטער דער טיר פוילט דער טויטער גוף פון אומנאטירליכען פאטער· ניט דער סאציאליזם· וועלכען מ׳קען אנטאן· ווי א יום־טוב׳דיגען בגד· אויפ׳ן שענעם גוף פון דער געזעלשאפט אין דער צייט· ווען דאס רייכטום פון דער נאציע און די בליהענדע ווירטשאפט האט דערגרייכט איר העכסטע מדרגה· נאר דער· וועלכער מוז באשאפען ווערען כמעט פון גארניט אין א צייט פון תהו ובהו· איך האב אין א פארצווייפלונג גערופען צום סאציאליזם· איך האב פון דער פארצווייפלונג געשעפט די גרויסע האפענונג און פרייד פון אנטשלאסענקייט· איצט איז די פארצווייפלונג· וועלכע איך און מיינס גלייכע האבען געטראגען אין הארצען א צייט פריהער· געווארען אן אלגעמיינער מצב· הלואי זאל ביי די· וועלכע מוזען שוין תיכף צוטרעטען צו דער ארבייט פון בויען· ניט פעלען קיין האפענונג· קיין חשק צו טאן· קיין דערקענטניש און קיין פעסטע שאפונגס־קראפט· אלץ, וואס איז דא געזאגט געווארען פון דער קאַטאַסטראָפע· האט א שייכות לעת עתה נאר צו דייטשלאנד און צו די פעלקער· וועלכע האבען ווילענדיג ניטווילענדיג געטיילט איר גורל· ניט דער קאפיטאליזם גופא איז זיך פאנאנדערגעפאלען פון זיך אליין· מחמת זיין אינעווייניגסטער אוממעגליכקייט· ווי מ׳פלעגט זאגען· ס׳איז נאר חרוב געווארען אין א באשטימטען לאנד דער קאפיטאליזם· וועלכער האט זיך איינגעשפאנט צוזאמען מיט דער אויטאָקראַטיע און מיט׳ן מיליטאריזם· אין א קאמף מיט די קאפיטאליזמען פון אנדערע לענדער· וועלכע ווערען א סך ליבעראלער רעגירט· לענדער· וואס זיינען מיליטעריש שוואכער און קאפיטאליסטיש שטארקער· וואס האבען צום סוף געווירקט אינאיינעם מיט׳ן פאלקסצארן אינ׳ם אייגענעם לאנד· וועלכער האט אויסגעבראכען ווי א ווולקאן· אין וועלכע פארמען די קאַטאַסטראָפע וועט קומען

צו די אנדערע, צו די קליגערע רעפּרעזענטאַנטען פון קאפּיטאליזם און אימפּעריאליזם, און אין וועלכען מאמענט, — וועגען דעם וויל איך בכלל קיין נביאות ניט זאגען, די סאציאלע יסודות, אָן וועלכע ס'קען אין ערגיץ קיין רעוואלוציע ניט פארקומען, זיינען אומעטום פאראן, אבער בכלל באוועגט זיך די רעוואלוציע צו איר ציל און ווערט א גרעסערע זאך, איידער א מרידה, צוליב א באדערפניש אין א פּאליטישער באפרייאונג, און די דאזיגע באדערפניש איז ניט גלייך שטארק אין די איינצעלנע לענדער, וועלכע האבען שוין געהאט זייערע דעמאקראטיש־פּאליטישע רעוואלוציעס. איך גלויב אבער, אז דאס קען מען שוין יא זעהען: וואס פרייער ס'איז אין א לאנד די פּאליטישע באוועגליכקייט, וואס מער די רעגירונגס־איינריכטונגען זיינען מסוגל זיך צוצופּאסען צו דער דעמאקראטיע, אלץ שפּעטער און שווערער וועט קומען די רעוואלוציע. נאר אויך דער קאמף וועט זיין אלץ מוראדיגער און אומפּרוכטבארער, ווען די סאציאלע נויט, די אומגערעכטיגקייט און אומכבוד וועלען מיט זיך ארויסרופען דעם פּאַנטאָם פון דער רעוואלוציע און נאך איר דעם אמת'ן בירגער־קריג, אנשטאט מ'זאל צוטרעטען צום אויפבוי פון סאציאליזם. די סימפּטאָמען, וועלכע האבען זיך קודם כל באוויזען אין דער שווייץ, — אין אן עקעלדיגען זיווג מיט דער מלחמה, מיט מלחמה־געשעפטען און מיט'ן שווייצארישען מלחמה־ערזאץ און מיט דער ניט שווייצארישער מלחמה־דעמאָראליזאציע, — זיינען גענוג קלאר פאר יעדערען, וועלכער קען מאכען א חילוק צווישען פרוכט־בארע מעשים און מוראדיג־אומבאהאלפענע ווילדקייטען און קרעמפּען. דער טעם איז, אז ס'זיינען דא נאר פּאליטישע רעוואלוציעס.

די פארשקלאפטע מאסען וואלטען זיי אפילו ניט אונטערגעשטיצט, אויב אין זיי וואלט די סאציאלע אונטערדריקונג און די ווירטשאפט־ליכע נויט ניט געשטרעבט צו אן אויסלייזונג. אבער די אומגע־שטאלטונג פון די געזעלשאפטליכע איינריכטונגען, פון די אייגענטומס־פארהעלטנישען, פון דער ווירטשאפטליכער ארדענונג קען ניט פארקומען אויף א וועג פון א רעוואלוציע. פון אונטען קען דא בלויז אס אלטע אראפּגעווארפען, צושטערט און בטל ווערען; פון אויבען,

אויך פון א רעוואלוציאנערער רעגירונג אפילו, קען מען נאר מבטל מאכען און רעגירען דורך דעקרעטען. דער סאציאליזם מוז ווערען געבויט, אויפגעשטעלט, אָרגאניזירט אין א נייעם גייסט. דער דאזיגער נייער גייסט הערשט מעכטיג און טיף־פארבארגען אין דער רעוואלוציע: פון ליאַלקעס ווערען מענטשען; פארזשאווערטע פיליסטערס ווערען מסוגל צו א דערשיטערונג, אלץ, וואס האט א פעסטען קיום, אויך דאס, אין וואס די מענטשען גלויבען און אין וואס זיי לייקענען, הויבט זיך אָן צו טרייסלען; דער שכל, וועלכער האט געטראכט בלויז וועגען דעם אייגענעם לעבען, ווערט א לאגיש דענקען און טויזענטער מענטשען זיצען אדער געהען ארום אומרוהיג אין זייערע הייזער און קלערען צום ערשטען מאל אין זייער לעבען וועגען פלענער לטובת הכלל. דאס באקומט א דריסת־הרגל אומעטום. דאס אומגלויבליכע, דער וואונדער, ווערט מעגליך; די ווירקליכקייט, וועלכע איז פארבארגען אין אונזערע נשמות, אין די געשטאלטען און אין דעם ריטם פון דער קונסט, אין די גלויבענס־קאנסטרוקציעס פון דער רעליגיע, אי׳נם חלום און אין דער ליבע, אינ׳ם טאנץ פון די אֵברים און אינ׳ם גלאנץ פון די בליקען, — רייסט זיך צו א פארווירקליכונג בפועל ממש. אבער ס׳בלייבט די אומגעהיירע סכנה, אז די רוטינע און די נאכמאכונג וועט באהערשען אויך די רעוואלוציאנערען און וועט פון זיי מאכען פיליסטערס פון ראדיקאליזם, פון דער שרייעדיגער פראזע און פון דעם זשעסט פון געוואלד־מושלים. די סכנה איז, וואס זיי ווייסען ניט און ווילען ניט וויסען, אז די אומגעשטאלטונג פון דער געזעל־שאפט קען נאר פארקומען אין ליבע, אין ארבייט און אין שטילקייט.

נאך איין זאך ווייסען זיי ניט, ניט קוקענדיג אויף אלע ערפא־רונגען פון די פריהערדיגע רעוואלוציעס. יענע האבען אלע פארגעשטעלט מיט זיך די גרויסע באנייאונג, די שארפע אפפרישונג, די בליהונגס־תקופה פון די פעלקער, אבער דאס בלייבענדע, דאס, וואס זיי האבען באשאפען, איז געווען נישטיג, איז געווען סוף כל סוף נאר א שנוי אין די פארמען פון דער פאליטישער אונטער־דריקונג. אויך די פאליטישע פרייהייט, זעלבסטשטענדיגקייט, דעם

אמת׳ן שטאלץ, די זעלבסבאַשטימונג און די אָרגאַניש־קאָרפּאָראַטיווע צוזאַמענגעבונדענקייט פון די מאַסען דורכ׳ן גייסט, וועלכער פאַר־אייניגט, די פאַרבאַנדען פון פּריוויליגקייט אין געזעלשאַפטליכען לעבען, — אַט דאָס אַלץ קען געבראַכט ווערען נאָר דורכ׳ן גרויסען אויסגלייך, נאָר דורך דער גערעכטיגקייט אין דער ווירטשאַפט און אין דער געזעלשאַפט, — נאָר דורכ׳ן סאָציאַליזם, אין אונזער תּקופה איז אַ דאַנק דעם קריסטליכען גייסט נאָך פון שנים קדמוניות פאַרפעסטיגט געוואָרען אין געוויסען די גלייכהייט פון אַלע מענטשען לויט זייער אַפּשטאַמונג, לויט רעכט און באַשטימונג. ווי אַזוי זאָל קענען אין אַזאַ תּקופה זיין אַ פרייער קיבוץ, וואָס באַשטעהט פון אמת׳ע פרייע געמיינדעס, ווי זאָל מען באַשאַפען אַ פרייען געזעלשאַפטליכען לעבען, וועלכען ס׳זאָל דורכדרינגען דער פייערדיגער גייסט פון מענער און פרויען, וואָס שטופען דאָס לעבען מוטיג און מעכטיג פאָרויס, אויב ס׳איז פאַראַן אין וועלכער ס׳איז פאָרם און אונטער וועלכער ס׳איז מאַסקע די שקלאַפעריי, די גזלה און די אַרויסשטויסונג פון דער געזעלשאַפט?

די פּאָליטישע רעוואָלוציע, אין וועלכער דער גייסט קומט צו אַ הערשאַפט, צו דער מדרגה פון אַ מעכטיגען געבאָט און פון אַ זיכערען ערפאָלג, קען באַפרייען דעם וועג פאַר׳ן סאָציאַליזם, פאַר דער אומוואַנדלונג פון די באַדינגונגען אַ דאַנק דעם באַ־נייטען גייסט. אָבער דורך דעקרעטען וואָלט מען העכסטענס געקענט מאַכען פון די מענטשען מלוכה־קנעכט, וועלכע זאָלען מיט זיך דאַרפען פאַרשטעלען אַ נייע ווירטשאַפטליכע אַרמעי. דער נייער גייסט פון גערעכטיגקייט מוז זיך אַליין נעמען צו זיין אַרבייט און זיך באַשאַפען זיינע פאָרמען פון דער ווירטשאַפט. די אידעע מוז אַרומנעמען די פאָדערונגען פון מאָמענט מיט איר ווייטען בליק און געשטאַלטען מיט אַ פעסטער האַנט, דאָס, וואָס איז געווען ביז אַהער אַן אידעאַל, ווערט אַ פאַרווירקליכונג אין דער באַנייאונגס־אַרבייט, וועלכע איז געבאָרען געוואָרען אַ דאַנק דער רעוואָלוציע און פון איר.

די נויטיגקייט פון סאציאליזם איז פאראן׳ דער קאפיטאליזם צופאלט׳ ער קען מער ניט ארבייטען׳ די פיקציע׳ אז ס׳ארבייט דער קאפיטאל׳ פלאצט ווי א זייפען־בלאז׳ די איינציגע זאך׳ וועלכע ציהט דעם קאפיטאליסט צו זיין ארבייט׳ צו ריזיקירען מיט זיין פארמעגען און צו פירען די אונטערנעמונג: דער פראפיט ווינקט אים ניט צו מער׳ די צייט פון דער רענטאַביליטעט פון קאפיטאל׳ פון צינזען און עקספלאטאציע דורך פראצענט איז אוועק; די ווילדע מלחמה־פארדינסטען זיינען געוועזן איר מתים־טאנץ׳ נאר די א ר ב י י ט קען ברענגען די ישועה׳ אז מיר זאלען ניט אונטערגעהען אין אונזער דייטשלאנד׳ באמת און פשוטו כמשמעו — אונטערגעהען; די אמתע ארבייט׳ וועלכע איז אָנגעפילט מיט אן ארבייטס־ברידערליכען גייסט׳ וועלכער איז ניט דורשטיג נאך פראפיט׳ די אנגעפירטע׳ ארגאניזירטע ארבייט׳ וואס איז באפרייט פון אפצאל פאר דעם קאפיטאל׳ אן ארבייט׳ וואס שאפט ווערטען אָן אויפהער׳ וועלכע באשאפט ווירקליכקייטען׳ וועלכע מאכט די פראדוקטען פון דער נאטור ראוי פאר׳ן מענטשליכען געברויך און איז זיי משנה׳ ס׳הויבט זיך אָן די תקופה פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט׳ אדער—ס׳איז געקומען דער סוף׳ די טעכניק האט געגעבען דער מענטשהייט א הערשאפט איבער נאטור־כוחות׳ וועלכע זיינען שוין באקאנט פון אור־אלטע צייטען און וועלכע זיינען פון דאס ניי אנדעקט געווארען׳ וואס מער מענטשען באארבייטען די ערד און אירע פראדוקטען׳ אלץ מער גיט זי ארויס׳ די מענטשהייט קען לעבען בכבודיג און אָן דאגות׳ קיינער דארף ניט זיין פארשקלאפט ביי אנדערע מענטשען׳ קיינער דארף ניט זיין א עלענדער׳ קיינער דארף ניט זיין אָן א באזיץ׳ פאר קיינעם דארף די ארבייט׳ וועלכע גיט די מיטלען צום לעבען׳ ניט ווערען קיין קללה און קיין פלאג׳ אלע קענען לעבען פאר דעם גייסט׳ פאר דער נשמה׳ פאר דער פאנטאזיע און פאר גאט׳ די רעוואלוציעס און זייער שוידערליך־לאנגע׳ טרויעריגע פארגעשיכטע לערנען אונז׳ אז נאר די אויסערסטע נויט׳ נאר דער געפיל פון גסיסה ברענגט די מענטשליכע מאסען צום שכל; צום שכל׳ וועלכער איז

פון תמיד די נאטור פון חכמים און פון קינדער, וואס פאר א שרעק־ליכע זאכען, וועלכע חורבנות, וועלכע צרות, מכות איבער גאנצע לענדער, מגפות, שרפות, און גרויל פון ווילדקייט קענען מיר נאך ערווארטען, אויב ס׳וועט ניט קומען אין דער דאזיגער פאַטאַלער שעה צו די מענטשען דער שכל, דער סאציאליזם, די פירונג דורכ׳ן גייסט און די שליטה פון גייסט?

דער קאפיטאל, וואס איז געווען ביז אהער דער פּאַראַזיטישער געניסער און דער הער, מוז ווערען דער קנעכט, בלויז נאר אזא מין קאפיטאל קען דינען ביי דער ארבייט, וועלכער שטעלט מיט זיך פאר א געמיינשאפט, געגענזייטיגקייט, א גלייכקייט פון טויש. איר ליידענדע מענטשען, שטעהט איר נאך אלץ אומבאהאלפען פאר דעם, וואס איז אזוי זעלבסטפארשטענדליך און קינדערש לייכט? אויך אין דער איצטיגער שעה פון מעשים? בלייבט איר נאך אלץ, אזוי ווי איר זייט פון לאנג געווען, ווי די חיות, וואס האבען פארלארען דעם אינסטינקט, וואס זיינען געווארען נאריש צוליב דעם שכל, וועלכער איז זיי געגעבען געווארען ווי א מתנה? זעהט איר נאך אלץ ניט דעם איינציגען פעלער, וועלכער ליגט נאר אין אייער שטאלצער בארימעריי און אין דער פוילקייט פון אייערע הערצער? וואס אזוינס מ׳דארף טאן — איז א קלארע און א פשוטע זאך, דאס באגרייפט א קינד אפילו: די מיטלען זיינען דא, דאס זעהט יעדערער, וועלכער קוקט זיך נאר ארום, דער געבאט פון גייסט, וועלכער האט די אנפירונג אין דער רעוואלוציע, קען העלפען דורך גרויסע מעשים און אונטערנעמונגען, ווארפט זיך אונטער דעם גייסט, קליינע אינטערעסען טארען ניט שטערען, אבער ס׳שטעהען אויפ׳ן וועג צו דער גרויסער און גאנצער זאך, צו וועלכער מ׳וויל זיך דערשלאגען, בערג פון מיסט, וואס זיינען אנגעשליידערט געווארען פון דעם פריהערדיגען מיאוסען מצב אויף די אומשטאנדען און אפילו אויף די נשמות פון די מאסען. א וועג איז פריי, פרייער, ווי ווען ס׳איז, די רעוואלוציע וועלען העלפען און דער שטורעם: דו, יעדער מענטש ביזט גערופען, דו מיט דיינע נאנטע, צו מאכען א התחלה אין א קליי־נעם מאסשטאב און אין גייסט פון פרייוויליגקייט תיכף, אומעטום!

אויב ניט איז געקומען דער סוף׳ביים קאפיטאל ווערט צוגענו־
מען די רענטע׳ דורך די ווירטשאפטליכע פארהעלטנישען׳
דורך די פאדערונגען פון דער מלוכה׳ דורך די מלוכה־חובות צו
אנדערע נאציעס׳ דאס׳ וואס א פאלק איז שולדיג אנדערע פעלקער
און זיך גופא׳ דריקט זיך אויס תמיד פינאנץ־פאליטיש אין חובות׳
פראנקרייך האט זיך באפרייט אין דער צייט פון דער רעוואלוציע
אויף א ווונדערליכען אופן פון די חובות פונ׳ם אלטען רעזשים
און פונ׳ם אייגענעם פינאנציעלען תהו ובהו דורך דעם גרויסען
אויסגלייך א דאנק דער פארטיילונג פון די גרויסע שטיקער ערד
און דורך דעם חשק צו ארבייט און צו אונטערנעמונגען׳ וועלכע
ס׳האט מיט זיך געבראכט די באפרייאונג פון די קייטען׳ אונזער
רעוואלוציע קען און דארף פארטיילען ערד אין א גרויסער מאס׳
זי קען און דארף שאפען א נייעם און א באנייטען פויערים־קלאס׳
אבער זי קען געוויס ניט ברענגען פאר׳ן קאפיטאל א חשק צו
ארבייטען און אונטערנעמען׳ פאר די קאפיטאליסטען איז די
רעוואלוציע ניט מער ווי דער סוף פון קריג: א קאטאסטראפע
און א חורבן׳ ניט בלויז די רענטע פעלט זיי׳ זייערע פאבריקאנטען
און סוחרים: ס׳פעלען זיי׳ און ס׳וועלען זיי פעלען׳ די רוי־שטאפען
און דער וועלט־מארק׳ א חוץ דעם איז דער נעגאטיווער באַ־
שטאנד־טייל פון סאציאליזם א פאקט און מ׳קען אים בשום אופן
ניט מבטל מאכען: די פולשטענדיגע אפנייגונג פון די ארבייטער׳
וועלכע וואקסט פון שעה צו שעה׳ זייער גייסטיגע אומפעהגקייט
צו פארדינגען זיך ווייטער צו דעם קאפיטאליזם׳

דער סאציאליזם מוז בכן ווערען געבויט; אין סאמע מיטען פון דער
קאטאסטראפע׳ פון די באדינגונגען פון דלות׳ פון דעם
קריזיס׳ פון די איינריכטונגען פון מאמענט מוז ער אנהויבען צו
ווערען פארווירקליכט׳ איך וואלט וועלען ערשט זאגען׳ ווי אין
דער דאזיגער שעה׳ אין אט דעם דאזיגען טאג׳ מוז ערשט גע־
שאפען ווערען די גרעסטע ברכה פון די גרעסטע צרות׳ די
נייע ארבייטס־קערפערשאפטען—פון דער קאטאסטראפע פונ׳ם קאפיטא־
ליזם און פון דחקות פון די לעבעדיגע מענטשליכע מאסען׳ איך

וועל ניט פארפעלען אנצואווייזען תמיד יענע ארבייטער, וועלכע האלטען זיך היינט, מער ווי ווען ס'איז, פאר די איינציגע ארבייטער, דהיינו: די אינדוסטריע־פראלעטאריער, וואס פאר א טפשים זיי זיינען, ס'ארא ווילדע פארגליווערונג, פוילקייט און אומפעהיגקייט ס'הערשט אין זייער גייסט און געפיל, ווי אומפאראנטווארטליך זיי זיינען און ווי אומפעהיג צו א פאָזיטיווערווירטשאפטליכער אָרגאניזאציע און צו דער אַנפירונג פון פאבריקען, ווייל דורך דעם, וואס מ'באפרייט מענטשען פון יעטוועדער שולד פאר זייערע מעשים און מען עַרקלערט זיי פאר פראדוקטען פון די סאציאלע באדינגונגען, מאכט מען ניט די דאזיגע פראדוקטען פאר דער געזעלשאפט אנדערש, ווי זיי זיינען, די נייע וועלט דארף אויפ־געבויט ווערען ניט מיט די סבות פון די מענטשען, נאר מיט די מענטשען גופא. איך וואלט תיכף וועלען צוטרעטען אויפצורופען די באאמטע פון דער מלוכה, פון די געמיינדעס, פין די קאָ־אָפעראטיוועץ און פון די גרויסע אונטערנעמונגען, טעכנישע־און האנדעלס־אנגעשטעלטע און דירעקטארען, די ערליכע מענטשען, וועלכע שטרעבען צו באנייען זיך, צווישען די סך אונטערנעמער וואס זיינען איצט געווארען איבעריג אויף זייערע ערטער, יוריסטען, אָפיצירען, רופען זיי צו א מיטהילף, וועלכע דארף זיין עניוות'דיג, פראקטיש, פלייסיג, און דארף געטריבען ווערען דורכ'ן גייסט פון דער געמיינשאפט און דורך דער פערזענליכער אָריגי־נאַליטעט. *) איך וועל באקעמפען אויפ'ן שארפסטען אופן די פאפירענע געלט־מאכעריי פון דער מלוכה, וועלכע הייסט היינט

* די דאזיגע ווערטער זיינען שוין נאכ'ן אנשרייבען געווידמעט דעם אנדענק פונ'ם דירעקטאר פון קוילען־גרובען יאקישי. אים האט באהערשט דער גייסט פון דער רעוואָ־לוציע און ער האט פרייוויליג מקריב געווען זיין לעבען. ס'מאכט ניט אויס, וואס ער איז געווען א קאנסערוואטיאר, ס'שאדט ניט, וואס ער האט געגלויבט, אז ער ווירקט מיט זיין טויט קעגען דעם "סאציאליזם", דאס, וואס ער האט געטאן, איז א רעוואלוציאנערע טאט אין דעם זין, אז די רעוואלוציע וועקט אויף דאס בעסטע און אור־אינדיווידועלסטע און גיט עס אוועק פריי און העלדיש פאר דעם כלל. דער דאזיגער מענטש האט, קלאר דענקענדיג און זייענדיג איגעווענינג אנטשלאסען, מודיע געווען אין דער פאלגענדער צוואה צוליב וואס ער האט מקריב געווען זיין לעבען:

"צו די בארג־ און פאבריק־ארבייטער אין אויבערשלעזיען! נאכדעם ווי מיר האבען זיך אומזיסט באמיט אויפצוקלערען אייך מיט רייד, האב איך זיך אנטשלאסען צו פרובען דאס

געלט־סיסטעם, און כ׳וועל קעמפען, געגען דער פארזארגונג פון די ארבייטסלאזע מיט די דאזיגע אזוי גערופענע געלט, בעת יעדער געזונטער מענטש, אלץ איינס וואס פאר א פראפעסיע ער האט געהאט ביז איצט, דארף זיך באטייליגען ביים אויפבוי פון דער נייער ווירטשאפט, ביים ראטעווען פון דער גרעסטער סכנה, אומעטום וואו ס׳מוז ווערען געבויט און געפלאנצט, אויף ווי ווייט און אויף וויפיל ס׳איז נאר מעגליך און ס׳קען געטאן ווערען. איך וואלט וועלען הייסען, אז מ׳זאל אויסנוצען די מיליטערישע ביוראקראטיע, וואט געהט איצט ארום ליידיג, כדי די ארבייטסלאזע פון קאפיטאליזם זאלען אפגעפירט ווערען אין יענע ערטער אריין, וואו ס׳דארף זיי האבען די אונטערשטיצונג דורך ארבייט, די נויט־ווירטשאפט, וועלכע מוז ווערען א גליק־ווירטשאפט. איך רוף צו דער שטארקסטער רעוואלוציאנערער ענערגיע, וועלכע זאל אנהויבען די רעטונגס־ארבייט און דעם סאציאליזם פון דער ווירקליכקייט. אין דעם דאזיגען אָרט דארף זיין אין פארויס צו־זאמענגעפאסט דאס, וואס איך האב תּמיד געזאגט נאכאנאנד אין דעם אויפרוף, וועלכער וועט דא קומען, און אין די ארטיקלען פון מיין „סאציאליסט“, וועלכע געהערען צו אים כדי אים ממלא צו זיין (1909־1915): דער סאציאליזם איז מעגליך און צוגענגליך

צו טאן מיט מיין טויט. איך וויל שטארבען, כדי צו באווייזען, אז די דאגות, וועלכע איר האט ארויפגעווארפען אויף אונזער עקזיסטענץ, אויף וועלכער איר קוקט מיט קנאה, זייגען ערגער, ווי דער טויט. זייט וויסען בכן: אז איך בין מקריב מיין לעבען, כדי אייך צו לערנען, אז איר פאר־לאנגט אוממעגליכע זאכען. הערט פון קבר דאס, וואס איך זאג אייך: באהאנדעלט ניט שלעכט און פאריאגט ניט אייערע באאמטע. איר נויטיגט זיך אין זיי און איר וועט ניט געפינען קיין אנדערע, וואס זאלען זיין גרייט צו ארבייטען מיט משוגעים. איר נויטיגט זיך אין זיי, ווייל איר קענט ניט אנפירען מיט דער אונטערנעמונג אן דירעקטארען. אויב ס׳פעלען די פירער, געהט אונטער דעמאלט דער באטריב, און איר מוזט ליידען הונגער. מיט אייך — — אייערע פרויען, אייערע קינדער און הונדערטער טייזענטער אומשולדיגע בירגער. די דרינגענדע התראה, מיט וועלכער איך ווענד זיך צו אייך, רופט אייך צו פלייסיגע ארבייט. נאר דעמאלט ווען איר וועט ארבייטען מער, ווי פאר דער מלחמה, און אייערע פאדערונגען וועלען זיין באַ־שיידענער, קענט איר רעכענען אויף א צופלוס פון לעבענס־מיטלען און אויף ביליגע פרייזען, ווייל איך געה שטארבען פאר אייך, שיצט מיין פרוי און מיינע ליבע קינדער, העלפט זיי, אויב זיי וועלען אריינפאלען אין נויט צוליב אייער משוגעת״.

בארזיגוועק, 11 יאנואר 1919.

יאָקיש.

ביי יעטוועדער פארם פון דער ווירטשאפט און פון דער טעכניק; ער איז ניט געבונדען צו דער גרויס־אינדוסטריע פאר׳ן וועלט־מארק; ער טאר זיך ניט באנוצען מיט דער אינדוסטריעלער און סוחרישער טעכניק פון קאפיטאליזם פונקט אזוי, ווי ער טאר ניט אויסנוצען די געזינונג, פון וועלכער ס׳האט זיך באשאפען די דאזיגע מיאוסע פארם פון דער ווירטשאפט. ער מוז זיך באפרייען פון דער פארדארבענקייט, אנהויבענדיג פון די קליינע פארהעלטנישען, אנהויבענדיג פון דלות און פון דער ארבייטס-פרייד, מחמת ער דארף מאכען א התחלה און די פארווירקליכונג פון גייסט און פון די מדות טובות קומט קיינמאל ניט פאר אויף א נארמאלען אופן און דורך גרויסע מאסען, נאר תמיד בלויז ווי א קרבן פונ׳ם מיעוט און אלס אן ארויסטריט פון פיאנערען. אין נאמען פון סאציאליזם כדי זיך צו העלפען און כדי אויסצולערנען זיך: וואס אזוינס איז גערעכטיגקייט און געמיינשאפט, מוזען מיר זיך אומקערען צוריק צו ערד־ארבייט און צו א פאראייניגונג פון אינדוסטריע, האנטווערק און לאנדווירטשאפט. אלץ, וואס פעטער קראָפּאָטקין האט אונז געלערנט אין זיין בוך, וואס איז איצט אויסערגעוואוינליך וויכטיג, „דאס פעלד, די פאבריק און דער ווארשטאט", וועגען די מעטאדען פון אן אינטענסיווער באארבייטונג פונ׳ם באדען און פון דער ארבייטס־פאראייניגונג, אויך פון דער פאראייניגונג פון דער גייסטיגער ארבייט מיט דער האנט־ארבייט, די נייע געשטאלט פון דער קאָאָפּעראציע און פונ׳ם קרעדיט און פון די געלט, — דאס אלץ מוז איצט באנוצט ווערען אין דער שארפסטער נויט. דאס קען ערשט אויסגעפראבירט ווערען דורך א חשק צו שאפונג. די נויט פאדערט צו מאכען א התחלה און צוטרעטען צום אויפבוי אין גייסט פון פרייוויליגקייט, אבער אונטער דער סכנה פון הונגער, ווייל אויב ניט — זיינען מיר פארלארען.

דאס לעצטע ווארט נאך, דאס סאמע ערנסטע: אויף א גלייכען אופן, ווי מיר זיינען גרייט צו מאכען פון דער גרעסטער צרה די גרעסטע מזל־ברכה, די התחלה פון סאציאליזם באשאפען פון דער ארבייט איבער געוואלט בעת א געזעלשאפטליכען קריזיס און באשאפען

איר פון א פראָוויזאָריאום פון סאציאליזם, זאל אויך אויף אזא אופן אונזער חרפה ווערען פאר אונז א כבוד. זאל אונז ניט דאגה'ן די פראגע, ווי אזוי ס'וועט עקסיסטירען אונזער סאציאליסטישע רעפובליק, וועלכע אנטשטעהט פון א מפלה און פון א קאַטאסטראָפע, צווישען די זיגרייכע מלוכות, צווישען די מדינות, וואס זיינען נאך לעת־עתה פארקנעכט צום קאפיטאליזם, צווישען די מלוכות פון די גבירים. לאמיר ניט בעטלען, לאמיר ניט מורא האבען פאר קיין זאך, לאמיר ניט קוקען אויף אנדערע מיט קנאה: לאמיר זיך האלטען, ווי אן איוב צווישען די פעלקער, וועלכער איז געקומען דורך יסורים צו מעשים, וועלכער איז פארלאזען געווארען פון גאט און פון לייטען, כדי גאט און לייטען צו דינען, לאמיר בויען אונזער ווירטשאפט און די איינריכטונגען פון אונזער געזעלשאפט אזוי, אז מיר זאלען זיך פרייען מיט אונזער שווערער ארבייט און מיט אונזער בכבודיגען לעבען. איין זאך איז זיכער: אויב ס'וועט אונז גוט געהן אין ארימקייט, אויב אונזערע נשמות וועלען זיין פריילידך, וועלען די ארימע און די ערליכע ביי אלע אנדערע פעלקער נאכטאן אונזער ביישפיל. קיין זאך אין דער וועלט האט ניט אזא כוח, וואס איז תמיד מנצח, וועלכען מ'קען ממש ניט ביישטעהן, ווי דאס גוטע. מיר זיינען געווען אפגעשטאנענע אין ענין פאליטיק, מיר זיינען געווען די גרעסטע בעלי־גאוה'ס און די חוצפה'דיגסטע שקלאפען. דער אומגליק, וועלכער איז אויף אונז דערפאר געקומען מיט דער נויט־ווענדיגקייט פון א שיקזאל, האט אונז געטריבען צו א מרידה געגען אונזערע הערשער, האט אונז געבראכט צו א מצב פון רעוואלוציע. אויף אזא אופן זיינען מיר געקומען מיט איין קלאפ, מיט'ן קלאפ, וועלכער האט אונז געטראפען, צו דער מדרגה פון פירערס. מיר דארפען פירען צום סאציאליזם. ווי וואלטען מיר אנדערש געקענט פירען, אויב ניט דורך אונזער ביישפיל? דער תהו ובהו איז פאראן; ס'זעהט זיך פארויס א נייע אַקטיוויטעט און א דערשיטערונג. ס'ערוואכען די גייסטער, די נשמות דערהויבען זיך צו א פאראנטווארטליכקייט, די הענט — צו מעשים. זאל קומען פון דער רעוואלוציע די ווידער־געבורט. און ווייל מיר נויטיגען זיך קודם כל אין נייע ריינע מענטשען,

וועלכע זאלען אראפקומען פון טונקעלע, אומבאקאנטע, טיפע מרחקים, טא זאלען די דאזיגע מענטשען, וואס קומען כדי צו באנייען, כדי מטהר צו זיין און אויסלעזען, ניט פעלען אונזער פאלק. לאנג זאל לעבען די רעוואלוציע און וואקסען און שטייגען אין שווערע און וואונדערליכע יארען אויף נייע מדרגות. זאל דער נייער, דער שאפענדער גייסט, וועלכער באשאפט ערשט כראוי די נייע פארהעלטנישען, אריינשטראמען אין די פעלקער, ארויסגעהענדיג פון זייער אויפגאבע, פון זייערע באדינגונגען, פון דאס, וואס איז אפגרונדטיף, וואס איז אייביג און קאטעגאָריש־פעסט. זאל פון דער רעוואלוציע ארויסקומען אֹ רעליגיע, א רעליגיע פון מעשים, פון לעבען, פון ליבע, וואס זאל מאכען גליקליך, באפרייען און גובר זיין. וואס איז דאס לעבען? מיר וועלען שטארבען באלד, מיר וועלען אלע שטארבען, מיר וועלען גארניט לעבען, נאר דאס, וואס מיר מאכען פון זיך, לעבט, נאר דאס לעבט, וואס מיר הויבען אָן מיט זיך צו טאן. ס׳לעבט די שאפונג און ניט די באשעפעניש, ס׳לעבט נאר דער שאפער, ס׳לעבען בלויז די מעשים פון ערליכע הענט און די שליטה פון א ריינעם, אמת׳ן גייסט.

מינכען, 3 יאנואר 1919. גוסטאוו לאנדויער.

פון דער הקדמה
צו דער ערשטער אויפלאגע׳

אין מיין בוך „די רעוואלוציע״ (פראנקפורט א׳ מיין 1907) האב איך געזאגט:
„אונזער וועג פירט דערצו׳ אז די מענטשען׳ וואס זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג און צום געפיל פון דער אינערליכער אוממעגליכקייט צו פירען ווייטער אזא לעבען׳ זאלען זיך צוזאמענ־בינדען אין פארבאנדען און זאלען ארבייטען לטובת זייער פארברויך׳ זיי וועלען זיך דעמאלט תיכף אנשטויסען אָן די ראמען׳ וועלכע די מלוכה האט זיי אוועקגעשטעלט: ס׳וועט זיי פעלען ערד׳ דער באדען׳ דא איז דער פונקט׳ וואו די רעוואלוציע׳ וואס איבער איר האבען מיר גערעדט ביז אהער׳ נעמט אָן אזא געשטאלט׳ פון וועלכער מ׳קען קיין זאך ניט פארויסזאגען׳ ווייל זי איז נאך ווייט׳ מ׳קען דא אויך גארניט זאגען וועגען דער סאציאלער אויפלעבונג׳ אויף וועלכער ס׳איז דא נאר נויטיג געווען אנצוווייזען מיט א רמז; ס׳הענגט אפּ פון דער אפּווארטונג פון דאס קומענדע׳ ווי מ׳זאל אפּ־שאצען די התחלות און די ריכטונגען׳ וועלכע זיינען שוין פאראן; דאך האף איך אָנצוקניפּען ווידער דעם פאדים און באהאנדלען דעם קומענדיגען סאציאליזם אין א פולען צוזאמענהאנג״.

היינט׳ ווי איך וועל אזוי גיך ניט קומען דערצו׳ אנצושרייבען דעם בוך׳ וועלכען כ׳האב צוגעזאגט מיט די דאזיגע ווערטער׳ זאל מען זיך לעת עתּה באנוגענען מיט דער לעקציע׳ וועלכע קומט דא׳ מ׳טאר אבער אויף קיין רגע ניט פארגעסען׳ אז ס׳איז א לעקציע און ניט מער׳ אנדערע זאכען מוזען אפט געזאגט ווערען קורץ און אפט מוז דער טאָן׳ וועלכער דריקט אויס מיט קראפט די געפילען׳ פארנעמען דעם ארט פון א פולער באגרינדונג; דער שטראם פון די רייד וויל ניט בלייבען שטעהען אויף איין ארט׳ זאל מען אויסנוצען די מעלה׳ וואס ס׳איז א געדרוקטע לעקציע; זאל מען האבען אין זינען׳ אז פאר אנדערע זאצען׳ וועלכע שטעהען דא׳ וואלט זיך געפאדערט א בוך׳ כדי זיי צו באגרינדען און אנטוויקלען; זאל מען פארלאזען א מאל דעם רעדנער און אריינטראכטען זיך ווייטער

אליין אין דעם איינצעלנעם פרט; אפשר וועט מען דעמאלט איינ־געפינען, אז דאס, וואס איז דא געזאגט געווארען אין א קורצער פארם, דארף נאך צוליב דעם גופא ניט געהאלטען ווערען פאר א השערה, וועלכע איז ניט דורכגעטראכט געווארען ביז׳ן סוף און איז געווארען ארויסגעזאגט אָן א יסודי.

איך האב אויסגעקליבען די פארם פון א לעקציע, ווייל די דאזיגע פארם ווערט תמיד באנוצט צו ערפילען איינע צווישען די אויפגאבען פון דער שפראך — כדי צו רופען צו זיך אנדערע מענטשען, און ווייל דאס מאל איז עס טאקע מיין ציל. אודאי רייד איך דא אנדערש, ווי אויף א פארזאמלונג, איך רייד דא צו א ווייטען אומבאקאנטען קרייז, וועלכען ס׳זעהט פאר זיך דער איינזאמער יחיד אין זיינע ארבייטס־שעה׳ן ביינאכט ביים שרייבטיש.

בשעת כ׳האב געהאלטען די לעקציע צום ערשטען מאל דעם 26 מאי און 14 יוני 1908 האב איך צום סוף פון דער צווייטער לעקציע צוזאמענגעפאסט דעם תוכן אין „צוועלף עיקרים פונ׳ם סאציאליסטישען בונד", וואס זיינען איבערגעגעבען אין דער ביילאגע אין זייער אומפארענדערטען נוסח. מיט דעם איז געגרינדעט גע־ווארען דער „סאציאליסטישער בונד" און די ערשטע, וועלכע האבען געוואלט צו אים צושטעהן, האבען זיך געמאלדען באלד אויף דער פארזאמלונג. תיכף האט זיך געגרידעט די ערשטע גרופע, די גרופע „ארבייט" אין בערלין. ביים היינטיגען טאג עקסיסטירען אין דייטשלאנד און אין דער שווייץ ניינצען פולקאם אָרגאניזירטע און א גרויסע צאל ניט באקאנטע גרופען. אין אנהויב 1909 האט אנ־געהויבען ארויסצוגעהען דער האלב־חודש זשורנאל „דער סאציאליסט", אין וועלכען איך און אנדערע אנטוויקלען ווייטער אונזערע אידעען, שטרע־בען זיי אויסצופרובען אויף די צושטאנדען און אויף די געשעהענישען ביי די פעלקער, אויפן לעבען פון די געמיינדעס, פון די פאמיליעס, פון די יחידים.

חוץ דעם האבען מיר ביז אהער ארויסגעגעבען דריי פלוגבלעטער, וואס זיינען פארעפענטליכט געווארען צוזאמען מיט א דין וחשבון איבער דער ביזערשטיגער טעטיגקייט פון „בונד" אין א בראשור.

הערמסדארף ביי בערלין, מערץ 1911.

I

ווער ס'רופט צום סאציאליזם מוז וויסען, אז סאציאליזם איז אזא זאך, וועלכע איז ניטא אויף דער וועלט, אדער כמעט ווי ניטא; וועלכע איז נאך ניטא אדער שוין מער ניטא. מ'וואלט געקענט טענה'ן: „אודאי איז ניטא אויף דער וועלט א סאציא־ליזם, די סאציאליסטישע געזעלשאפט. זי איז נאך ניטא. ס'זיינען אבער פאראן שטרעבונגען, וואס ווילען צו איר דערגרייכען: באגריפען, פארשטעלונגען, לערעס וועגען דעם, ווי אזוי זי וועט קומען". ניין, ניט דאס מיינט מען מיט יענעם סאציאליזם, צו וועלכען ס'ווערט דא גערופען. גיכער פארשטעה איך מיט'ן סאציאליזם: א טענדענץ פון דעם מענטשליכען ווילען און א בליק אויף די באדינגונגען און די וועגען, וואס פירען צו דער פאר־ווירקליכונג. און ועל כלם זאג איך: אזוי גוט ווי גאר ניט, אזוי שלעכט ווי ס'קען נאר זיין, איז דער דאזיגער סאציאליזם פאראן. על כן רעד איך צו יעדער איינעם, וואס וויל זיך צוהע־רען צו מיר, און איך האף, אז מיין שטימע וועט סוף כל סוף אריינדרינגען צו אנדערע, צו א סך מענטשען, וואס ווילען זיך צו מיר ניט צוהערען, — רוף איך צום סאציאליזם.

וואס איז ער? וואס ווילען די מענטשען, וועלכע טענה'ן וועגען סאציאליזם? און וואס אזוינס רופט זיך אָן היינט מיט'ן דאזיגען נאמען? ביי וועלכע תּנאים און אין וועלכען מאמענט פון לעבען פון דער געזעלשאפט — פון דער אנטוויקלונג, ווי מ'זאגט עס געוואוינ־ליך, — קען ער ווערען א ווירקליכקייט?

דער סאציאליזם איז א שטרעבונג צו שאפען א נייע ווירקליכקייט מיט דער הילף פון אן אידעאל. דאס מוז געזאגט ווערען קודם כל, הגם דאס ווארט אידעאל איז געווארען א שם־רע צוליב די קלאגעדיגע צבועים אין מיאוסע פחדנים, וועלכע האבען ליב זיך א נאמען צו גע־בען אידעאַליסטען, ווי אויך צוליב די פיליסטערס און וויסענשאפטס־טאַנדעטניקעס, וועלכע גיבען זיך גערן דעם נאמען רעאַליסטען. אין צייטען פון ירידה, פון אומקולטור, פון גייסטלאַזיגקייט און דלות מוזען די מענטשען, וועלכע ליידען ניט נאר אויסערליך, נאר, ראשית כל

אינערליך. פונ׳ם דאזיען ארומיגען מצב, וועלכער נעמט זיי דורך ביז אין זייער תוך אריין, ביז אין זייער לעבען, נעמט ארום דעם געפיל און רצון, מוזען די מענטשען, וועלכע ראנגלען זיך געגען דעם, האבען אן אידעאל. זיי זיינען תופס די חרפה, דעם דרוק, די בזיונות פון זייער מצב. זיי שפירען אן אומבאשרייבליכען עקעל צום דלות און צו די בזיונות, וואס רינגלען זיי ארום, ווי א זומפ; זיי האבען אן ענערגיע, וועלכע טרייבט זיי פארויס און בכן — א בענקשאפט נאך א בעסערע צוקונפט; און ס׳שטייגט אויף דערפון פאר זייערע אויגען א בילד אין א הימלישער פראכט, אין א שלימות, פון א גוטען, פון א ריינעם און נוצ־ליכען אופן פון א מענטשליכען צונויפלעבען זיך, וואס זאל ברייגען פאר די מענטשען פרייד. זיי זעהען פאר זיך דאס, וועס קען קומען, בעת א גאנץ פאלק, גאנצע פעלקער וועלען תופס זיין דאס נייע מיט אן אינעוועניגסטער התלהבות און וועלען ווירקען אויפ׳ן אויסערליכען לע־בען, כדי צו מאכען דערפון א ממשות. און דעמאלט זאגען זיי שוין ניט: ס׳קען אזוי זיין, זיי זאגען אדרבה: ס׳דארף, ס׳מוז אזוי זיין, זיי זאגען ניט, אויב זיי אנאליזירען נאר לכתחילה אין תוך די ביזאיצטיגע געשיכטע פון דער מענטשהייט, וועלכע איז אונז באקאנט: דער דאזיגער אידעאל מוז מקוים ווערען אזוי נאקעט, אזוי אויסגערעכענט, אזוי אויסגעמאסטען, ווי ער איז אויפ׳ן פאפיר, זיי ווייסען גוט: דער אידעאל איז דאס אויסערסטע אין פראכט און לעבענס־פרייד, וואס שטעהט פאר זייער געמיט, פאר זייער גייסט, ער איז א שטיק גייסט, ער איז שכל, גע־דאנק, די ווירקליכקייט זעהט אבער קיינמאל ניט אויס פולקאם גלייך צו די געדאנקען פון די יחידים. אגב וואלט זיין אן אומעט, אויב ס׳וואלט אזוי געווען, ווייל מיר וואלטען געהאט די וועלט טאפעל: איינמאל אין רעיון, וועלכער איז מקדים די צוקונפט, און נאך א מאל פונקט אזוי ווידער אין דער אויסערליכער וועלט. ס׳איז קיינמאל אזוי ניט געווען און ס׳וועט קיינמאל אזוי ניט זיין. ניט דער אידעאל ווערט א ווירקליכקייט, נאר דורך דעם אידעאל, בלויז דורכ׳ן אידעאל ווערט אין אונזערע צייטען אונזער ווירקליכקייט. מיר זעהען פאר זיך עפעס אזא זאך, וואס הינטער איר קענען מיר זיך ממש קיין שום בעסערע, קיין שום מעגליכע זאך ניט פארשטעלען; מיר באנעמען דאס אויסער־

סטע און מיר זאגען זיך: אט דאס וויל איך: און דעמאלט ווערט אלץ געטאן, כדי דאס צו באשאפען, אבער — אלץ! ס׳קומט איבער׳ן יחיד ווי א מין גלוי־השכינה, ווי ס׳וואלט אים עפעס אויפגעלויכטען פאר די אויגען, און ער זוכט זיך חברים, באגלייטער; ער געפינט—אט זיינען אנדערע, ביי וועלכע דאס איז שוין געקומען עפעס ווי א מין דערשיטערונג און א שטורעם איבער׳ן גייסט און אין הארצען; דאס ליגט אין דער לופט פאר אלע, וועלכע זיינען זיינס גלייכען, ווידער אמאל געפינט ער אזעלכע, וואס האבען נאר לייכט געדרעמעלט, איבער זייער שכל איז נאר געלעגען א מין דין הייטעל, איבער זייער ענערגיע — נאר א לייכטער שלאף. אט זיינען זיי צוזאמען, די חברים זוכען זיך וועגען, זיי ריידען פאר גרעסערע גרופען, פאר די מאסען אין די גרויסע שטעדט, אין די קלענערע שטעדט, אין דארף. די מאטעריעלע נויט העלפט צו דערוועקען די גייסטיגע; דער הייליגער געפיל פון אומצופרידענקייט באוועגט זיך און טרייסעלט זיך אויף. עפעס אזוינס ווי גייסט קומט איבער׳ן מענטשען: גייסט איז געזעלשאפטליכער גייסט; גייסט איז צוואנג און פרייהייט, גייסט איז א מענטשליכער בונד, באלד וועלען מיר עס זעהען נאך קלארערי. און וואו ס׳איז דא גייסט, איז דא פאלק, וואו—א פאלק איז דא א קלין, וועלכער שטופט פארויס, איז א ווילען, וואו ס׳איז דא א ווילען, איז דא א וועג, דאס איז שוין א כלל, אבער — נאר דארט, וואו דער ווילען איז פאראן, איז דא א וועג, און ס׳ווערט כסדר ליכטיגער, ס׳דרינגט כסדר טיפער; העכער און העכער הויבט זיך דער שלייער, דער נעץ, דער זומפ־געוועב פון דער דערשלאגענקייט. א פאלק שליסט צוזאמען זיינע רייען, דאס פאלק וואכט אויף, ס׳קומען פאר מעשים, באלד זעהט מען איין, ווי לייכט ס׳לאזען זיך באזייטיגען כלומרשטע מניעות, און דער פאראייניגטער כוח איז גובר פארשידענע שטערונגען, ווייל גייסט איז התלהבות, איז מאכט, איז א באוועגונג, וואס לאזט זיך ניט איינהאלטען פון קיין זאך אין דער וועלט, ווי א שטראָם, אט אהין וויל איך — ! דער דאזיגער קול, דער דאזיגער שטורמישער פארלאנג געהט ארויס אויף א גלייכען, בשותפות׳דיגען אופן פון די הערצער פון יחידים; און אזוי ווערט באשאפען די נייעווירקליכקייט, זי וועט סוף כל סוף אויסזעהן אנדערש ווי דער אידעאל,

ענליך צו אים, אבער ניט גלייך. זי וועט אויסזעהן בעסער, מחמת זי וועט ניט זיין מער א חלום פון מענטשען — טרוימער, וואס זיינען דורכגעדרונגען מיט בענקשאפט און מיט צרות, נאר — א לעבען, א געזעל־שאפטליכער לעבען פון לעבעדיגע מענטשען. ס'וועט זיין א פאלק, ס'וועט זיין קולטור, ס'וועט זיין פרייד. ווארום ווער ווייס היינט וואס פרייד איז? עס ווייס דער ליבענדער, בשעת ער קאנצענטרירט זיך מיט א טונקעלען אדער קלארען געפיל אין זיך גופא, ווי ער אליין וואלט זיין דאס, צו וואס ער שפירט די ליבע, און זיין געפיל איז דעמאלט דער תמצית פון אלץ, וואס איז לעבען און וואס ס'באשאפט לעבען; ס'ווייס דער קינסטלער, דער שאפענדער גייסט אין א זעלטענער שעה און נאר מיט'ן פריינד זיינס גלייכען, אדער בעת ער איז מקדים מיט זיין גייסטיגען בליק אין געמיט און אין דער שאפונג די שענקייט און די שפע, וואס וועט שפעטער זיין, אלס א פאלק, א לעבעדיגע ווירקליכקייט ס'ווייס דער נביאישער גייסט, וואס זעהט פארויס הונדערטער יאר און איז שוין זיכער מיט דער אייביגקייט. ווער א חוץ זיי קען היינט פרייד, ווער ווייס לכל הפחות, וואס אזוינס ס'איז א גאנצע, א גרויסע פרייד, וועלכע באגייסטערט אָן א שיעור!? היינט ווייס עס קיינער ניט שוין לאנגע צייטען — קיינער ניט. אין אנדערע תקופות ווערען גאנצע פעלקער באהערשט און באוועגט פונ'ם גייסט פון פרייד. זיי זיינען אזוי געווען אין די צייטען פון רעוואלוציעס, ס'איז אבער ניט געווען גענוג קדושה אין זייער התלהבות, ס'איז געווען צופיל טונקעלקייט און רויך אין זייער פייער; זיי האבען געוואלט, אבער ניט געוואוסט וואס. און די כבוד־זוכער, די פאליטיקאַנער, די אדוואָקאטען, די פאראינטע־רעסירטע האבען ווידער אלץ פארדארבען, און די גייסטלאזיגקייט מיט א תאוה צו געלט און צו מאכט האט ארונטערגעריסען מיט איר שטראם אלץ, וואס ס'האט געזאלט צוגרייטען דעם גייסט, וואס ס'האט געזאלט אויסוואקסען צו א פאלק. מיר האבען אויך היינט אזעלכע אדוואקאטען, אפילו אויב זיי הייסען ניט מיט דעם נאמען, מיר האבען זיי און זיי האבען אונז און האלטען אונז אין האנט. לאמיר זיך היטען, מיר האבען א התראה, א התראה פון דער געשיכטע.

II

סאציאליזם איז די ווילענס־טענדענץ פון פאראייניגטע מענטשען צו באַשאפען א נייע ווירקליכקייט אין נאמען פון אן אידעאל·

לאמיר זיך בכן צוקוקען צו דאס אלטע׳ צו דעם׳ ווי ס׳האט אויסגעזעהן דאס׳ וואס איז ביז אהער געווען׳ צו אונזער אייגענער צייט׳ צו אונזער צייט ניט בלויז אין זין פונ׳ם איצטיגען מאמענט׳ פון א פאר יאר אדער פון א פאר צענדליג יאר; צו אונזער אייגענער תקופה׳ פיר הונדערט יאר לכל הפחות·

ווייל לאמיר עס גוט איינחזר׳ן׳ לאמיר עס לכתחילה קלאָר זאגען: מיט׳ןווארט סאציאליזם פארשטעהט מען עפעס גרויסעס׳ וואס געהט גאנץ ווייט׳ סאציאליזם וויל העלפען׳ ער וויל דערהויבען געפאַלענע דורות ווידער צו א בליהונג׳ צו א געהויבענעם מצב׳ צו קולטור׳ צום גייסט און וויל דורך דעם זיי פירען צום בונד און צו דער פרייהייט·

אזעלכע ווערטער קלינגען שלעכט אין די אויערען פון פראפעסארען און בראשורען־מאכערס; זיי וועלען אויך קנאפ וואס געפעלען ווערען יענע מענטשען׳ ביי וועלכע דער געדאנק איז באאיינפלוסט פון די משחיתים׳ וואס האבען געבראכט די בשורה פון דער לערע׳ אז די מענטשען און אפילו אויך די חיות׳ די פלאנצען׳ די גאנצע וועלט׳ אלץ געפינט זיך אין א מצב פון פארשריט׳ וועלכער שטעלט זיך ניט אָפּ׳ אין א באוועגונג׳ וואס שטייגט אויף פון א גאנץ נידעריגער מדרגה צו א גאנץ הויכער; תמיד העכער און העכער׳ פון דעם טיפסטען שמוץ און גיהנום ביז צו די העכסטע הימלען׳ און באם כן דארף דער אבסאלוטיזם׳ דער שקלאפען־גייסט׳ פארקויפטקייט און פאלשקייט׳ קאפיטאליזם׳ נויט און דעמאָראליזאציע׳ יע׳ דאס אלץ דארף כלומרשט זיין נאר עטאפען׳ שטופען פון פארשריט אויפ׳ן וועג צום סאציאליזם· מיר זיינען דא ניט קיין אנהענגער פון די כלומרשט וויסענשאפטליכע אילוזיעס; מיר זעהען דא אנדערש די וועלט און די געשיכטע פון דער מענטשהייט; מיר ריידען וועגען דעם אנדערש·

מיר זאגען, אז פעלקער האבען זייערע צייטען פון בליהונג, הויכע מדרגות פון זייער קולטור, און זיי לאזען זיך פון די דאזיגע מדרגות טיף אראפ. מיר זאגען, אז אונזערע פעלקער אין אייראפע און אמעריקע זיינען שוין פון א לאנגע צייט, בקרוב זינט דער אנדעקונג פון אמעריקע, פעלקער־יורדים.

פעלקער טרעטען נאר דעמאלט אריין אין צייטען פון בליהונג און האלטען זיך אויף אין זיי, ווען ס'באהערשט זיי א גייסט. דאס וועט ווידער אמאל שלעכט קלינגען אין די אויערען פון די, וועלכע רופען זיך ביי היינטיגס טאג סאציאליסטען, און זיינען עס ניט, וואס אויף זייער וויסענשאפטליכען מלבוש האבען מיר אקארשט געווארפען א קורצען בליק און וועלכע מיר וואלטען איצט געקענט באטראכטען ווי די אנהענגער פון דער אזוי גערופענער מאַטעריאליסטישער „אויפאסונג פון דער געשיכטע, אבער ווענען דעם — שפעטער; מיר מוזען איצט געהן ווייטער און דעם מארקסיזם וועלען מיר נאך אנטרעפען אויף אונזער וועג און וועלען אים אפשטעלען און זאגען גלייך אין פנים אריין, וואס ער איז: די צרעת פון אונזער צייט און די קללה פון דער סאציאליסטישער באוועגונג!

דער גייסט און נאר ער האט דערהויבען די מענטשען צו א גרויסקייט, ער האט זיי געפירט צום בונד און צו דער פרייהייט, דער גייסט פון די דענקער, פון מענטשען, וועלכע זיינען באהערשט דורך א געפיל, פון די גרויסע בעלי־אהבה, דער גייסט פון די, ביי וועלכע דער געפיל פון דער אייגענער פערזענליכקייט און די ליבע זיינען צונויפגעגאסען צו איין גרויסער וועלט־דערקענטניש. ווי א זעלבסטפארשטענדליכקייט איז ארויס דאן פון די יחידים דער אינעווע־ניגסטער צווינגענדער כח זיך צו פאראייניגען מיט די מענטשען — די ברידער צו א געמייזאמען בונד. דעמאלט איז אנטשטאנען די געזעל־שאפט פון געזעלשאפטען, די געמיינזאמקייט דורך א פרייען ווילען.

אפט ווערט געפרעגט, ווי אזוי איז עס דער מענטש געקומען צום שכל, צו דער השגה ארויסצוגעהן פון זיין איינזאמקייט און זיך פאראייניגען מיט די פאלקס־חברים פריהער אין קליינע, דערנאך אין גרעסערע פארבאנדען?

די דאזיגע קשיא איז א טפשות און קען נאר געפרעגט ווערען פון פראפעסארען אין צייטען פון ירידה׳ ווייל די געזעלשאפט איז אזוי אלט׳ ווי דער מענטש׳ זי איז א גרונד־זאך׳ א נאטירליכע זאך׳ וואו ס׳האבען זיך נאר געפונען מענטשען׳ האבען זיי זיך פאראייניגט אין גרופעס׳ משפחות׳ אין שבטים׳ צעכען׳ זיי האבען צוזאמען געוואנדערט׳ בשותפות געלעבט און צוזאמען געארבייט׳ יחידים האבען זיך פארבונדען צווישען זיך דורכ׳ן געזעלשאפטליכען גייסט (אויך דאס׳ וואס מ׳רופט אינסטינקט ביי די חיות׳ איז אַ געזעלשאפטליכער גייסט)׳ וועלכער איז א נאטירליכער צוואנג׳ אבער בשום אופן ניט — קיין אנגעווארפענער אויסערליכער צוואנג׳

אבער דער דאזיגער נאטירליכער צוואנג מיט זיין טבע צו באשא־פען די אייניגונג און דעם געזעלשאפטליכען גייסט האט תמיד אין דער גאנצער מענשליכער געשיכטע׳ וועלכע איז אונז באקאנט׳ געדארפט האבען אויסערליכע פארמען: רעליגיעזע סימבאלען און קולטען, פארשטעלונגען פון דער אמונה אדער איינריכטונגען פאר תפלות אדער דאס גלייכען׳

מהאי טעמא איז דער גייסט ביי די פעלקער תמיד אין א זיווג מיט זיין היפך — דעם אומגייסט׳ דאס טיפע דענקען דורך א סימבאל איז תמיד פארבונדען מיט די אבערגלויביגע פארשטע־לונגען; די פארגליווערטקייט און די קאלטקייט פון דער דאגמע קומט אנשטאט דער ווארימקייט און דער ליבע פונ׳ם גייסט׳ וועלכער בינדט צונויף; אנשטאט דעם אמת פון דאס׳ וואס קומט ארויס פון אזא טיפעניש׳ אז ס׳לאזט זיך ריידען וועגען דעם נאר דורך אַלעגאָריעס׳ פארנעמט דעם ארט שטות פון א שפילעריי מיט ווערטער׳

און צו דעם קומט נאך צו די אויסערליכע ארגאניזאציע: די קירכע און די צוואנגס־ארגאניזאציעס פון א וועלטליכען כאראקטער פארשטארקען זיך און וואקסען אויס אויפ׳ן ערגסטען אופן: לייב־קנעכט־שאפט׳ פעאָדאַליזם׳ כל ארליי באאמטע און אמטען׳ די מלוכה.

דעמאלט זינקט דער גייסט׳ וועלכער געפינט זיך אין די פעלקער׳ גיך אדער פאמעליך און ס׳ווערט נעלם אויך די זעלבסטפארשטענדליכקייט׳ וועלכע פליסט ארויס פון די יחידים׳

ווי א שטראם, און פירט זיי צום בונד, צו א געמיינשאפט, דער גייסט לויפט אוועק צוריק צו די יחידי־סגולה, יחידים, אינערליך שטארקע מענטשען, רעפּרעזענטאַנטען פון פאלק, האבען געבראכט דעם גייסט פאר'ן פאלק; ערשט לעבט ער ווייטער אין די יחידים, די גאונים, וואס פארניכטען זיך אליין מיט זייער גאנצער שטארקייט, זיי, וואס לעבען אָן א פאלק: איינזאמע דענקער, דיכטער, קינסטלער, וועלכע האבען קיין אחיזה ניט און הענגען כמעט, ווי זיי וואלטען זיין אָן ווארצלען, אין דער לופט. צייטענווייז דערשיטערט זיי א מין מעכטיגער כוח ווי דורך א חלום פון גאר אלטע, פארשוואונדענע צייטען: און דעמאלט ווארפען זיי אוועק מיט די שטאלצע הויות און מיט א צארן פון א מלך די ארפּע און נעמען זיך צום שופר. פון זייער גייסט ארויס ריידען זיי צום פאלק און ריידען וועגען דעם קומענדיגען פאלק, זייער גאנצער תמצית, די גאנצע פארם, וועלכע לעבט אין זיי מיט א געוואלדיגען וועהטאג און איז אפטמאל א סך שטארקער און ברייטער, ווי זייער גוף און די נשמה זיינען ביכולת צו פארטראגען, די געשטאלטען אָן א צאל און די פּראכט פון די פארבען און דער רעש און דער דראנג פון דעם ריטם און פון דער הארמאניע: דאס אלץ—הערט איר קינסטלער! — איז געממיתט, פאלק, איז לעבעדיגעס פאלק, וואס האט זיך אויפגעזאמעלט אין זיי, וואס איז אין זיי באגראבען געווארען און וועט פון זיי אויפ־שטעהן תחית המתים.

און אין איין שורה מיט זיי הויבען זיך אויף אנדערע יחידים, וועלכע זיינען איזאלירט געווארען דורך א מיש־מאש פון גייסט און גייסט־לאזיגקייט: געוואלד־מושלים, אנזאמלער פון עשירות, מענטשען־פאר־שקלאפער, לאנד־רויבער. אין אזעלכע התחלות פון דער אונטערגאנגס— אדער איבערגאנגס־צייט, ווי ס'שטעלט צום שטארקסטען פאר מיט זיך אין איר גאוה דער רענעסאנס — די התחלה פון באַראָקי — פארמאגען די דאזיגע לייט נאך א סך סמנים פון גייסט, וואס איז פאנאנדערגעטריבען געווארען און האט זיך צום טייל אין זיי ווידער קאנצענטרירט. און זיי פארמאגען אין זייער גאנצער מאכט און אין דער ענערגיע דאך נאך א שטריך פון מעלאַנכאָליע, פון דער געלאסענקייט און פארפרעמדקייט,

און דאס ניט־ערדישע און דאס נביאישע׳ וואלט מען כמעט געזאגט וועגען אנדערע פון די דאזיגע ערשיינונגען׳ — דאס זאגט עדות׳ אז אויך אין זיי לעבען עפּעס רוחות׳ וואס זיינען שטארקער פון זיי גופא׳ און אינהאלט׳ פאר וועלכען דער געפעס פון דער איינזאמער פערזענליכקייט איז צו ענג׳ און זעהר׳ זעהר זעלטען כאפּט זיך אויף איינער פון זיי׳ ווי פון א וויסטען חלום׳ און ווארפט אראפּ פון זיך די קרוין און שטייגט ארויף אויפ׳ן בארג חורב׳ כדי צו זוכען מיט זיין בליק זיין פאלק׳

און צייטענווייז קומען די געמישטע נאטורען, וואס ביי זייער וויג האט זיך דער מלאך לאנג געישובט׳ צו זאל ער מאכען פון זיי א גרויסען מלחמה־העלד׳ א גרויסען פרייהייטס־העלד׳ א גאון פון געדאנק און פון דער פליהענדער פאנטאזיע׳ אדער — א גרויסען סוחר: פערזענליכקייטען ווי נאפּאלעאן און פערדינאנד לאסאל׳

און לגבי די דאזיגע איזאלירטע יחידים׳ וואס זיינען קליין אין צאל׳ אין וועלכע ס׳האט געפונען א מקום מקלט דער גייסט און די קראפט און די שפע׳ שטעהט א גרויסער רוב פון די אטאמיזירטע מענטשען׳ פאר וועלכע ס׳איז פארבליבען נאר גייסטלאזיגקייט און וויסטקייט און דלות׳ די מאסען׳ וואס הייסען פאלק און זיינען אין דער אמת׳ן — נאר א הויפען פון מענטשען׳ אפּגעריסענע פון זייערע נאטירליכע פארבינדונגען און געלאזענע אויף הפקר׳ אפּגעריסען און אייבזאם אין א מעלאנכאלישער פארפרעמדקייט זיינען די יחידים׳ אין וועלכע דער פאלקס־גייסט איז געקומען צו קבורה׳ אויב זיי שפּירען אפילו פונ׳ם דאזיגען גייסט קיין האר ניט; אפּגעריסען׳ צוזייט און צושפּרייט אין נויט און אין צרות זיינען די מאסען׳ אין וועלכע דער גייסט וועט ווידער פליסען׳ ווי א שטראם, בעת ער און דאס פאלק וועלען זיך ווידער מתדבק זיין׳ וועלען ווידער לעבעדיג ווערען׳

דער טויט איז די לופט, מיט וועלכער מיר אטעמען׳ ווייל וואו ס׳איז קיין גייסט ניטא איז טויט; דער טויט האט זיך ארייגעקליבען ביז אונטער דער הויט און האט זיך איינגעזאפּט אין מארעך פון די ביינער׳ אבער אין אונז׳ אין אונזער פארבארגענקייט׳ אין אונזער געהיימסטען און טיפסטען תוך׳ אין אונזערע חלומות׳ אין אונזער בענקשאפט׳ אין די געשטאלטען פון דער קונסט׳ אין דעם ווילען פון דעם

בעל־רצון, אין דעם טיפען בליק פון א בעל־דמיון, אין די עובדות פון די אנשי־מעשה, אין דער ליבע פון דעם ליבענדען, אין יאוש און אין דער מוטיגקייט, אין די יסורים פון דער נשמה און אין דער פרייד, אין דער רעוואלוציע און אינ׳ם בונד: דארט איז לעבען און קראפט און פראכט, דארט איז דער גייסט במסתרים, דארט ווערט געשאפען גייסט, וואס וועט זיך צוגיסען, ווי א שטראם, און וועט באשאפען א פאלק און א שענקייט און א געמיינשאפט.

דער שענסטער אפשיין פאר דער שפעטערדיגער וועלט בלייבט פון יענע צייטען פון דער מענטשהייט, אין וועלכע די דאזיגע נטיה פון גייסט — צו אנטלויפען פון פאלק און צו ווערען איינגעזאפט אין די גריבער און היילען פון די איינזאמע יחידים, האט זיך שוין גראָד אנגעהויבען, אבער איז נאך ווייט ניט אוועק. אין די דאזיגע צייטען איז שטארק דער געזעלשאפטליכער גייסט, די געזעלשאפט פון געזעלשאפטען, די געגענזייטיגע פארקניפּונג פון די סך פארבאנדען, וואס זיינען אויסגעוואקסען פון גייסט; אין זיי זיינען אבער דערצו שוין רייף געווארען די גאונישע פערזענליכקייטען, וואס געפינען זיך דאך נאך אונטער דער הערשאפט פונ׳ם גרויסען פאלקס־גייסט און דעריבער קען אויך דאס פאלק ניט די באנאלע באוואונדערונג פון זייערע גרויסע ווערק, נאר מ׳נעמט זיי אויף אדרבה ווי א נאטירליכע פרוכט פון געזעלשאפטליכען לעבען און מ׳איז זיך משמח מיט זיי אין הייליגע געפילען, מ׳גיט אפט אפילו ניט איבער די נעמען פון די גרויסע שאַפערס פאר די שפעטערדיגע דורות.

אזא צייט איז געווען דער בליהונגס־פעריאָד פון גריכישען פאלקס־לעבען; אזא צייט איז געווען דער קריסטליכער מיטעל־אלטער, דעמאלט איז ניט געווען קיין אידעאל, ס׳איז געווען א ווירקליכקייט. ובכן זעהען מיר נעבען דאס אלץ, וואס ס׳האט מיט זיך פארגעשטעלט דאס הויכע, דאס פרייוויליגע, דאס גייסטיגע, — נאך די שיריים פון דער פריהערדיגער צייט און שוין דעם אנהויב פוו דער שפעטערדיגער פארגעוואלדיגונג מצד אן אויסערליכער מאכט, פון דער ברוטאַליטעט, פון אן אנגעווארפענעם צוואנג, פון דער מלוכה. אבער דער גייסט איז געווען שטארקער; אפט האט ער אפילו ארייגעדרונגען

און פארשענערט אין יענע איינריכטונגען פון דער פארשקלאפונג און פון אונטערדריקונג, וועלכע ווערען א שרעק און א גרויל אין די צייטען פון ירידה. ניט אלץ, וואס די גוטע היסטאריקער רופען אָן שקלאפעריי, איז געווען תּמיד דורך און דורך „שקלאפעריי".

ס'אִיז דעמאלט קיין אידעאל ניט געווען, ווייל ס'איז געווען גייסט. דער גייסט גיט דעם לעבען א זין און א קדושה, דער גייסט באשאפט און פילט אָן די געגענווארט מיט פרייד, און גיט קראפט און גיט גליק; דער אידעאל קערט זיך אפּ פון דער געגענווארט צו זוכען בעסערע אומבאקאנטע צייטען. ס'איז דער וועג, אויף וועלכען מ'געהט ארויס פון די צייטען פון ירידה צו א נייער קולטור.

אָבער ס'איז דא נויטיג צו זאגען נאך עפּעס. נאך קודם די דאזיגע צייטען פון א גלענצענדער מדרגה, וועלכע מאכען דורך שוין זייער ווענדע-פונקט, זיינען געווען אנדערע תּקופות, ניט אן איינציגען מאל אין דער אזוי גערופענער אנטוויקלונג, נאר תּמיד ווידער אין די סטאדיעס פון „ארויף און אראפּ" ביי די פעלקער, וועלכע האבען זיך געביטען איינע נאך דער אנדערער, און די פעלקער האבען זיך אט אויסגעמישט צווישען זיך. ס'איז אויך דארט געווען א געמיינזאמער לעבען און א פּריווילעגקייט, אלס פועל-יוצא פונ'ם נאטירליכען צוואנג און פון דער צוזאמענגעבונדענקייט. ס'האבען זיך אבער ניט געהויבען צום הימעל קיין טורעמס פון די קאַטעדראלען, גלאנצנדיג פון פּראכט מיט זייערע קלענסטע דעטאלען, זייענדיג צונויפגעגאסען אין הארמאניע און אין אינדיווידואליטעט; און קיין קאָלאָנאַדעס זיינען ניט געשטאנען אין א רוהיגער זיכערקייט אונטער דער דורכזיכטיגער קלארקייט פון הימעל. פשוטע פארבאנדען זיינען דעמאלט געווען, די רעפּרעזענטאַנטען פון פאלק זיינען נאך ניט געווען קיין פּערזענליכקייטען פון א גאוניאלער אינדיווידואליטעט און סוביעקטיוויטעט. ס'איז געווען א פּרימיטיוו קאמוניסטיש לעבען. ס'זיינען געווען — און ס'זיינען נאך היינט — לאנגע הונדערטער אין אפשר טויזענטער יארען פון כמעט א שטילשטאנד, — שטילשטאנד, הערט עס, געלערנטע און ליבעראלען פון אונזער צייט, איז פאר יענע צייטען, פאר אט די דאזיגע פעלקער, וועלכע לעבען נאך כמעט נעבען אונז, א סימן פון זייער קולטור, פּראָגרעס, דאס, וואס

איר רופט אָן פּראָגרעס׳ דאס וואַקלען זיך אָן אויפהער אהין און אהער׳ דאס באלד־מיד־ווערען און דער נעוורַאַסטעניִשער׳ קורץ־אטעמ־דיגער געיעג נאך דאס נייע׳ אויב ס׳איז גאר באמת נאר ניי; פּראָג־רעס און די משוגעת׳ן פון די אנטוויקלונגס־פּראקטיקער׳ וועלכע גע־פינען זיך אין א צוזאמענהאנג מיט דעם׳ און די איילעניש׳ די מאַ־ניאַקישע רגילות צו זאגען באלדביים אנקומען „א גוטען טאג״׳ פּראָגרעס — די אומרוה׳ דער רייזע־פיבער׳ דער דאזיגער אזוי גערופענער פּראָ־גרעס איז א סימפּטאָם פון אונזער אומנאָרמאלען מצב׳ פון אונזער אומ־קולטור׳ און מיר נויטיגען זיך אין עפּעס אנדערש ווי אין די דאזיגע סימפּטאמען פון אונזער ירידה׳ כדי זיך צו באפרייען פון איר—ס׳זיי־נען געווען און ס׳זיינען דא׳ זאג איך׳ צייטען און פעלקער אין א בלי־הענדיגען לעבען׳ צייטען פון טראַדיציע און פון עפּאָס׳ פון אקערבוי און פון דארפישען האנטווערק׳ אָן א סך קונסט׳ וועלכע שטעלט זיך ארויס פאר אלעמען׳ אָן א סך געשריבענע וויסענשאפט׳ צייטען׳ וועלכע גלאנ־צען וויינציגער׳ וועלכע שטעלען זיך ווינציגער מאָנומענטען און מצבות׳ איידער יענע שטארק פרוכטבארע בליהונגס־צייטען׳ ווייל זייערע יורשים זיינען מיט זיי צוזאמען און זייער וואונדערבארע יוגענט פאר־ברענגט די יארען מיט זיי און דארף בכן ניט אפלערנען זיך פון טויטע מאָנומענטען׳ דאס זיינען צייטען פון א לאנגען׳ א ברייטען לעבען׳ וועלכען מ׳קען כמעט אנרופען א בניעומתדיג און רוהיג לעבען׳ דעמאלט איז נאך ניט געווען דער תקיפער גייסט מיט דער מאגישער צוואנגס־קראפט׳ וועלכער האלט זיך שוין ביים אפטיילען פון פאלק און אוועק־געהען איבער די לענדער, ווי א גרויסע בשורה פון א נייער לערע׳ און אונטערטעניג זיך מאכען די נשמות׳ אט די דאזיגע צייטען זיינען אויך געווען׳ אויך די דאזיגע פעלקער זיינען פאראן און אזעלכע צײ־טען וועלען אויך ווידער ווען ס׳איז קומען׳

אין אזעלכע צייטען זעהט דער גייסט אויס ווי ער וואלט זיין פארבאר־גען׳ מ׳דערקענט אים׳ בעת מ׳קוקט מיט א טיפען פארשענ־דיגען בליק׳ כמעט בלויז אין זיינע אויסערליכע פארקערפערונגען: אין די פארמען פון געזעלשאפטליכען לעבען׳ אין די ווירטשאפטליכע איינ־ריכטונגען פון דעם קיבוץ׳

אין די סאמע ערשטע, די פרימיטיווע התחלות, די פארשטופעס פון די דאזיגע צייטען, פלעגען די מענטשען תמיד פון דאס ניי אריינטרעטען פון נאך פריהערדיגע צייטען, בעת זיי פלעגען זיך מציל זיין פון ירידה, פון גייסטלאזיגקייט, פון טיראַניע, עקספלאטאציע און מלוכה־צוואנג. אפט פלעגען זיי אין דעם העלפען אנדערע פעלקער, וועלכע האבען זיך שטילערהייד באוועגט אין א מצב פון א געבענטשטער רוה צו נייע פלעצער אויף דער ערד און פלעגען זיך אריינרייסען צו די אלטע תושבים, זייענדיג פריש און געזונט, קומענדיג פון טונקעלע, אומבאקאנטע מרחקים. אזוי האבען זיך די רוימער און די גריכען פון דער שפעטערדיגער קייזער־צייט טובל געווען אין דעם דאזיגען פרישען קוואל און זיינען געווארען אויפ׳סניי קינדער, אויפ׳ס ניי פרימיטיוו און רייף פאר׳ן נייעם גייסט, וואס איז אין דער גלייכער צייט אריינגעדרונגען אין זייער לעבען פון מזרח. פאר דעם, וועלכער פילט מיט, ווי די מענטשהייט שטארבט אייביג אפ און ווערט ווידער באשאפען, איז כמעט ניטא א צווייטע זאך, וועלכע זאל אזוי דערשיטערען, ארויסרופען עגמת נפש און צוגלייך דערהויבען די נשמה צו א כמעט קינדערש־פרומען בטחון, ווי די ווערק פון דער פרי־ביזאנטישער קונסט, וועלכע מ׳קען דאך מיט א פולען רעכט אנרופען: די שפעט־גריכישע קונסט. דורך וואס פאר א ירידה און מוראדיגע אָנשטרענגונג פון אויפריכטען זיך אויפס׳ניי, דורך וואס פאר א גרויל און יסורים פון דער נשמה זיינען דעמאלט דורכגעגאנגען דורות, איידער זיי זיינען געקומען פון דעם מאדיש־עלעגאנטען פאָרמאַליזם און פון דער טויט־קאלטער ווירטואָזיטעט צו דער דערשיטערנדער, נאיווער, אויפריכטיגקייט, צו דער דאזיגער קינדערישער פשטות, צום דאזיגען מצב, ביי וועלכען מ׳קען שוין מער ניט זעהן ריכטיג דאס גשמיות׳דיגע! די ווירטואזיטעט פון דעם אויג און פון דער האנט אין קונסט און אין האנטווערק וואלט זיך איבערגעגעבען בירושה אליץ ווייטער פון דור צו דור, אויב די נשמה וואלט זיי ניט געהאט אויסגעשפיגען פון זיך, ווי שמוץ און ווי ביטערע גאל. וועלכע האפענונגען, וואס פאר א טיפע נחמה ליגט אין אזא ערשיינונג, וואס איז מרה־שחורה׳דיג און איז דאך מחיה נפשות, פאר אלע, וועלכע קענען דערפון אפלערנען, מחמת זיי ווייסען: קיין

שום פראָגרעס, קיין מין טעכניק, קיין ווירטואָזיטעט וועט אונז קיין ישועה און קיין ברכה ניט ברענגען. דער גרויסער שנוי, וועלכען מיר רופען היינט סאציאליזם, וועט קומען נאר פון דעם גייסט, פון די טי־פענישען פון אונזערע אינעוועניגסטע ליידען און פון די צרות, פון אונזער אינעוועניגסטער שפע.

אבער פאר אונז זיינען שוין מער ניטא ערגעץ וואו אין דער ווייטער וועלט קיין אומבאקאנטע מרחקים, ס'איז ניטא קיין פלוצלינג־דיגער נס און קיין איבעראשונג פון דער פינסטערקייט ארויס. ס'קען פאר אונז מער ניט פאסען די אַנאלאָגיע מיט'ן עבר: דער גאנצער שטח פון דער ערד איז אונז באקאנט, מיר האבען אים באהערשט דורך אונזערע הענט און אים געעפענט פאר אונזער בליק. פעלקער, וועלכע זיינען נאך מיט א פאר צענדליג יאר צוריק געווען אזוי אפגעטיילט פון אונז, ווי מיט א מרחק פון טויזענטער יאר, — יאפאנער, כינעזער, באמיהען זיך מיט התמדה צו פארבייטען זייער שטילשטאנד אויף אונ־זער פראָגרעס, זייער קולטור — אויף אונזער ציוויליזאציע. אנדערע, קלענערע פעלקער פון דער דאזיגער מדרגה האבען מיר אויסגעוואר־צעלט אדער פארדארבען דורך קריסטענטום און אלקאָהאָל. דאס מאל מוז די באנייאונג קומען פון אונז גופא, אויב מ'קען אפילו גלויבען, אז פעלקער פון א נייער מישונג, ווי די אמעריקאנער, און פעלקער פון אן עלטערער מדרגה, ווי די רוסען, די אינדוסען, אפשר נאך אויך די כינעזער, וועלען אונז העלפען דערביי אויף דעם פרוכטבארסטען אופן.

פאר די מענטשען, וועלכע פלעגען זיך קודם כל ווידער דערהויבען פון א מצב פון ירידה און פלעגען אויפשטייגען א דאנק די לע־גענדארישע, עפישע צייטען צו אזא קולטור, וועלכע הויבט זיך אָן פון דאס ניי, צו א קאמוניזם, — פלעגט זיך אפשר אפט לאנג ניט באוויי־זען קיין נייער גייסט אין א ממשותדיגער, דייטליכער געשטאלט. זיי האבען ניט געהאט קיין גלאנץ פון א פאנטאזיע, וועלכע זאל זיי קענען באהערשען. אבער דעם אבערגלויבען, דעם קלאגעדיגען רעשט פון די פריהערדיגע גרויסע צייטען, וועלכען מ'קען שוין גארניט דערקענען פון וואס פאר א הויכען מקור ער קומט ארויס, האבען זיי אויך אפגע־ווארפען פון זיך. זיי האבען געוואלט האבען נאר דאס וועלטליכע, און

אזוי האט זיך אנגעהויבען זייער לעבען אויפ׳סניי אין א גייסט פון גערעכטיגקייט, וועלכער האט אנגעפילט זייערע איינריכטונגען, זייער געמיינזאמען לעבען, זייער ארבייט און זייער פארטוישונג פון חפצים, דער גייסט פון גערעכטיגקייט — מעשים אין עולם הזה און די באשאפונג פון פרייוויליגע חברות, נאך איידער ס׳קומען די הימלישע פאנטאזיעס, וועלכע פארהייליגען די ערדישע מעשים דורך א געמיינשאפט און רופען זיי ארויס — דעמאלט ערשט אין דער אמת׳ן, — מיט א נאטירליכען צוואנג.

צי רייד איך מיט די דאזיגע ווערטער וועגן די באַרבאַרען, וואס האבען געלעבט מיט טויזענטער יארען צוריק? צי רייד איך וועגן די אור־אבות פון די אראבער, פון די איראָקעזען, פון די גרענלאַנדער?

איך ווייס דאס ניט. מיר ווייסען אזוי גוט ווי גארניט פון די שנויים און פון דער אנטשטעהונג פון די דאזיגע אזוי גערופענע באַרבאַרישע פעלקער אין די פריהערדיגע און אין אונזערע אייגענע צייטען. מיר האבען דא אפילו כמעט ניט קיין טראדיציעס און ריכטיגע אָנהאלט־פונקטען. נאר דאס ווייסען מיר, אז די אזוי גערופענע פרימיטיווע צושטאנדען פון די כלומרשטע באַרבאַרען אדער פון ווילדע שבטים זיינען ניט קדמונדיגע זאכען אין דעם זין, אז מ׳זאל קענען זאגען: די מענטשהייט האט זיך מיט זיי אנגעהויבען, הגם אזוי מיינען און גלויבען א סך פאכמענער, וואס זיינען מער געלערנט, איידער זיי קענען דענקען. מיר ווייסען ניט פון אזא התחלה. פון ערגעץ וואו קומען דאך אויך ארויס די קולטורען פון די „באַרבאַרען", זיי קומען ארויס משמעות פון דאס טיף־מענטשליכע, אפשר פון אווירקליכער באַרבארישקייט גלייך צו דער, פון וועלכער מיר אליין ווילען פטור ווערען. מחמת איך רייד דאך פון אונזערע פעלקער, איך רייד פון אונז גופא.

מיר זיינען א פאלק פון ירידה און אונזערע פיאנערען און פארויסגעהער קענען שוין מער ניט פארטראגען די משוגעת פון דעם פיזישען כח; דאס, אז יחידים זיינען איזאָלירט און הפקר. מיר זיינען דאס פאלק, וואס זינקט אראפ טיף, אין וועלכען ס׳איז שוין קיין גייסט ניטא וואס בינדט צונויף, נאר בלויז — די פארדארבענע שיריים פון אזא גייסט: דער שטות פין אבערגלויבען און דער מיאוסער סוראָגאַט

פון גייסט, דער צוואנג פון דעם אויסערליכען כוח, פון דער מלוכה. מיר זיינען דאס פאלק פון אונטערגאנג און בכן — פון איבערגאנג, און אונזערע פארקעמפער זעהען מער פאר זיך ניט קיין שום זין, וועלכער זאל איבערשטייגען דאס ערדישע לעבען, זיי זעהען פאר זיך ניט קיין הימלישען חלום, אין וועלכען זיי וואלטען געקענט גלויבען און מאכען אים פאר א הייליגטום. מיר זיינען דאס פאלק, וואס קען ווידער אויף א נייעם קאָן אנהויבען געהען בארג ארויף אבער נאר מיט דער הילף פון אן איין איינציגען גייסט: דעם גייסט פון גערעכטיגקייט אין וועלט־ליכע ענינים פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען. מיר זיינען דאס פאלק וואס קען ניצול ווערען און געבראכט ווערען צוריק צו א קולטור, נאר דורכ'ן סאציאליזם.

III

אט אזוי שטעהט בכן אונזער צייט צווישען די תקופות· ווי זעהט זי אויס?

א גייסט· וואס פארבינדט — יא· יא! דא ווערט עפּעס צו אפּט דערמאנט גייסט· אפשר איז עס דערפאר· ווייל די מענטשען פון אונזער צייט און בפרט די אזוי גערופענע סאציאליסטען ריידען פונקט אזוי ווייניג וועגען גייסט· ווי ווייניג זיי פארווירקליכען אים· זיי פארווירקליכען ניט דעם גייסט און זיי טוען בכלל ניט אויף קיין ווירקליכע· פּראקטישע זאכען· און ווי קענען זיי שאפען ווירקליכע זאכען· אז זיי דענקען ניט אויף אן אופן· וואס האט א שייכות מיט דער ווירקליכקייט! — א גייסט· וואס פארבינדט· זאג איך· וואס זאל אינער־ליך באוועגען די מענטשען צו ארבייטען בשותפות אין די ענינים פון כלל· פון פּראָדוצירען און פארטיילען די חפצים פון פארברויך· — איז ניט פאראן· א גייסט· וואס זאל שוועבען· ווי א ליד פון א פויגעל· אין דער לופט· אדער ווי א ווייטער ברויזענדער געזאנג פון פארבארגענע כארען איבער יעטוועדער ארבייט און יעטוועדער תנועה פון פלייס· דער גייסט פון קונסט· פון א רייניגונג פון די ערדיש־מגושם׳דיגע מעשים· איז ניטא· א גייסט· וואס זאל אנפילען די זאכען פון פארברויך· די נאטיר־ליכע אינסטינקטען· די באפרידיגונגען פון די באדערפנישען· די ימים־טובים מיט צוואנג און פרייהייט איז ניט פאראן· א גייסט· וואס זאל ארייג־פירען אונזער גאנץ לעבען אין א שייכות מיט דער אייביגקייט· וואל זאל הייליגען אונזערע חושים· מאכען דאס קערפערליכע הימליש· וואס זאל פארוואנדלען יעדען שריט און טריט אין לעבען צו א פריידי· צו א שוואונג· צו א באגייאונג און עקסטאַזי· איז ניטא·

טא וואס איז יא דא? גאט· וואס האט באשאפען א וועלט· וועלכער האט א זון· וואס האט אוסגעלעזט די וועלט פון זינד··· געגוג· געגוג די אומפארשטענדליכע שיריים פון א סימבאָליק· וועלכע האט אמאל נאך געהאט א זין· שיריים· וועלכע מוזען גענומען ווערען ״דברים כהויתם״ און אין וועלכע מ׳מוז גלויבען באמונה שלמה מיט

אלע זייערע אותות ומופתים, כדי די אזוי גערופענע נשמה אדער אויך דער גוף, דער עפר ואפר, זאלען נאך דער צופוילונג ראוי ווערען צום הימלישען גנאד, געוועג! דער דאזיגער גייסט איז אומגייסט, ער האט קיין שייכות ניט מיט'ן לעבען און מיט'ן אמת. ס'איז ניטא קיין לייכטערע זאך, ווי צו באווייזען, אז די דאזיגע אלע פארשטעלונגען איינ־איינעם זיינען פאלש.

און אונזערע געבילדעטע מענטשען ווייסען עס. אויב דאס פאלק, זעהר א גרויסער טייל פון פאלק, איז פארפלאנטערט אינ'ם גייסט פון שקר, פון פאלשקייט און קארופציע, טא ווי גרויס איז די צאל פון אונזערע געבילדעטע, וואס שטעקען אינ'ם גייסט פון ליגענס און פחדנות.

און וויפיל זיינען ווידער שוין פאראן צווישען פאלק און די געבילדעטע, וואס דאגה'ן זיך בכלל ניט מער וועגען גייסט, און האלטען, אז אפצוגעבען זיך מיט אזעלכע זאכען איז שוין א לעצטע זארג.

אין דער שולע ווערען די קינדער אויפגעהאדעוועט אין לערעס, וועלכע זיינען פאלש, און די עלטערען ווערען געצוואונגען צו לאזען פארוואנדלען דאס דענקען פון זייערע קינדער אין א סכום פון שקרים. א מוראדיגער תהום ווערט אויסגעגראבען צווישען די קינדער פון די ארימע לייט, וועלכע ווערען אויפגעהאלטען מיט געוואלט אין דער אלטער רעליגיע, און די גבירישע קינדער, וועלכע מ'גיט אלס צוגרייטונג צום לעבען כל ארליי האלבע אויפקלערונגען און לייכטע ספקות. די קינדער פון די ארימע לייט דארפען אבער בלייבען נאריש, אונטערטעניג, שרעקעדיג; די קינדער פין די רייכע ווערען ניט קיין גאנצע און אויסגעלאסענע מענטשען.

ווי ווערט געארבייט אין אונזער צייט? פארוואס ווערט געארבייט?

וואס איז אזוינס ארבייט?

באר ווינציג מינים פון חיות קענען דאס, וואס מיר רופען אן ארבייט: בינען, מוראשקעס, טערמיטען און מענטשען. דער פוקס אין דער נארע און אויפ'ן געיעג, דער פויגעל אין זיין נעסט און ביים פאנג פון אינזעקטען אדער ביים זוכען די קערנדלאך — זיי מוזען זיך מטריח

זיין, כדי צו לעבען. אבער זיי ארבייטען ניט. ארבייט איז טעכניק. טעכניק איז א געמיינזאמער גייסט און א צוגרייטונג אויף להבא. וואו ס'איז קיין גייסט ניטא און קיין זארג פאר'ן עתיד און וואו ס'איז קיין געמיינזאמקייט ניטא, איז קיין ארבייט ניטא.

ווי זעהט אויס דער גייסט, וועלכער איז גורם אונזער ארבייט? ווי קוקט אויס די צוגרייטונג פאר דער צוקונפט? וואס איז די טבע פון דער געמיינזאמקייט, וואס זי ארדענט עס איין אונזער ארבייט?

אט ווי דער גייסט זעהט אויס און וואס ס'איז מיט די אנדערע צוויי זאכען:

די ערד און בכן די מעגליכקייט צו האבען א מקום-מקלט, א וואר־שטאט, א טעטיגקייט; די ערד און בכן די רוי־שטאפען; די ערד און בכן די ארבייט-געצייג, וואס זיינען אריבער געגאנגען בירושה פון עבר, געהערען צו א קליינעם מיעוט פון דער מענטשהייט. די דאזיגע יחידים שטרעבען צו א ווירטשאפטליכער און צו א פאליטישער מאכט אין דער פארם פון באדען-באזיץ, פון געלט-עשירות און מענטשען-פארשקלאפונג.

זיי לאזען פראָדוצירען ארטיקלען, וועלכע, ווי זיי גלויבען לויט'ן מצב בעת מעשה, ס'וועט קענען אויפנעמען דער מארק מיט דער הילף פון א גרויסער ארמעי פון אגענטען, וואיאזשארען, אויף א פשוטען לשון: מענטשען, וואס פלוידערען א סך אוןריידען איין סוף כל סוף די קונים, מיט דער הילף פון גרויס-הענדלער, צייטונגס-מודעות, און פלאַקאַטען און א צוציהענדער פארפּוצונג.

אויך דעמאלט אבער מוזען זיי פארווארפען דעם מארק מיט זייערע סחורות, ווען זיי ווייסען אפילו, אז דער מארק וועט שווערליך קענען פארדויען זייערע ארטיקלען, אדער — וועט עס לגמרי ניט קע־נען מאכען, לכל הפחות צום געוואונשענעם פרייז: ווייל זייערע פאברי־קען רעכענען זיך בכלל ניט מיט די באדערפנישען פון א מענטשלי־כער מאסע, וועלכע איז צונויפגעבונדען אויף אן אָרגאנישען אופן, ווי א שטייגער — א געמיינדע, אדער א גרויסער קאָנסום-פאראיין, ווי א פאלק, נאר בלויז — מיט דעם, וואס ס'פאדערט זייער פאבריק, אין וועלכער ס'זיינען איינגעשפאנט טויזענטער ארבייטער, ווי אקסען צום ראד, וואס קענען בכלל קיין אנדער זאך ניט טאן, ווי

אויספירען קליינע חלקים פון דער ארבייט ביי די דאזיגע מאשינעס.

ס׳איז פאר זיי קיין חילוק ניט, צו זיי מאכען קאנאָנען אויסצו־ שחט׳ן מענטשען, אדער—זאקען פון געשפונענע שטויב, אדער— זענעפט פון ארבעס־מעל. ס׳איז פאר זיי קיין חילוק ניט, צו זייערע ארטיקלען ווערען פארברויכט, צו זיי זיינען נוצליך אדער אומניצ־ ליך, שיין אדער מיאוס, פיין אדער געמיין אויסגעארבייט, פעסטע אדער פארטאַטשנע ארבייט. זאל מען זיי נאר קויפען, זאל מען פאר זיי נאר קריגען געלט!

ס׳רוב מענטשען זיינען אפגעריסען פון באדען און פון זיינע פראדוקטען, פון דער ערד און פון די ארבייטס־מכשירים. זיי לעבען אין דלות אדער אין אומזיכערקייט מיט׳ן מארגעדיגען טאג. ס׳איז אין זייער לעבען קיין פרייד און קיין זין ניטא. זיי ארביי־ טען אויף ארטיקלען, וועלכע האבען קיין שייכות ניט צו זייער לע־ בען, זיי ארבייטען אויף אזא אופן, וועלכער פארטעמפט זיי און גיט קיין נחת־רוח ניט. א סך מענטשען האבען אפט ניט קיין דאך איבער׳ן קאפ, ליידען קעלט, הונגער, שמאכטען אין דחקות און שטארבען אין נויט.

זיי ווערען שווינדזיכטיג אדער באקומען אנדערע מחלות און שטארבען פאר דער צייט, ווייל זיי דערנערען זיך שלעכט און ליידען קעלט, און ווער ס׳פארדארבט זיך ניט דאס געזונט מיט דער שטויביגער נויט, מיט דער שלעכטער לופט אין דער פארפעסטע־ טער דירה, דער געהט אונטער צוליב דעם שטויב, וואס עסט זיך אריין אין די ביינער, צוליב די גיפטיגע שטאפען אין דער לופט פון דער פאבריק.

זייער לעבען האט קיין שייכות ניט מיט דער נאטור, אפילו קיין ווייטע שייכות ניט. זיי ווייסען ניט, וואס התלהבות איז און קענען ניט קיין פרייד, קיין ערנסטקייט און אינטימקייט, קיין שווי־ דער און קיין טראַגיק: זיי פילען ניט זיך גופא און זייערע איבער־ לעבונגען, זיי קענען ניט שמייכלען און קענען קיין קינדער ניט זיין, זיי טראגען עס אלץ געדולדיג אריבער און ווייסען ניט, ווי אומער־ טרעגליך זיי אליין זיינען. זיי פירען אויף א נשמה־לעבען אין

שמוץ און אין א פאַרדאַרבענער לופט, אין א טשאַד פון נבול־פה און פון מוראַדיג־מיאוסע פאַרגעניגענס.

דער אַרט, אין וועלכען זיי קומען זיך צונויף, און פירען זייער מין געזעלשאַפטליכען לעבען, איז ניט דער פרייער מאַרק־פּלאַץ אונטער׳ן הימעל און ניט דער געוועלבטער בנין, וואָס זיין קופּאָל זאָל אָפּ־שפּיגלען פאַר זיי די געשלאָסענע פאַרבונדענקייט אונטער דעם פרייען הימעל און דעם אין־סוף; און ניט קיין געמיינדע־זאַל אָדער א קאָרפּאָ־ראַציע־זאַל אָדער א רוימישער בית־מרחץ: זייער געזעלשאַפטליכער לאָ־קאַל איז דער שענק.

דא ווערען זיי שכורים און זיי געוואוינען זיך אפּט אַזוי צום טרינקען, אַז זיי קענען שוין אָן דעם ניט לעבען. זיי שכור׳ן זיך אָן, ווייל זיי האָבען קיין האַר ידיעה ניט וועגען א באַרוישונג דורך א גייסטיגער הנאה.

ס׳איז א מוז־זאַך און א ״דבר ידוע״, אַז זעהר א סך מענטשען ווילען אַרבייטען און קענען ניט, אַז א סך, וואָס וואָלטען געקענט אַרבייטען, האָבען שוין מער ניט דעם רצון דערצו, אַז ס׳ווערען זעהר פיל שפּראָצונגען געמיטט שוין אין מוטערלייב און זעהר א סך קינדער — נאָכ׳ן געבורט, אַז זעהר א סך מענטשען פאַרברענגען לאַנגע יאָרען אין תפיסה אָדער אויף צוואַנג־אַרבייט אין קאַטאָרגע.

מ׳האט געמוזט בויען תפיסות און קאַטאָרגעס, מ׳האט געמוזט אויסבויען עשאַפאָטען. דאָס אייגענטום און דאָס לעבען, דאָס געזונט, דער ריינער קערפּער און די פרייהייט פון אויסקלייבען מאַן און ווייב,— אַלץ איז באַדראָהט דורך מענטשען, וואָס זיינען פאַרצווייפעלט און דע־מאָראַליזירט. די דראָהונג קומט שוין אָפט ניט מער פון מורדים און פאַרברעכער, מחמת די מוטיגע גזלנים זיינען געוואָרען ווייניגער, ווי ס׳איז געווען פריהער; דערפאַר זיינען פאַראַן גנבים לאין מספר, גזלנים, וואָס רייסען אויף שלעסער, און אַפּעריסטען און צופעליגע מערדער, וועלכע מ׳רופט רוצחים.

די כלי־קדש און די בירגער, וואָס זיינען איינגעצאַמט אין מאָראַל, האָבען איינגעפירט, אַז מ׳זאָל ריידען פון די דאָזיגע אומ־גליקליכע מענטשען, וואָס זיינען אומשולדיג — שולדיגע פאַר אונזער

פארשאלטענער אומשולדיגקייט, ווי מ׳רעדט פון חיות: מ׳רופט זיי בהמות, חזרים, בעק אוןווילדע חיות. אבער מענטשען! זעהט זיי, בעת זיי זיינען קינדער, קוקט זיי נאך און באטראכט מיט א טיפען בליק זייערע געזיכטס־שטריכען בעת זיי ליגען אויפ׳ן טהרה־ברעט, און דער־נאך קוקט אריין טיף אין אייער הארצען. שאַנעוועט זיך ניט, צו לאנג האט איר זיך געשאנעוועט און צו לאנג אפגעהיט אייערע ריינע בגדים, אייער הויט און אייער הארץ, וואס איז אזוי איידעל און צארט אין די געפילען, אז ס׳ווילט זיך אויסשרייען א קללה. זעהט נאר די ארימעלייט, די געפאלענע, די פארברעכער און די זונות, איר חשובע בירגער, איר ערצויגענע און סטאטעטשנע יונגע לייט, איר צניעות׳דיגע מיידלאך און חשובע פרויען, קוקט זיך צו און זייט וויסען: אייער אומ־שולד איז אייער שולד; זייער שולד איז אייער לעבען,

זייער שולד איז דאס לעבען פון די פארמעגליכע. די מעשה איז נאר, אז אויך די דאזיגע פיינע לייט זיינען שוין מער ניט קיין אומשולדיגע און אזעלכע, אויף וועלכע מ׳קען קוקען אָן עקעל. די נויט און דער אומגייסט באשאפען א שרייעדיגע מיאוסקייט, דחקות, וויסטקייט; דער וואוילשטאנד און דער אומגייסט פארען זיך צונויף און באשאפען וויסטקייט און שקרים.

און ס׳איז דא א פונקט, ס׳איז דא איין ארט, וואו ביידע טרעפען זיך צונויף: דער אביון און דער קלאגעדיגער גביר. זיי טרעפען זיך צונויף אין דער געשלעכטס־פראגע מיט אירע מכות. די סאמע אומ־גליקליכע זיינען די יונגע פרויען, וואס האבען ניט צו פארקויפען קיין אנדער זאך אויסער זייער גוף. די סאמע קלאגעדיגע זיינען די יונגע לייט, וואס בלאנדזשען ארום איבער די גאסען און ווייסען ניט, פון וואנען ס׳קומט צו זיי דער געשלעכטליכער אינסטינקט און וואס זיי זאלען מיט אים אנהויבען צו טאן. אין דער דאזיגער צייט אונזערער איז ניט דער מארק—דער געמיינשאפטס־ארט פאר אלע, אין ניט קיין הויכער בנין מיט א קופאָל, ניט א טעמפעל אין ניט קיין ראטהויז. ערשט אבער, נאר דארטען, וואו ס׳הערשט מאכט און געלט אנשטאט דעם גייסט. איז די תאוה שוין אויף אזוי ווייט פארשוואונדען, אז ס׳זיינען דא מענטשען, וואס ווילען איר קויפען, און מענטשען, וועלכע מוזען

פארקויפען איר עקעלדיגען סוראָגאַט. דאָרטען, וואו תאוה ווערט א סחורה, איז שוין מער קיין נפקא־מינה ניט צווישען די נשמות פון די אויבערשטע און פון די אונטערשטע שיכטען. און דאס פרייליכע היי־זעל איז דער רעפּרעזענטאַנט פון אט דער דאזיגער צייט אונזערער.

די מלוכה עקסיסטירט, כדי צו באשאפען ארדענונג און א מעגליכקייט פון א לעבען אין דער דאזיגער גייסטלאזיגקייט, אינ׳ם דאזיגען שטות, אין דעם דאזיגען תהו ובהו, אין דעם דאזיגען דחקות און אין דער דעמאָראַליזאציע. די מלוכה מיט אירע זשאנדארמען און מיט איר פּאליציי, די מלוכה מיט אירע סאלדאטען, באאמטע און פּראסטיטוטקעס.

וואו ס׳איז ניטא דער גייסט און דער אינערליכער צוואנג־דאָרט מוז זיין אן אויסערליכער כח, א רעגלאַמענטאציע און א מלוכה.

וואו ס׳איז פאראן גייסט, איז דא א געזעלשאפט, וואו ס׳הערשט גייסטלאזיגקייט איז — די מלוכה, די מלוכה איז דער סוראָ־גאַט פון גייסט.

דאס איז ריכטיג אויך נאך אין א צווייטען פּרט. די מעשה איז, אז ס׳מוז זיין בנמצא עפּעס א זאך, וועלכע זאל אויסזעהען ווי גייסט און זאל עפּעס באשאפען. מענטשען קענען קיין רגע ניט לע־בען אָן א גייסט. די מאטעריאליסטען מעגען זיך זיין בעצם גאַנץ ערליכע לייט, נאר זיי פארשטעהען קיין שמץ ניט פון דעם, וואס ס׳שטעלט פאר מיט זיך די וועלט און דאס לעבען. אלא וואס איז עס פאַרט פאר א גייסט, וואס דערהאלט ביים לעבען? דער גייסט, וואס מאכט א סדר אין אונזער ארבייט, הייסט ביי איין צד: געלט, ביים צווייטען — נויט. דאס האבען מיר שוין געזעהען. דער גייסט, וואס דערהויבט אונז אי־בער אונזער גשמיות און איבער׳ן עגאָאיזם הייסט ביי די אונטערשטע שיכטען — אבערגלויבען, זנות, אַלקאָהאָל, ביי די אויבערשטע שיכ־טען — אַלקאָהאָל, זנות און לוקסוס. און ועל כלם זיינען נאך פאראן כל־ערליי גייסטער — יוצא, יוצא! און דער גייסט, וואס דערהויבט יחידים צו א מענטשליכען קיבוץ, צו א פאלק, הייסט היינט: נאציע, נאציע, וואס שטעלט פאר מיט זיך א נאטירליכען צוואנג מצד דער מיטגע־בוירענער צוגעבונדענקייט, איז אן אלטער, א שענער גייסט, וועלכען

מ׳קען ניט פאַרטיליגען׳ נאַציע אבער אין דער צונויפפאַרעניש מיט
דער מלוכה און מיט דער פאַרגעוואַלדיגונג איז א קינסטליכע ברוטאַ־
ליטעט און א שעדליכע טפשות׳ און דאך איז די נאַציע א סוראָ־
גאַט־מיטעל פון גייסט׳ וואס איז געווארען אומבאַדינגט נויט׳ג פאַר די
היינטיגע מענטשען׳ ווי א סם׳ צו וועלכען מ׳האט זיך צוגעוואוינט׳ ווי
א מיטעל זיך צו פאַרשכור׳ן׳ ווי ספּיריטוס.

די מלוכות מיט זייערע גרעניצען׳ די נאַציעס מיט זייערע קאנפליק־
טען זיינען סוראָגאַט־מיטלען פאַר דעם פאָלקס־גייסט און גע־
מיינשאַפטס־גייסט׳ וועלכע זיינען ניטאָ. די מלוכה־אידעע איז א נאַכ־
געמאַכטער׳ א קינסטליכער גייסט׳ א פאַלשע אילוזיע. זי באַ־
העפט צווישען זיך און פאַרבינדט מיט א באַשטימטען לאַנד־שטח
ווירטשאַפטליכע אינטערעסען (און וואס פאַר א ווירטשאַפטליך לעבען
איז ביי היינטיגען טאג דא — האבען מיר שוין געזעהען!)׳ זי איז
משדך צוועקען׳ וועלכע האבען גאר קיין מגע ומשא צווישען זיך ניט׳
וועלכע האבען גאר קיין שייכות ניט צום לאַנד־שטח׳ ווי די שענע
אינטערעסען פון דער געמיינזאַמער שפּראַך פון פאָלק און פון די
מנהגים. די מלוכה מיט איר פּאָליציי און מיט אלע אירע תקנות און
געזעצען׳ מיט אירע אינסטיטוציעס פון אייגענטומס־רעכטס׳ עקסיסטירט
לשם די מענטשען׳ אלס א קלאַגעדיגער סוראָגאַט פון גייסט און פון
חברות׳ וועלכע דאַרפען האבען אַל־ערליי צוועקען׳ און פּלוצלינג׳
דאַרפען גאר די מענטשען עקסיסטירען טאקע אין נאָמען פון
דער מלוכה׳ וועלכע איז כלומרשט א מין אידעאַלער בנין און
א זעלבסט־צוועק! און ווידער מאַכט נאך די מלוכה דעם גייסט.
גייסט איז אזא זאך׳ וואס לעבט אויף א גלייכען אופן ביי אלעמען
אין די הערצער און אין די נשמות; דאס׳ וואס רייסט זיך
ארויס פון אלעמען מיט א נאַטירליכען צוואַנג׳ אלס א מין
אייגענשאַפט׳ וועלכע בינדט צונויף און פירט אלעמען צו א בונד.
די מלוכה שטעקט קיינמאל ניט אין תוך פון א יחיד׳ זי איז קיינמאל ניט
געווען אן אינדיווידועלע אייגענשאַפט׳ וועלכע זאל אנגעהען די מענ־
טשען ביים לעבען׳ קיינמאל איז זי ניט געווען קיין פּריוויליגקייט. זי
שטעלט אוועק דעם צענטראַליזם פון דער הערשאַפט און די דיסציפּלין

אויף דעם ארט פון א מיטעלפונקט, וואס רעגירט דאס גייסטיגע לעבען: דעם דופק פון הארצען און דעם פרייען, אייגענעם געדאנק אינ׳ם לעבעדיגען גוף פון דער אייגענער פערזענליכקייט. אמאל זיינען געווען געמיינדעס, שבטים, צעכען, ברודערשאפטען, חברות, קאָרפּאָראַציעס און זיי אלע זיינען שיכטענווייז פארבונדען געווען צווישען זיך און האבען באשאפען די מלוכה.

און די דאזיגע היינטיגע מלוכה, וואס איז נאך אלעמען א ״גארניט״ אין וואס ציהט אויף זיך ארויף צביעות׳דיג דעם שלייער פון נאציאנאליזם, כדי צו פארשטעלען די אייגענע נישטיגקייט, און פארבינדט אויף א פאלשען אופן דעם דאזיגען נאציאנאליזם, וועלכער איז אן איידעלע און גייסטיגע זאך, וואס עקסיסטירט צווישען די מענשען, מיט א באשטימטער לאנד־געמיינשאפט, וועלכע האט מיט דעם קיין שום שייכות ניט; די דאזיגע מלוכה וויל בכן זיין א גייסט, און אן אידעאל. די מלוכה וואלט וועלען זיין ווי א זאך, וואס קומט פון יענער וועלט און איז למעלה מן השכל, פאר וועלכער מיליאנען מענטשען דארפען זיך לאזען שחט׳ן און מימת׳ן איינער דעם אנדערען מיט התלהבות, ווי פארשכורט דורך בלוט. דאס איז די אויסערסטע, די העכסטע פארם פון אומגייסט, וועלכער האט זיך איינגעווארצעלט, מחמת דער אמת׳ער גייסט פון פאראייניגונג איז נעלם געווארען און איז געגאנגען לאיבוד, ס׳מוז נאכאמאל איבערגעחזר׳ט ווערען: אויב די מענטשען וואלטען ניט געהאט דעם דאזיגען שוידערליכען אבערגלויבען אנשטאט דעם לעבעדיגען אמת, וועלכען ס׳שטעלט פאר מיט זיך די נאטירליכע פארבינדונג דורכ׳ן גייסט, וואלטען זיי גארניט געקענט לעבען, ווייל זיי וואלטען דערשטיקט געווארען אין דעם בזיון און אין דער חרפה פונ׳ם אומנאטירליכען לעבען און פון דער דאזיגער צוריסענקייט. זיי וואלטען, ווי פארטריקענטע בלאטע, צופאלען אין שטויב.

אט דאס איז בכן דאס פנים פון אונזער צייט. אזוי שטעהט זי פאר אונז צווישען די תקופות. צי האט איר געהערט, איר וואס הערט זיך צו צו מיינע ווערטער מיט די אויערען און מיט׳ן גאנצען וועזען, צו האט איר געפילט, אז איך האב קוים געקענט ריידען ביי דער דאזיגער באשרייבונג? אז כ׳האב גערעדט נאר ווי דורך צוואנג

וועגן דער דאזיגער מוראדיגער זאך, ווייל ס׳מוז געזאגט ווערן לטובת דעם ענין און צוליב אייך, און כ׳האב ארויסגערופען אין מיין באוואוסטזיין דאס, וואס איז שוין פאר מיר פון לאנג קלאר, מחמת אט די גאנצע קללה פון דער סביבה איז שוין פון לאנג געווארען א שטיק פון מיין תוך, פון מיין לעבען, פון מיין קערפערליכקייט און אפילו פון מיין אויסדרוק אויפ׳ן פנים? אז כ׳בין געווען ווי צונויפגע־קארטשעט אין קרעמפען און בין כמעט ווי אנידערגעפאלען אונטער א מוראדיגער משא, אז כ׳האב גערעדט מיט א קורצען אטעם און מיט א שטארקער הארץ־קלאפעניש?

איך מענטשען, איר אלע אינאיינעם, וואס ליידט פון דעם דאזיגען גרויל: זאל צו אייך ארייננדרינגען ניט נאר מיין קול, מיט וועלכען כ׳רייד, און דער קלאנג פון מיינע ווערטער. הערט זיך צו, קודם כל, צו מיין שווייגען און צו מיין שטומקייט, צו מיין פארשטיק־טען אטעם און צו מיין שרעק. זעהט נאך דערצו מיינע צונויפגע־דריקטע פויסטען, מיין משונה׳דיגען פנים און די ציטערדיגע אנטשלא־סענקייט פון מיין גאנצער געשטאלט. באגרייפט קודם כל, ווי שוואך און בלאס די דאזיגע שילדערונג איז און ווי שטום און אומבאהאלפען איך בין דאס צו באשרייבען.

ווייל איך וויל, אז מענטשען זאלען מיך הערען, אז מענטשען זאלען מיט מיר געהן; מענטשען, וואס קענען שוין מער ניט אויס־האלטען, אזוי ווי איך.

IV

סאציאליזם איז די טענדענץ פון ווילען ביי מענטשען· וועלכע זיינען פאראייניגט· כדי צו באשאפען א נייע ווירקליכקייט· אין נאמען פון אן אידעאל·

מיר האבען דא ערשט געזעהען פארוואס די נייע ווירקליכקייט מוז באשאפען ווערען· מיר האבען געזעהען די אלטע ווירקליכקייט· מיר האבען נאך א מאל דעמאָנסטרירט די עקסיסטירענדע ווירקליכקייט פאר אונזער ציטערדיגען בליק· איך זאג ערשט ניט — ווי ס׳וועט אויסזעהען אין איר גאנצקייט די נייע ווירקליכקייט· צו וועלכער מיר ווילען זיך דערהויבען· ווי אנדערע וואלטען געקענט פון מיר פארלאנגען· איך גיב ניט קיין שילדערונג פון אן אידעאל· קיין באשרייבונג פון אן אוטאָפּיע· וואס קען איצט דערפון געזאגט ווערען· האב איך געוואלט באמערקען מיט׳ן בליק און כ׳האב עס אנגערופען מיט׳ן נאמען גערעכטיגקייט· ס׳איז אנגעצייכענט געווארען א בילד פון אונזערע פארהעלטנישען· פון אונזערע מענטשען· צו גלויבט אימיצער· אז ס׳איז גענוג צו האלטען דרשות וועגען שכל און גוטע מדות אדער גאר — וועגען ליבע און די אלע זאכען וועלען ווערען·

דער סאציאליזם איז א קולטור־באוועגונג· איז א קאמף פאר שענקייט· פאר גרויסקייט און שפע פון די פעלקער· דעם סאציאליזם וועט קיינער ניט פארשטעהן און קיינער וועט מיט אים ניט אנפירען· פאר וועמען ער פליסט ניט ארויס פון הונדערטער· פון טויזענטער יארען· דער· וועלכער איז ניט משיג דעם סאציאליזם אלס דעם וויטערדינען גאנג פון דער געשיכטע· וואס געהט מיט שווערע טריט· האט פון אים קיין ברעקעל השגה ניט· און דערמיט איז שוין געזאגט — מיר וועלען נאך וועגען דעם מער הערען — אז די טאג־פאליטיקער קענען קיין סאציאליסטען ניט זיין· דער סאציאליסט איז תופס דעם גאנצען צוזאמענהאנג פון דער געזעלשאפט און פון עבר· ער ווייסט און פילט: פון וואנען מיר קומען או באשטימט לויט דעם· וואוהין מיר זאלען געהן·

אט דאס איז דער סימן מובהק פון א סאציאליסט להיפך צום פאלי־טיקער: ער איז תופס אונזערע פארהעלטנישען און זייער גאנצקייט, ווי אזוי זיי זיינען געווארען און ווי זיי ווערען, ער דענקט וועגען גאנצען לעבען, וועגען אלץ, וואס האט א שייכות צום לעבען, מיט דעם איז זיך נאך מתדבק דאס, אז ער זאגט זיך אפ לגמרי פון אלע אונ־זערע געזעלשאפטליכע פארמען, אז ער קלערט ניט צו טאן און געהט ניט פארווירקליכען קיין פרט־זאך, נאר — דאס גאנצע, דאס אלגע־מיינע, די פרינציפ־זאך.

אן אלגעמיינע זאך און א פרינציפ־זאך איז אבער פאר א סאציאליסט ניט נאר דאס, וואס ער ווארפט אפ, ניט בלויז דאס, צו וואס ער שטרעבט, אויך זיינע מיטלען קענען ניט נוגע זיין נאר איינצעלנע פרטים, די וועגען, וועלכע ער לייגט דורך, זיינען ניט קיין איינצעל־וועגען, נאר הויפט־וועגען.

דער סאציאליסט מוז בכן זיין אין געדאנק, אין געפיל און אין רצון א מענטש, וואס איז תופס דאס גאנצע, וואס באנעמט דאס פילפאכיגע און באשאפט דערפון אן איינהייט.

מעג ביי אים איבערשטייגען די גרויסע ליבע אדער די פאנטאזיע, אדער דער קלארער שכל, אדער דער עקעל, אדער דער וויל־דער חשק צום קאמף, אדער דאס מעכטיגע דענקען פון א חכם, אדער וואסער ס׳איז אנדער מקור, צו ער איז א דענקער, אדער א דיכטער, א קעמפער, אדער א נביא: עפעס א השגה פונ׳ם גאנצען ענין, פון דאס גאנצע היינטיגע לעבען, וועט דער אמת׳ער סאציאליסט מוזען האבען, קיין מאל אבער (דא רעדט זיך וועגען וועזען און ניט וועגען אויסערליכען בארוף) וועט ער ניט קענען זיין קיין מענטש פון חשבונות, קיין טאַנ־דעטניק, קיין מענטש פון א גאנץ־יאר: א מאסען־מענטש.

דא איז דער אָרט, וואו ס׳מוז געזאגט ווערען (מחמת ס׳איז שוין אט ערשט געזאגט געווארען): די, וואס רופען זיך ביי היינטיגען טאג סאציאליסטען, זיינען אלע אינאיינעם קיין סאציאליסטען ניט; דאס, וואס ווערט ביי אונז אנגערופען סאציאליזם, איז כלל וכלל קיין סאציאליזם ניט. אויך דא אין דער אזוי גערופענער סאציאליסטישער באוועגונג ווי אין אלע איינריכטונגען אין ארגאניזאציעס פון די דאזיגע צייטען,

האט דעם ארט פון גייסט פארנומען א מיאוסער און נבזה׳דיגער סוראָ־גאַט. אבער דא איז די געפעלשטע סוראָגאַט־סחורה באזונדערס שלעכט, זי איז עפּעס אפּגעצייכנט מיט א באזונדער סימן און איז באזונדערס קלאגעדיג פאר די אפּגעגארטע, באזונדערס גע־פערליך פאר די פארפירטע. דער דאזיגער סוראָגאַט איז א קאריקאטור, אן אימיטאציע, א סוראָגאַט פון גייסט. גייסט איז — תּופס זיין דאס גאנצע אין דער לעבעדיגער וועלט, אין דער אלגעמיינקייט, וואס לעבט; גייסט איז — פארבינדונג פון דאס צוטיילטע, פון זאכען, פון באגריפען, ווי פון מענטשען. גייסט איז אין איבערגאנגס־צייטען: ענטוזיאזם, התלהבות, מוטיגקייט, קאמף. גייסט איז טאָן און בויען. דאס, וואס מאכט נאך היינט דעם סאציאליזם, וויל אויך תּופס זיין א גאנצקייט, וואלט אויך וועלען פאראלגעמיינערען די איינצעלהייטען אין א געשלאסענער אנשויאונג. אבער ווייל ס׳לעבט ניט אין דעם קיין לעבעדיגער גייסט, ווייל דאס, וואס ער באטראכט, האט פאר אים קיין לעבען ניט און ווייל דאס אל־געמיינע איז פאר אים ניט קיין שטאף אויף צו געשטאלטען, ווייל ער האט קיין איניציאטיוו ניט און קיין אימפּולס ניט, — איז בכן זיין אלגעמיינע אנשויאונג ניט קיין אמת׳ער אופן פון וויסען, ניט קיין אמת׳ער רצון. דעם ארט פון גייסט האט גאר פארנומען א משונה׳דיג ווילדער און קאמישער וויסענשאפטליכער אבערגלויבען. ס׳איז קיין חידוש ניט, אז די דאזיגע קוריאזע לערע איז א מאסקאראד פון גייסט, מחמת זי שטעלט פאר מיט זיך לויט איר אנט־שטעהונג א מאסקאראד פון ווירקליכען גייסט, דהיינו — העגעלס פילאזאפיע. דער, וואס האט אויסגעפארשט דעם דאזיגען רעצעפּט ביי זיך אין לאבאראטאריע, הייסט קארל מארקס. קארל מארקס — דער פּראָ־פעסאר, ער האט עס אונז מזכה געווען מיט א וויסענשאפטליכען אָבערגלויבען, אנשטאט א גייסטיגען וויסען; מיט פּאליטיק און מיט א פּארטיי אנשטאט א קולטור־ווילען. מחמת אבער זיין וויסענשאפט, וועלכע איז זיך סותר מיט זיין פּאליטיק און מיט אלע פּארטיי־מעשים, ווי מיר וועלען תּיכּף זעהן, שטעלט זיך פון טאג צו טאג אלץ בולט׳ער אין א סתּירה צו דער ווירקליכקייט, און ווייל ס׳קען דאך אזא פאלשע און

נאכגעמאכטע פאראלגעמיינערונג, ווי די דאזיגע ווען זיך ס'איז אוועקגעשטעלט מיט זיך פאר, לאנג זיך ניט האלטען אנטקעגען דער ממשות פון די לעבעדיגע חושים און פון דער ווירקליכקייט פון די טעגליכע לעבענס־ערשיינונגען, – האט זיך אין דער סאציאל־דעמאקראטיע גלייך פון אנהויב אָן און ניט זינט ס'איז פאראן דער אזויגערופענער רעוויזיאניזם, אנגעהויבען דער אויפשטאנד פון די גייסטלאזע טאג־קעמפער, פון די טאַנדעטניקעס און פון די מאסען־מענטשען אנטקעגען דעם מאסקאראד מיט דער וויסענשאפט. דא וועט אבער באוויזען ווערען, אז די מעשה איז אנדערש און אז סיי די און סיי די אנדערע זיינען אין דער אמת'ן קיין סאציאליסטען ניט. דא וועט באוויזען ווערען, אז דער מארקסיזם איז ניט קיין סאציאליזם, און אז דער פארלאטעטער בגד פון די רעוויזיאניסטען – פונקט אזוי. ס'מוז באוויזען ווערען וואס סאציאליזם איז ניט און וואס ער איז יא. לאמיר זיך צוקוקען.

דער מארקסיזם

קארל מארקס האט איבערגעוואָרפען א קינסטליכען בריק צווי־שען די צוויי באשטאנד־טיילען פון מארקסיזם, צווי־שען דער וויסענשאפט און דער פאליטישער פארטיי, באופן, אז ס'האט זיך אויסגעדאכט, אז א שפּאגעל־נייע זאך איז אראפגעקומען אויף דער וועלט, אזא זאך, וואס מ'האט פריהער גארניט געזעהן, דהיינו: די וויסענשאפטליכע פאליטיק און די פארטיי אויף א וויסענשאפטליכען יסוד, די פארטיי מיט א וויסענשאפטליכען פראגראם. דאס איז באמת געווען א גאנץ נייע זאך און נאך דערצו א זאך, וועלכע האט געפּאסט פאר דער צייט און איז געווען מאדערן, ועל כלם האט עס נאך געחנפט די ארבייטער, וואס גראד זיי פארטרעטען די וויסענשאפט, די סאמע נייסטע וויסענשאפט. אויב דו ווילסט געווינען פאר זיך די מאסען, דארפסטו זיי חנפ'נען; אויב דו ווילסט, אז זיי זאלען ווערען אומפעהיג צו ערנסטע געדאנקען און מעשים, אויב דו ווילסט מאכען פון זייערע פארטרעטער מוסטער־געשטאלטען פון א פוסטער גאוה, וואס שליידערען ארום זיך האלב־פארשטענדליכע אדער לגמרי אומפארשטענדליכע ווערטער, טא רייד זיי איין, אז זיי זיינען פארטרעטער פון א וויסענשאפטליכער פארטיי; אויב דו ווילסט, אז זיי זאלען ווערען פון אויבען ביז אונטען פול מיט א רשעות'דיגער טפשות, טא לערען זיי איין די פארטיי־שולען, בכן, א וויסענשאפט־ליכע פארטיי — דאס איז דאך קודם כל געווען די פאדערונג פון דער צייט, וואס איז, אגב, די פארגעשריטענסטע פון אלע צייטען! וואס פאר א דילעטאנטען זיינען עס געווען די, וואס האבען זיך ביז אהער פארנומען מיט פאליטיק ווערענדיג געטריבען פון א אינ־סטינקט אדער פון א געניאליטעט, אזוי ווי ס'קומט פאר דאס געהן, דאס דענקען, דיכטען אדער מאלען, — ס'איז דערביי, אגב אורחא, נויטיג א וויסען, א סך קענען, א סך טעכניק, צוזאמען מיט די נאטור־אייגענשאפטען פון דעם מענטשען און א טאלאנט, אבער ס'פאדערט זיך לגמרי ניט קיין שום וויסענשאפט. און וואס פאר א עניוותדיגע מענטשען זיינען עס געווען די פארטרעטער פון דער פאליטיק, אלס

א מין וויסענשאפט, פון פּלאַטאָן איבער מאקיאבעלי ביז צום מחבר פון דעם אויסגעצייכענטען לערן־ביכעל פאר א דעמאַגאָג, וועלכע האבען על כל פנים מיט א גרויסער קונסט און א גרינדליכען בליק, וועלכער פאראייניפאכט און פאראלגעמיינערט, געזאמעלט און געבראכט אין א סדר די איינצעלנע איבערלעבונגען און אינסטיטוציעס. נאר ס'איז אבער קיינמאל קיינעם ניט געקומען אין קאפּ אריין דער רעיון, אז מ'דארף זיך מתעסק זיין אויף א וויסענשאפטליכען אופן מיט מעשים און האנדלונגען. פאר די דאזיגע וויסענשאפטליכע סאציאליס־טען שטעלט מיט זיך פאר דער מארקסיזם דאס זעלבע וואס ס'וואלט געווען די קונסט־וויסענשאפט, אויב זי וואלט זיך איינגערעדט, אז זי איז דער פּראגראמאטישער יסוד פאר דער שאפונג פון די קינסטלער.

אין דער אמת'ן שטימט שלעכט די וויסענשאפט־אילוזיע פון מארקסיזם מיט דער פּראקטישער פּאליטיק פון דער פּארטיי. זיי פּאסען בלויז צוזאמען פאר אזעלכע מענטשען, ווי ס'זיינען געווען מארקס און ענגעלס, אדער ווי ס'איז קאוטסקי, וועלכע פאראייניגען אין זיך דעם פּראפעסאר און דעם רעדעל־פירער. ס'איז בלתי ספק אמת, אז נאר דעמאלט קען מען פארלאנגען עפּעס רעכטס און אזוינס, וואס האט בעצם א ווערט, בעת מ'ווייס וואס מ'וויל. מיר וועלען שוין אבער ניט ריידען דערפון, אז א וויסען איז א גאנץ אנדער זאך, ווי די אזוי גערופענע וויסענשאפט. דער גאנצער ענין שטימט אבער שלעכט, בעת מ'פּרעטענדירט פון איין זייט צו וויסען גענוי, א דאנק די אזוי גערופענע געשיכטליכע אנטוויקלונגס־געזעצען, וואס האבען כלומרשט די קראפט פון נאטור־געזעצען, — אז דאס און דאס מוז געשעהען עפ"י הכרח און אָן שום תּרוצים באופן, אז דער רצון אדער די מעשים פון די מענטשען קענען ניט האבען קיין ברעקעל השפעה אויף דאס, וואס איז נגזר געווארען מלפנים, — און בעת מ'איז פון דער צווייטער זייט א פּאליטישע פּארטיי, וועלכע קען ניט טאן קיין שום אנדער זאך, ווי נאר וועלען, פאדערען, האבען אן איינפלוס און איבעראנדערשען איינצעלנע זאכען, דער בריק צווישען די דאזיגע צוויי געגענטיילען, וועלכע לאזען זיך ניט פאר־

אייניגען׳ איז די נארישסטע גאוה׳ מיט וועלכער מ׳האט זיך ווען ס׳איז ארומגעטראגען בפרהסיא אין דער מענטשליכער געשיכטע: אלץ׳ וואס די מארקסיסטען פאדערען אדער טוען (און זיי פאדערען מער׳ איידער זיי טוען) איז א נויטוועגדיגער גליד פון דער אנטוויקלונג׳ א גזרה מן השמים גראד אין דער זעלביגער רגע בעת מעשה׳ איז ניט קיין אנדער זאך׳ ווי א פועל־יוצא פון א נאטור־געזעץ. אלץ׳ וואס די אנדערע טוען׳ איז אן אומנוציגע שטרעבונג אפצוהאלטען דעם געשיכטליכען מוז׳ די טענדענצען פון דער געשיכטע׳ וועלכע קארל מארקס האט אנדעקט און פעסטגעשטעלט איין מאל פאר אלע מאל׳ אלס א ״חוק ולא יעבור״׳ אדער גאר אזוי: די מארקסיסטען זיינען מיט דאס׳ וואס זיי ווילען פארווירקליכען׳ די אויספיר־ארגאנען פון דעם אנטוויקלונגס־געזעץ׳ אין דער גלייכער צייט זיינען זיי די אנדענקער און די טרעגער פונ׳ם דאזיגען געזעץ׳ עפעס אזוינס׳ וואס מ׳קען אנרופען די געזעצגעבערישע און אויספירענדיגע מאכט פון דער נאטור־רעגירונג און געזעלשאפטס־רעגירונג אין איין און דערזעלביגער פערזאן׳ אויך אנדערע העלפען דורכצופירען די דאזיגע געזעצען׳ אבער זיי טוען דאס געגען דעם אייגענעם רצון׳ זיי׳ די דאזיגע אומגליקליכע לייט ווילען תמיד דעם היפך׳ אבער זיי מוזען העלפען מיט זייערע שטרעבונגען און מיט זייערע מעשים׳ ס׳זאל געשעהען דער הכרח׳ וואס איז אנדעקט געווארען דורך די מארקסיסטען׳ די גאנצע גאוה׳ די גאנצע עקשנות׳דיגע טפשות און באגרענצטקייט׳ די גאנצע אומטאלעראנץ און די בלינדע אומגערעכטיגקייט און דאס גאנצע רשעות׳דיגע וועזען׳ וואס אנטפלעקט זיך כסדר פון די וויסענשאפטס־הערצער און פארטיי־הערצער פון די מארקסיסטען ליגט שוין בכן אין דער משונה׳דיגער צונויפפארונג פון דער טעאריע מיט דער פראקטיק׳ פון דער וויסענשאפט מיט דער פארטיי׳ וואס איז מעשה אַבסורדי׳ דער מארקסיזם איז דער פראפעסאר׳ וואס וויל הערשען׳ ס׳איז בכן דאס אמת׳ע קינד פון קארל מארקס׳ דער מארקסיזם איז א בריה׳ וואס איז געראטען איז טאטען; און די מארקסיסטען זיינען ענליך צו זייער לערער׳ מיט א חילוק נאר׳ אז די חריפות׳ די בקיאות און די פעהיגקייט צו קאמבינאציעס און בריה׳שקייט אין

אַסאָציאַציעס פון דעם אמת׳ן פּראָפעסאר מארקס, וואס זיינען אפט ווערט שבחים, זיינען אקארשט פארביטען געווארען מיט בראשורען־למדנות, פארטיישול־חכמה און מיט עם־הארצישע נאך־פּלוידערייען. קארל מארקס איז זיך דאך סומך לכל הפחות אויף פאקטען פון ווירטשאפטליכען לעבען, אויף א פראטאקאלישען קוועלען־מאטעריאל און אפען—אָן צערעמאניעס — אפילו אויף די אנטפלעקונגען פון די גרויסע אינטואיטיווע מוחות. זיינע תּלמידים באנוגענען זיך כמעט תּמיד מיט קאָנספּעקטען און לערן־ביכלעך, וואס זיינען צונויפגע־שטעלט מיט דער הסכמה פונ׳ם אפּיציעלען וויסענשאפטס־פּארזארגער אין בערלין. מיר אבער דארפען דא ניט מיטמאכען די נארישע און פארשאלטענע חניפה פאר׳ן פּראלעטאריאט, ווייל דער סאציאליזם וויל מבטל מאכען דעם פּראלעטאריאט און האלט אים ניט פאר א באַ־זונדערס געבענטשטע אינסטיטוציע פאר׳ן גייסט און הארץ פון די, וואס געהערען צו אים. (פאר גרויסע און געבענטשטע נאטורען וועט דער פּראלעטאריאט געוויס פארשטעלען מיט זיך דעם טרעגער פון א מזל־ברכה, ווי יעטוועדע נויט און צרה טראגען אין זיך א ישועה פאר׳ן גייסט; און מען קען נאך כסדר האפען, אז דער דלות און די אינערליכע פּוסטקייט, וואס שטעלען מיט זיך פאר א מין גרייט־שאפט און א מין משא, וואס ליגט פארבאהאלטען אינעווייניג, א מין אנגעלאדענקייט, וועט נאך א מאל אין אן עת־צרה שטויסען גאנצע מאסען איז געשלאסענע רייען צו אן אויפרייס, וועט פירען צו דער געניאליטעט פון גרויסע מעשים). דעריבער מוז דא ערשט נאך א מאל געזאגט ווערען: ס׳קען, אמת, טרעפען א וואונדער אויך מיט׳ן פּרא־לעטאריאט, ווי מיט יעדען אנדערען מענטשליכען קיבוץ, דהיינו: ס׳קען קומען איבער אים דער גייסט, אבער מיט׳ן מארקסיזם איז איבער אים ניט געקומען ניט קיין ״נס של פּסח״ און ניט קיין נביאישער לשון, נאר בלויז א דור הפלגה, און די אויפגעבלאזענע גאוה, און דער פּראלעטארישער פּראפעסאר, דער פּראלעטארישער אדוואקאט און פארטיי־פירער, אט דאס איז ערשט די אמת׳ע קאריקאטור שבקאריקאטורען, וואס הייסט מארקסיזם, יענער מין סאציאליזם, וואס רעקלאמירט זיך פאר א וויסענשאפט.

וואס זשע לערנט אקארשט די דאזיגע מארקסיסטישע וויסענשאפט? וואס איז זי משער? זי איז משער, אז זי ווייס די צוקונפט. זי פארמעסט זיך צו האבען אזא טיפע קענטניש פון די אייביגע אנטוויקלונגס־געזעצען און פון די דעצידירענדע פאקטארען פון דער מענטשליכער געשיכטע, אז זי ווייס וואס אזוינס ס׳וועט קומען, ווי ס׳וועט ווייטער געהן די געשיכטע, וואס ס׳וועט ארויס־קומען פון אונזערע פארהעלטנישען, פון אונזערע פארמען פון פראדוקציע און ארגאניזאציע.

מ׳האט זיך נאך קיינמאל ניט פארגעשטעלט אזוי לעכערליך און פאלש דעם ווערט און די באדייטונג פון דער וויסענשאפט. מ׳האט נאך קיינמאל אזוי פארברעכעריש ניט גענארט די מענטשהייט מיט אזא פארזעהעניש פון א קרומען שפיגעל, און נאך דערצו קודם כל—דעם טייל פון דער מענטשהייט, וואס איז בארויבט געווארען פון זיינע רעכט, וואס איז גייסטיג אפגעשטאנען.

דא רעדט זיך נאך גארניט וועגען דעם תוכן פון דער דאזיגער וויסענשאפט, וועגען דעם כלומרשטען גאנג פון דער מענטשהייט, וועלכען די מארקסיסטען האבען כלומרשט אנדעקט. דא געהט נאר די רייד וועגען אויפדעקען, פארשפאטען און אפווארפען די נארישע פרעטענזיע, וועלכע האט קיין גבול און קיין ערך ניט: אז ס׳איז פאראן א וויסענשאפט, וועלכע איז ביכולת אויפ׳ן יסוד פון גענויע ידיעות פון עבר און פונ׳ם פאקטישען מצב פון הוה מיט זיכערקייט אויפדעקען, בארעכענען, באשטימען די צוקונפט.

איך האב דא אויך געפרובט ריידען וועגען דעם, פון וואנען מיר שטאמען לויט ווי איך גלויב, און כ׳וואלט אויך רוהיג געקענט זאגען: לויט ווי איך ווייס, מחמת כ׳האב לגמרי קיין מורא ניט, אדרבה כ׳ערוואַרט עס, אז אייזעל־קעפּ, וועלען מיך פאלש פארשטעהן. און כ׳וואלט אויך געקענט ריידען וועגען דעם: וואוהין מיר געהען, מיר מוזען געהן, מיר מוזען וועלען געהן, לויט ווי ס׳זאגט מיר מיין אינערליכע איבערצייגונג, וועלכע דרינגט מיר לגמרי דורך, א „מוז" איז עס נאטירליך נאר אין דעם זין, אז דאס איז אונז גע־געבען געווארען ניט אין דער פארם פון א נאטור־געזעץ, נאר — פון

אן אינעווענינסטען באפעל: אזוי זאל זיין. זאג איך אבער, משמעות, דערמיט, אז כ׳ווייס עפעס אין דעם זין, ווי מ׳רעכענט אויס אין דער מאטעמאטיק פון באקאנטע גרויסען אן אומבאקאנטע? ווי מ׳לייזט אן אויפגאבע אין דער געאמעטריע? ווי מ׳ווייס, אז דער געזעץ פון פאלען, דער געזעץ פון דער באוועגונג פון פערפענדיקעל, דער געזעץ פון דער דערהאלטונג פון ענערגיע איז חל תמיד און אומעטום? ווי איך קען בארעכענען די באוועגונג פון א קערפער, וועלכער פאלט אדער וועלכען מ׳האט א ווארף געטאן, אויב ס׳זיינען מיר באקאנט די אומשטענדען, וועלכע האבען א באדייטונג פאר דער באוועגונגס־פארמולע? ווי איך ווייס, אז H_2O גיט וואסער? ווי מיר בארעכענען די באוועגונגען פון א סך שטערענס און זאגען פאריוס א לקוי־חמה אדער א לקוי־לבנה? ניין! דאס זיינען אלץ וויסענשאפטליכע אויפ־גאבעס און רעזולטאטען, דאס זיינען נאטור־געזעצען, מחמת זיי זיינען געזעצען פון אונזער גייסט. ס׳איז אבער אויך פאראן א נאטור־געזעץ, א געזעץ פון אונזער גייסט, א טייל־געזעץ פונ׳ם גרויסען געזעץ פון דער דערהאלטונג פון דער ענערגיע, וואס זאגט: דאס אלץ, וואס רופט זיך אָן צוקונפט — דאס, וואס מיר געהען מאכען מיט אונזער לייב און לעבען, דער המשך פון דעם, וואס איז אריינ־געפרעסט געווארען, די אויסווירקונג פון א קראפט מכוח אל הפועל, דאס קען אונז ניט געגעבען ווערען אין דער פארם פון א וויסענשאפט, דאס הייסט אין א פארם פון געשעהענע פאקטען, וועלכע זיינען שוין ראוי צו א ספר. נאר בלויז — אין דער פארם פון א געפיל, וועלכער באגלייט אונזער פעהיגקייט צו עפעס א זאך, א געפיל פון אן אינעווענינסטען דרוק און פון א שטרעבונג און א פארלאנג, וואס זיינען גלייך ביז א האר מיט דער ניט־פעסטער גלייכגעוויכטס־לאגע אין דער אויסערליכער וועלט. און דאס רופט זיך אן: ווילען, מוזען, שפירען, ביז צום רוח־נבואה, ביז צו דער זעהונג און דער קינסט־לערישער געשטאלטונג, דעם פונקט אין אונזער וועג, ביי וועלכען מיר שטעהען, אנטשפרעכט ניט קיין רעכען־ביישפיל אדער א באריכט פון פאקטען אדער גאר — אן אנטוויקלונגס־געזעץ, דאס וואלט געווען א חוזק איבער׳ן געזעץ פון דער דערהאלטונג פון ענערגיע.

דעם וועג אנטשפרעכט א גבורה, וויסען הייסט: האבען געלעבט, האבען געמאכט ערפארונג א דאנק דאס געוועזענע. דאס לעבען איז: עקסיסטירען, לעבען, דאס לעבען איז די שאפונג און די חבלי לידה פונ׳ם עתיד.

דערמיט איז געזאגט ניט נאר דאס, אז ס׳איז ניט בנמצא א וויסענשאפט פון דער צוקונפט, נאר — אז ס׳איז זיכער פאראן בלויז א לעבענס־וויסען פונ׳ם עבר, וואס איז נאך לעבעדיג, אבער ניט קיין טויטע וויסענשאפט, ווי פון א טויטע און באגראבענע זאך. די מארקסיסטען און בכלל אלע אנטוויקלונגס־עטיקער, אנטוויקלונגס־פאליטיקער, אלץ איינס, צו זיינען זיי אנהענגער פון דער טעאריע וועגען אן אנטוויקלונג, וואס קומט דורך א קאטאסטראפע און דורך א פלוצלינגען שנוי, ווי די פאר־דאַרוויניסטישע מארקסיסטען, אדער זיי ווילען אויפבויען פון דער לאנגזאמער און בהדרגה׳דיגער אנזאמלונג פון קלייניגקייטען א פראגרעס, וואס געהט מיט א גלייכען טעמפּ כסדר ווייטער, ווי די דארוויניסטישע רעוויזיאניסטען, אלע דאזיגע פארטרעטער פון דער אנטוויקלונגס־וויסענשאפט זאלען פרו־בען ווען ס׳איז אויספארשען וויסענשאפטליך, מחמת זיי שפירען כסדר א דראנג צו א וויסענשאפטליכער ארבייט, וואס אזוינס איז די אמת׳ע באדייטונג פון אט די דאזיגע טייערע ווערטער, וועלכע בילדען צוזאמען איין גרופּע, וויפיל ס׳איז אין זיי אויסגעדריקט אמת פון דער נאטור און פון גייסט, די ווערטער: איך ווייס, איך קען, איך דארף, ס׳מוז זיין און איך מוז, זיי וואלטען גלייכצייטיג געווארען עניוות׳דיגער אין דער וויסענשאפט, בנעימות׳דיגער אלס מענטשען און מוטיגער אין אונטערנעמונגען.

געשיכטע און פאליטישע עקאנאמיע זיינען בכן ניט קיין וויסענשאפט. די כוחות וועלכע ווירקען אין דער געשיכטע, קענען ניט פאָרמולירט ווערען וויסענשאפטליך, אן אורטייל איבער זיי וועט תמיד זיין אן אפשאצונג, וועלכע מ׳קען אנרופען מיט א העכערען אדער א נידעריגערען ווארט, לויט דער טבע פונ׳ם מענטשען, וואס באזיצט די אייגענשאפט פון אפשאצען און דריקט עס אויס, — נבואה אדער פראפעסארען־פלוידעריי, זי וועט תמיד זיין אן

אפשאצונג, וואס הענגט אפ פון אונזער וועזען, פון אונזער כאראקטער, אונזער לעבען, אונזערע אינטערעסען, און ועל כלם זיינען דאך די פאקטען, וועלכע זיינען נויטיג, כדי צו פארווענדען אזעלכע פרינציפען, אזוי אומבאשרייבליך שלעכט באקאנט, אויב אפילו די כוחות וואלטען אונז געווען אזוי זיכער באקאנט, ווי זיי זיינען מטושטש וואקעלדיג, אומבאשטימט און פארענדערליך, וועלכע אויסערליכע פאקטען, וואס קענען זיך לאזען וויסענשאפטליך באהאנדלען, זיינען אונז באקאנט פון דער לגמרי אומענדליכער פארגאנגענהייט פונ׳ם מענטשען און פון דער וועלט? כל־ערליי, זעהר א סך פאקטען זיינען געבראכט און אויסגעלאדען געווארען פון וואגען פון דער דאזיגער אזוי גערופענער וויסענשאפט, ליידער זיינען עס אבער שטיקער פון איין רגע פון דער אזוי גערופענער געשיכטע פון דער מענטשהייט און פון דער וועלט, וועלכע זיינען אנגעזאמעלט אין א מיש־מאש, אין א תהו־ובהו און פראגמענטענווייז. ס׳איז שווער צו געבען א בולט׳ן ביישפיל, וואס זאל קלאר מאכען, ווי ווייניג מיר ווייסען, איין פאל איז אפט דוקא שקול כנגד טויזענטער אנדערע, ווי ס׳זאגט דער גרויסער געטע, און ער איז זיי אלע כולל, דהיינו: פאר דעם גאון און פאר דער אינטואיציע, ס׳זיינען אבער גארנישט בנמצא אינ׳ם גאנצען געביט פון די ביאָלאָגישע פראצעסען און פון דער מענטשליכער געשיכטע קיין פאקטען, וואס זאלען מיט זיך פארשטעלען ביישפילען פון כוחות אדער פון געזעצען, און מיר האבען בלויז, נאך א מאל ריידענדיג מיט געטעס ווערטער, דעם ערפארונג־מיסט פון די זאמלער פון כל־ערליי אלטווארג: פון די דאַרוויניסטען און רעוויזיאניסטען, און דעם דיאַלעקטישען מיסט פון די מארקסיסטען, און מחמת דעם טעם איז דער גאון, פאר וועלכען איין פאל אין די ענינים פון געזעלשאפטליכען לעבען איז אפטמאל שקול כנגד טויזענטער אנדערע, ניט קיין גאון פון דער וויסענשאפט, נאר — פון דער געשטאלטונג און פון מעשים. דערביי איז ביי אים פאראן לעבענס־וויסען, אבער ס׳איז ניט קיין וויסענשאפט, הגם ער מעג זיך שטיצען אויף די גרעסטע וויסענשאפטליכע בקיאות אין דער וועלט.

און גאָט צו דאַנקען, וואָס ס׳איז אַזוי! און ס׳פאַרשטעהט זיך פון זיך אַליין, אַז ס׳איז אַזוי! צו וואָס נאָך לעבען, צו ס׳וואָלט נאָך, משמעות, געווען מעגליך צו לעבען, ווען מיר וואָלטען געוואוסט, אויף אַן אמת׳ן אופן געוואוסט, אַלץ געוואוסט, וואָס ס׳וועט קומען? צו באַדייט ניט לעבען: באַנייט ווערען? צו באַדייט ניט לעבען: אַריינטרעטען אַלס דער אַלטער, דער זיכערער, דער פעסטער אין זיינע אַנשויאונגען, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ געשלאָסענע וועלט, אַלס דער אייביגער, — אין דאָס נייע אַריין, אין דאָס אומבאַוואוסטע אַריין, אין יענער אַנדערער וועלט אַריין, וועלכע מיר זיינען ניט, אין דאָס, וואָס איז ווידער אייביג, משער לשער ומחיל אל חיל? צי דען זיינען מיר, בעת מיר רופען זיך לעבעדיגע מענטשען, נאָר לעזער אָדער צושויער אָדער געטריבענע פון גוט־באַקאַנטע כּוחות אין אַ וועלט אַריין, וועלכע איז ווידער אַמאָל גוט באַקאַנט פון פריהער, פון דאָס אַלטע צו דאָס אַלטע? אָדער זיינען מיר ניט, אַדרבה, דער פוס, וואָס מאַרשירט, די האַנט, וואָס כאַפּט אָן; דער, וואָס איז משפיע און ניט וואָס איז מושפע? און צי דען איז ניט די וועלט פאַר אונז עפּעס ווי אַ ווייכער חומר, יעדען פריהמאָרגענס אומבאַקאַנט און מטושטש, בעת מיר שטעהען אויף פון שלאָף, אַ נייע און אַ גע־שענקטע זאַך, וואָס מיר דאַרפען עס געשטאַלטען און מאַכען צו אונזער אייגענס מיט די מכשירים פון אונזער אייגענעם איך? אוי איר מאַרקסיסטען, ווען איר וואָלט נאָר געהאַט מזל־ברכה און לעבענס־פרייד אין אייער פערזענליכען לעבען, וואָלט איר ניט געוואָלט און ניט געקענט מאַכען פון דעם לעבען אַ וויסענשאַפט! און צו וואָס וואָלט איר עס בכלל געדאַרפט, אויב איר וואָלט נאָר געוואוסט, אַז אייער אויפגאַבע, אַלס סאָציאַליסטען, קען בלויז באַשטעהן אין העלפען די מענטשען צו געפינען די אופנים, ווי אַזוי צו בילדען געמיינדעס פון אַרבייט אין פרייד, פון אַ גוזעלשאַפטליכען לעבען, וואָס איז אָנגעפילט מיט פרייד!

יענער, וואָס זאָגט דאָ, ניט מיט יאוש אָדער מיט תּרעומות אָדער סקעפּטיש, נאָר מיט אַ טאָן פון הסכּמה און מיט פרייד, אַז מיר ווייסען גאָרניט פון די פאַרשידענאַרטיגע און אומבאַשרייבליכע

זאכען פונ׳ם פארגאנגענעם און צוקונפדיגען לעבען פון די מענטשען און פעלקער, איז א מענטש, וואס פארמאגט א שטאלץ און גענוג גבורה, כדי צו דערקענען אין זיך, צו דערשפירען אין זיך, איבער־צולעבען אין זיך דעם שיקזאל פון הונדערטער און טויזענטער יארען מער, איידער א סך אנדערע. איך האב, אמת, א בילד דערפון, וואס ס׳איז געשעהען, וואס געפינט זיך בכן אויפ׳ן מיטען וועג. איך האב, אמת, מיין געפיל פון אונזער אויפגאבע און פון אונזער וועג און געוויס ווייס איך, וואוהין כ׳וויל געהען, וועלכען וועג כ׳וויל אנווייזען, אין וועלכען וועג כ׳וויל פירען. איך האב, אמת, דעם וואונש איבערצוטראגען אויף די יחידים, אויף די מאסען מיין דער־קענטניש, מיין גליהענדיגען געפיל, מיין שטארקען פארלאנג. צו רייד איך באם כן אין פאָרמולעס? בין איך א זשורנאליסט, וואס טוט אָן די פאלשע מאסקע פון א מאטעמאטיקער? בין איך א זקן א מכשף מיט דער גרויסער ווייסער בארד, וואס פארפירט די קליינע קינדער מיט דעם וויסענשאפטס־שווינדעל אין א ים פון שטות און נארערייי? בין איך א מארקסיסט?

בלין, אבער איך זאג, וואס איך בין, איך דארף ניט ווארטען ביז וואנען זיי, די אנדערע, די בעלי־דברים, די מארקסיסטען וועלען עס מיר זאגען, כ׳האב געלערענט, געפארשט, געזאמעלט אזוי גוט ווי אנדערע. אויב ס׳וואלט געווען בנמצא א וויסענשאפט פון דער געשיכטע און פון דער פאליטישער עקאנאמיע, וואלט מיר נאך גע־סטייעט שכל איר צו סטודירען. איר זייט באמת קאמישע מענטשען, איר מארקסיסטען, און ס׳איז נתפעל צו ווערען, וואס איר חידושט זיך גארניט איבער זיך אליין: ס׳איז דאך שוין אן אלטע און א זיכערע זאך, אז אויך פשוטע מוחות זייען בכוח אויסצולערנען זיך די רעזולטאטען פון די וויסענשאפטען, בשעת זיי זיינען שוין פאראן. וואס ווילט איר אויפטאן מיט אייער גאנצען קאמף, מיט אייער פאָ־לעמיק און אגיטאציע? מיט אייערע שטענדיגע פאדערונגען און פארלאמענטארישע מעשים, מיט אלע אייערע רייד, וואס ווילען איבערצייגען און ארגומענטירען? אויב איר האט א וויסענשאפט, טא לאזט דאס אלץ צורוה, ס׳איז אן איבעריגע זאך, נעמט אין האנט

דעם טייטעל און קנעלט מיט אונז, לערנט מ'ט אונז, זאלען מיר זיך אויסלערנען די מעטאדען, די אָפּעראציעס און קאָנסטרוקציעס און זיי פארוועגדעגען מיט התמדה. אויב איר זייט די מומחים, וואס ווייסען דעם אמת און זיינען ניט מסופק אין זיין זיכערקייט, טא טוט זשע סוף כל סוף דאס זעלב'יגס, וואס אייער בעבעל האט געפּרובט צו טאָן, ווי אן ערליכער דילעטאנט: זאגט אונז שוין געגוי פארויס די עטאפּען פון דער ווייטערדיגער געשיכטע, פון דער צוקונפט!

איך האב אויך הפּנים געלערנט, ניט ווי איר, נאר בעסער פאר אייך און איך בין זיך מודה: וויסענשאפט איז עס אוודאי ניט — דאס, וואס איך לערען, זאל זיך יעדערער אויספּרובען, צו ס'פּירט אים זיין נאטור, זיין אמתער לעבען אויף די גלייכע וועגען, וואס מיר, און נאר דעמאלט זאל ער געהן מיט מיר, אבער דעמאלט זאל ער טאקע געהן מיט מיר. איך האב בעסער געלערנט איידער איר, ווייל כ'פּארמאג עפּעס אזוינס, וואס אייך פעלט, קיין גרעסערער בעל גאווה, ווי מ'רופט עס געוויינטליך אָן, בין איך געוויס ניט, און כ'וואלט מיין עניוותדיגע, דאס הייסט די לייטישע מיינונג וועגען זיך גופא, געהאלטען פאר זיך, ווי ס'פּירט זיך צווישען גלייכע מיוחסים, אויב ס'וואלט אויף מיר ניט געלעגען דא א חוב צו זאגען: ווער סאיז יא א סאציאליסט און ווער — ניט, ווייל מ'מוז זיי אויסלאכען און פאריאגען, די דאזיגע קאלטע נפשות פון צפון־פּאליוס, וואס האבען אוזורפּירט דעם סאציאליזם, וועלכע היטען אפּ דעם "קאפּיטאל" פּונקט ווי יענע ליליפּוטען דעם אוצר פון די ניבעלונגען. דער סאציאליזם מוז אוועקגעגעבען ווערען זיינע אמת'ע יורשים, כדי ער זאל ווערען דאס, וואס ער איז: אַ שמחה און א טריאומף, א כוח, וואס שאפט און בויט, א שענער חלום, וועלכען מ'טרוימט אויס ביז'ן סוף, וואס זאל דוקא פארווירקליכט ווערען דורך מעשים און אנפילען מיט פרייד אלע חושים און דאס גאנצע לעבען ווי בשנים קדמניות. און מחמת די יורשים שלאפען נאך און פארברענגען אין די ווייטע מרחקים פון טרוים און פון די שענע פארמען, און ווייל אימיצער מוז דאך סוף כל סוף מאכען א התחלה און אוועקלעגען די האנט אויף דער ירושה, וועל איך עס שוין מוזען זיין דער, וואס דארף

צונויפרופען די יורשים און וועלכער ערקלערט זיך פאר איינעם פון זיי.

פון וואנען נעמט זיך אבער דער גאנצער וויסענשאפטליכער אבער־גלויבען פון די מארקסיסטען? זיי ווילען ארויפציהען אויף איין פאדים, אויפזאמלען לויט איין סיסטעם, ברענגען צו אן איינהייט די פארשידענארטיגע, די צוזייטע און צושפרייטע, די כאָאָטיש־צונויף־געשטעלטע פרטים פון דער געשאפענער קולטור און פון די סאצ־יאלע צושטאנדען. אויך זיי האבען א באדערפניש צו פאראיינפאכען, צו האבען אן איינהייט, צו פאַראַלגעמיינערען.

זייגען מיר שוין ווידער ביי דיר, אָ דו פרעכטיגע, באפרייענדע איינהייט און פאראַלגעמיינערונג, וואס דו ביזט פאר׳ן אמת׳ן דענקען אזוי נויטיג, ווי פארן אמת׳ן לעבען; וואס דו שאפסט דאס לעבען פון כלל און די געמיינשאפט, די אחדות און די קאָרפּאָראציע, וואס דו ביזט די אידעע אינ׳ם מוח פון דענקענדען מענטשען און ביזט דער בונד פון די בונדען אינ׳ם לעבען פון אלץ וואס לעבט אין אלע ממשלות פון דער נאטור? וואס דו טראגסט דעם נאמען: גייסט!

זיי האבען דיך אבער ניט און דערפאר זוכען זיי טאקי אנשטאט דיר עפעס אַן אנדער זאך, אט פון וואנען ס׳קומט צו זיי דער סוראָגאַנט, די פארפירערעשע פאלשקייט פון זייער אָויפאסונג פון דער געשיכטע און פון זייערע וויסענשאפטליכע געזעצען: זיי קענען נאר איין איינציגע זאך, וואס צאמט ארום, זאמעלט צונויף, ברענגט די פרטים אין א סדר, בינדט צונויף דאס, וואס איז פאנ־אנדערגעפאלען, נאר איין פרינציפ, נאר איין אלגעמיינע זאך: וויסענשאפט, און אוודאי איז וויסענשאפט דארט, וואו זי איז עס טאקע באמת, — גייסט, סדר, איינהייט און בונד, אבער דארט, וואו זי איז א שווינדעל און אפנארעריי, וואו דער כלומרשטער טרעגער פון דער וויסענשאפט איז נאר אן איבערגעטאנענער זשורנאַליסט און בלויז א צייטונגס־שרייבער, וואס פארשטעלט שלעכט זיין אמת׳ן פרצוף; דארטען, וואו סטאטיסטיש־פארמולירטע חומר׳ס פון פאקטען און דיאלעקטיש־פארמאסקירטע פיליסטערישע השערות האבען א

טענה׳ אז מ׳זאל זיי האלטען פאר א מין העכערער מאטעמאטיק פון דער געשיכטע און פאר א זיכערע לערע פון דעם צוקונפדיגען לעבען׳ — דארט איז די גאנצע אזוי גערופענע וויסענשאפט — אומ־גייסט׳ א מניעה פאר׳ן גייסט; א מניעה׳ וועלכע מ׳מוז ענדליך פארניכטען און עוקר מן השורש זיין מיט ארגומענטען און מיט חוזק מאכען׳ מיט פייער און מיט צארן׳

איר קענט ניט די אנדערע פארמען פון גייסט און דעריבער האט איר אנגעטאן די מאסקע פון פראפעסארען אויף אייערע פנימער׳ פון אדוואקאטען דארט׳ וואו איר זייט ניט קיין אמת׳ע פראפעסארען׳ וואס ווילען שפילען די ראליע פון א נביא׳ אזוי ווי יענער פראפעסאר׳ אייער מלאך גבריאל׳ וואס האט אזוי שטארק געוואלט׳ אבער ניט געקענט׳ מאכען א וועלט־רעש׳

מיר אבער ווייסען עס און מיר האבען עס שוין אפט דא געזאגט׳ וואס ס׳איז אזוינס באמת גייסט׳ מיר פארמאגען אן אנדער מין פאראלגעמיינערונג פונ׳ם גאנג פון דער מענטשהייט און זי קומט ארויס פון אן אנדער מקור׳ ווי אייערע׳ אונזער וויסען האבען מיר צוזאמען מיט אונזער גרויסען גרונד־געפיל און מיט אונזער שטארקען שטרעבען אין די ווייטע מרחקים אריין׳ מיר זיינען — —

אבער איידער איר הערט עס׳ איר מארקסיסטען׳ נעמט א שטול און זעצט זיך און האלט זיך פעסט׳ מחמת ס׳קומט אָן א מוראדיגע זאך׳ א חוצפה־זאך קומט אן׳ און גלייכצייטיג ווערט ביי אייך צוגענומען עפעס אזוינס׳ וואס איר וואלט מיט אזא הייסען באגער אונז א שליידער געטאן אין פנים אריין מיט א טאן פון פאראכטונג׳ — —

מיר זיינען דיכטער׳ און די וויסענשאפטס־שווינדלער׳ די מארקסי־סטען׳ די קאלטע נפשות׳ די פוסטע׳ די גייסטלאזע לייט׳ ווילען מיר אראפראמען פון וועג׳ כדי די דיכטערישע פאנטאזיע׳ די קינסטלעריש־קאנצענטרירטע געשטאלטונג׳ די התלהבות און די נבואה זאלען געפינען זייער פלאץ׳ וואו זיי וועלען קענען׳ מהיום והלאה׳ אויפטאן מעשים׳ באשאפען׳ בויען: אינ׳ם אמת׳ן לעבען׳

בויען מיט מענטשליכע לייבער, פאר דעם לעבען פון כלל, פאר דער ארבייט און פאר א בונד פון חברות, פון געמיינדעס, פון פעלקער.

יא זאל טאקע באמת קומען און ווערן א ממשות, ווי א פולע רעאליטעט, דאס, וואס איז שוין צולאנג געווען נאר א דיכטערישע פאנטאזיע און א מעלאדיע און אן אנציקענדע ליניע און א לייכטענדע פארבען־פראכט: מיר דיכטער ווילען שאפען אויפ׳ן לעבעדיגען שטאף און מיר וועלען זעהן, ווער ס׳איז דער גרעסערער און דער שטארקערער פראקטיקער: איר, וואס איר מיינט, אז איר ווייסט און איר טוט גארניט, אדער מיר, וואס האבען אקארשט אין אונז דעם לעבעדיגען בילד און דעם געפיל פון זיכערקייט און דעם ווילען, וואס שטרעבט זעהר ווייט; מיר, וואס ווילען דאס, וואס ס׳קען נאר געטאן ווערען, וואס ווילען טאן שוין איצט און כסדר און מוטיג און וואס ווילען אויפטרייסלען די מענטשען, וועלכע שטימען איין מיט אונז, זיי זאלען זיין, ווי א קלין, וועלכער שטופט פארויס, תמיד ווייטער, דורך מעשים, דורך בויען, דורך אפראמען פון וועג; אויסמיידענדיג אייך כסדר, מיט שפאט, מיט ארגומענטען און מיט סם, אריבערשפרינגענדיג איבער שווערע קלעצער מיט א שטורעם און קאמף. מיר ברענגען ניט קיין וויסענשאפט און ניט קיין פארטיי, א פשיטא שוין, אז מיר ברענגען ניט קיין גייסטיגען בונד, ווי איר פארשטעהט עס, ווייל בשעת איר רעדט וועגען אזעלכע זאכען, העט איר אין זינען דאס, וואס איר רופט אָן אויפקלערונג און וואס מיר האלטען פאר א האלבע בילדונג און בראשורען־למדנות. דער גייסט, וואס באוועגט אונז, איז א קווינטעסענץ פון לעבען און ער שאפט די ווירקליכקייט און די מעשים. דער דאזיגער גייסט הייסט מיט אן אנדער נאמען: בונד. און דאס, וואס מיר ווילען דיכטען, וואס מיר ווילען מאכען שען, איז פראקטיק, איז סאציאליזם, איז דער בונד פון די ארבייטענדע מענטשען.

אט ערשט זעהען מיר עס שוין קלאר פאר די אויגען און קענען עס אנטאפען בידים, הלמאי די מארקסיסטען האבען אין זייער בארימטער אויפאסונג פון דער געשיכטע אויסגעשלאסען דעם גייסט, אין דער אויפאסונג, וועלכער זיי האבען א נאמען געגעבען די

מאטעריאליסטישע. מיר קענען ערשט געבען א בעסערע ער־קלערונג, ווי ס'האבען עס געטאן אנדערע אויסגעצייכענטע קעמפער געגען די מארקסיסטען. די מארקסיסטען האבען אויסגעשלאסען דעם גייסט פון זייערע ערקלערונגען און טעאריעס מחמת א זעהר נאטירליכען און דוקא אן אויסגעצייכענט־מאטעריעלען טעם: ווייל זיי האבען פשוט ניט קיין גייסט.

וואלט אבער לכל הפחות געווען אמת, אז זייער אויפאסונג פון דער געשיכטע קען הייסען א מאטעריאליסטישע. דאס וואלט געווען א זאך, וואס פארדינט שבחים, וואס מ'קען אפילו אנרופען א געוואלדיגע אונטערנעמונג, צו וועלכער מ'קען ניט צוטרעטען אָן גייסט: תופס צו זיין דעם גאנצען גאנג פון דער מענטשליכער געשיכטע בלויז אין דער פארם פון פיזישע אקטען, פון קערפערליכע פראצעסען פון דער ארומיגער וועלט און פון די פיזיאלאגישע פראצעסען פון די מענטשליכע לייבער! אוודאי וואלט עס ניט געקענט זיין צוליב די אינעווייניגסטע טעמים א וויסענשאפט, וואס איז אויפ־געבויט אויף געזעצען, נאר ס'וואלט געקענט ווערען א שארפזיניגע און כמעט א פאנטאסטישע סקיצע פון אזא וויסענשאפט. דאס וואלט אבער געווען א זאך, פאר וועלכער מ'דארף מקריב זיין כמעט א גאנץ לעבען און אפשר וועט נאך אמאל קומען אימיצער, וואס וועט עס אונטערנעמען. מעג זיין, אז דאס איז כדאי נאר צוליב דעם, אז שפעטער זאל מען קענען געפינען די בארעכטיגונג, דעם יסוד און די סטיליסטישע מעגליכקייט צו צושמעלצען דעם דאזיגען שטייפען, שטאל־הארטען בנין און פארוואנדלען איהם אין א בילד, אונטערנעמענדיג דעם גרויסען היפך, דהיינו: תופס צו זיין די גאנצע מענטשליכע געשיכטע, דורך דער אויסשליסונג פון יעדער קערפערליכקייט, ווי איין גאנצען פסיכישען פראצעס, ווי דעם אויס־טויש פון גייסטיגע שטראמען. ווייל די מעשה איז, אז ווער ס'איז טאקע ביכולת צו באגרייפען דעם מאטעריאליזם ביז צו זיין סאמע לעצטע קאנסעקווענץ, ווייסט, אז ער איז ניט מער ווי די „סטרא אחרא" פונ'ם אידעאליזם. אן אמת'ער מאטעריאליסט קען נאר ארויסקומען פון שפינאזעס שולע. אבער ס'איז שוין גענוג צו

ריידען דערפון. וואס פארשטעהען די מארקסיסטען אין די זאכען? יענע מארקסיסטען, וועלכע קלערען גאר, בעת מ׳דערמאנט דעם נאמען שפינאזא, וועגן יענער נישטיגער ליאַלקע וואס ס׳האבען געמאכט פון שפינאזען זייערע און די דאַרוויניסטיש-מארקסיסטישע בראשורען־שרייבער.

גענוג צו ריידען וועגן דעם; דאס, וואס די מארקסיסטען רופען אָן מא־טעריאליסטישע געשיכטס־אויפאסונג, האט ניט דעם קלענסטען שייכות מיט וואסער ס׳איז ריכטיגער אויפאסונג פון מאטעריאליזם. סוף כל סוף האבען זיי עס טאקע נאר באטראכט פאר א סתירה אויפצופאסען דעם מאטעריאליזם כדבעי און זיינען אפילו ניט געווען אומגערעכט. לכל הפחות וואלט די געשיכטס־אויפאסונג, וועלכע זיי לערנען, געדארפט הייסען: די עקאנאמישע; איר אמת׳ער נאמען איז, ווי געזאגט, די גייסטלאזע אויפאסונג פון דער געשיכטע.

כלל זיינען על כן משער, אז זיי האבען אנדעקט, אז די פאלי־טישע פארהעלטנישען, די רעליגיעס, די גייסטיגע שטרעמונגען אלע אינאיינעם, ניט אויסשליסענדיג אפילו זייער אייגענע לערע און זייער גאנצע אגיטאציע און פאליטיק־מאכעריי, פארשטעהט זיך, שטעלען פאר מיט זיך בלויז דעם אידעאָלאגישען אויבערשטען בנין, א מין שפעטערדיגע, פארטאפעלדיגע אפשפיגלונג פון די ווירטשאפטליכע אינסטיטוציעס און פראצעסען. ס׳איז א קנאפע דאגה פאר די דאזיגע אויבערפלעכליכע מוחות, אז א סך גייסטיגע, רוחניות׳דיגע זאכען זיינען טיף צוזאמענגעוואקסען מיט דעם, וואס זיי רופען אָן ווירטשאפטליכע און געזעלשאפטליכע פאקטארען, אז דאס ווירטשאפטס־לעבען איז קודם כל נאר א קליינער חלק פון דעם סאציאלען לעבען און אז דאס לאזט זיך לגמרי ניט אפטיילען פון די גרויסע און קליינע גייסטיגע פאָרמאַציעס און באוועגונגען. ס׳איז כאראקטעריסטיש פאר אלע זייערע דעקלאראציעס, אז זיי ריידען אויף גיך און פלוידערען אָן א שיעור און האבען קיינמאל ניט געשפירט די באדערפניש צו אריינטראכטען זיך גרינדליך אין זייערע אייגענע ווערטער. אויב זיי וואלטען עס יא געטאָן, וואלטען

זיי געוואָרען טיף אנשוויגען, ווייל זיי וואָלט אפגענומען געוואָרען דער לשון פון זייערע סתירות און שטותרייען.

דער דאזיגער מיסברויך פון ווערטער, וואס איז פול מיט ווידער־שפּרוכען, האָט אָבער דאָך געשטערט די מאַרקסיסטען אפילו און איז געשטאנען, ווי א ביין אין האלז; אָבער געוויס נאָר אויף אזוי פיל, אויף וויפיל ס'לאָזען זיך באאונרוהיגען איבערפּלעכליכע מענטשען: אייניגע פּטר'ן אפּ די סתירה מיט א פאלשען און האלבען תּירוץ, די אנדערע — מיט אנדערע שקרים און אנדערע פלפּולים, און אזוי זיינען ביי זיי אנטשטאנען פארשידענע שטרע־מונגען און ס'האָבען זיך געשאפען כּל־ערליי מחלוקת'ן און שפּאלטונגען. אייניגע קומען פון דער לערע צום שלוס, אז דער מאַרקסיזם פארלאנגט אן א־פאליטישע און כּמעט אן אנטי־פאליטישע האלטונג, ווייל די פאליטיק איז דאָך בלויז דער שפּיגעל־בילד פון דערווירטשאפט, וועלכער האָט כּמעט קיין ממשות ניט. דער עיקר איז ניט די פאליטיק, די געזעצגעבונג און די פאָרמען פון מלוכה, נאָר די ווירטשאפטליכע קאמפען (אָבער אויך די דאזיגע קאמפען זיינען נאטירליך נאָר אריינגעשמוגעלט אין דער „ריינער" לערע: מחמת א קאמף, אויך א ווירטשאפטליכער, איז לגמרי א גייסטיגע זאך און איז שטארק צונויפגעבונדען מיט'ן גאנצען גייסטיגען לעבען, נאָר גענוג צו ריידען דערפון, ווייל, איך חזר איבער, ווער ס'טראַכט זיך נאָר גרינדליך אריין אין וועלכען ס'איז טעזיס פון מאַרקסיזם, שטויסט זיך תּמיד אָן אויף אוממעגליכע זאכען, אויף קאָמפּראָמיסען און אויף קאנטרעבאנד). די אנדערע מאַרקסיסטען ווילען, ניט קוקענדיג אויף דעם, ווירקען מיט דער הילף פון פאליטיק אויף די ווירטשאפטליכע פארהעלטעניסען, און צו די קאָמפּראָמיסען, וועלכע זיי מאכען, צו די פּשרות און די סתירות מיט דער ווירק־ליכקייט, וועלכע זעהט אויס לחלוטין אנדערש, ווי דאס, וואס זיי האָבען מעשה פּראָפעסאָר אויסגעשוויצט אויפ'ן פּאפּיר, צו די פאלשקייטען, וועלכע זיי מוזען מאכען, זיינען זיי נאָך מוסיף נאָך א פּאָר שפּאגעל־נייע. ניט דאס איז דער עיקר און מיר וועלען זיך ניט אפּשטעלען לענגער ביי די דאזיגע וכּוחים. זאָלען קעמפען

ארום זיי ביז׳ן סוף די פאליטישע מארקסיסטען מיט זייערע ברידער די סינדיקאליסטען, אדער מיט די, וואס האבען זיך אקארשט ניט לאנג א נאמען געגעבען אנאַרכאָ־סאציאליסטען, מיסברויכענדיג אויפ׳ן ערגסטען אופן מיט צוויי איידעלע נעמען.

ווילל די גאנצע מעשה איז פאלש און איז געבויט אויף זאמד. ס׳בלייבט נאר איבער איין זאך, וואס איז אמת און האט א ווערט, און דאס האט מען שוין נאך לאנג פאר קארל מארקסן זיך קלאר געמאכט אין ענגלאנד און אין אנדערע ערטער: אז מ׳טאר ניט גערינגשעצען און פארזעהן ביי דער באטראכטונג פון די מענטשליכע געשעהענישען די אויסערגעוואוינליכע באדייטונג פון דיווירטשאפטליכע און געזעלשאפטליכע צושטאנדען און איבער־קערענישען. אויף דעם איז אנגעוויזען געווארען אין יענער גרויסער באוועגונג, וועלכע מ׳וואלט געדארפט אנרופען: די אנדעקונג פון דער געזעלשאפט אין געגענזאץ צו דער מלוכה, אן אנדעקונג, וועלכע שטעלט מיט זיך פאר איינעם פון די סאמע ערשטע און וויכטיגע שריט צו דער פרייהייט, צו דער קולטור, צום בונד, צום פאלק, צום סאציאליזם. אין די דאזיגע גרויסע שריפטען פון די פאליטישע עקאנאמיסטען, פון די גלענצענדע פובליציסטען פונ׳ם אכצענטען, פון די ערשטע סאציאליסטען פון נייִנצעטען יארהונדערט שטעקט א סך מזל־ברכה און אזוינס, וואס קען אנווייזען וועגען, אבער דער מארקסיזם האט דערפון געמאכט בלויז א קאריקאטור, א פארדארבענ־קייט. די אזוי גערופענע וויסענשאפט, וועלכע די מארקסיסטען האבען דערפון געמאכט, איז אין איר פראקטישען פועל־יוצא א נישטיגער און דאך א געפערליכער פרוב (מחמת קיין כלומרשטע וויסענשאפט איז ניט צו נאריש, זי זאל ניט קענען ארייִנכאפען אין איר נעץ, בעת זי ווערט אויסגעביטען אויף קליינגעלט אויף א פאָפולערען שטייגער, די געבילדעטע און אומגעבילדעטע מאסען און אפילו די אוניווערזיטעט־פראפעסארען). דער מארקסיזם מאכט בכן דעם פרוב אוועקצופירען דעם שטראם, וואס פליסט פון דער מלוכה, און בכן — פון דער אומקולטור, צו די פרייוויליגע פאר־באנדען און צום געמיינזאמען גייסט, דעם שטראם, וואס טראגט

אויף זיין רוקען די געזעלשאפט פון די געזעלשאפטען, אוועקצופירען דעם דאזיגען שטראם צוריק צו דעם אומגייסט פון אלע אונזערע איינריכטונגען פון געזעלשאפטליכען לעבען און נאך א צולייג — צו לאזען טרייבען מיט'ן דאזיגען שטראם די מילען פון די פאליטיקאנער און כבוד־זוכער.

דאס מוזען מיר נאך נענטער באטראכטען. ווייל לעת עתה האבען מיר ארויסגעשיילט בלויז צוויי שאלעכצען פון דער ביטערער מארקסיסטישער ציבעלע. מיר מוזען נאך ווייטער אריינדרינגען אין תוך אריין, אויב ס'וועלען אונז אפילו זיך שטעלען טרערען אין די אויגען. מיר מוזען ווייטער צושניידען די מיאוסע פרי און איך בין אייך מבטיח: א ביסעל הוסטען און ניסען, א האר לאכען וועט תמיד מוזען ארויסקומען. מיר האבען געזעהן, וואס ס'פארמאגט אין זיך פון דער וויסענשאפט און פון מאטעריאליזם די לערע פון די מארקסיסטען. וואס אבער איז עס אקארשט פאר א געשיכטליכער גאנג פון דעם עבר, פון דעם הוה און פון דעם עתיד, וועלכען זיי האבען כלומרשט אנדעקט און ניט דער, וועלכער איז זיי אריינגעוואקסען פון דער רעאלער ווירקליכקייט אין זייער גייסטיגען אויבערשטען בנין, אין זייער מארך?

מיר האלטען ערשט ביי יענעם מאמענט, ווען דער פראפע־סאר גופא, וואס פארוואנדעלט דאס לעבען אין א כלומרשטע וויסענשאפט, מענטשליכע לייבער — אין פאפיר, פארוואנדעלט זיך אלייז אין א פראפעסאר פון גאר אן אנדער מין, מיט א גאנץ אנדערער קונסט פון טראנספארמאציע. די קינסטלער־טראנספארמאטארען, כשוף־מאכער, טרעפער, וועלכע דעמאנסטרירען זייערע קונצען אויף די ירידען, רופען זיך דאך געוואוינליך אן פראפעסארען. די סאמע וויכטיגע, די סאמע בארימטע קאפיטלען פון קארל מארקס פלעגען תמיד ארויסרופען אין מיין זכרון די פראפעסארען־מכשפים פונ'ם דאזיגען סארט. „איינס — צוויי — דריי: קיין אפנארעריי."

אויף א פאלגענדען אופן געהט לויט קארל מארקס דער וועג פונ'ם פראגרעס פון אונזערע פעלקער, אנהויבענדיג פון

מיטעלאלטער דורך דער היינטיגער צייט צום עתיד, א וועג׳ וועלכער דארף געשעהען „מיט דער נויטוועגדיגקייט פון א נאטור־פראצעס (לויט׳ן ענגלישען נוסח׳ וואס איז נאך דייטליכער: מיט דער נויטוועגדיגקייט פון א נאטור־געזעץ) און אגב מיט א שנעלקייט׳ וועלכע שטייגט כסדר: אין דער ערשטער סטאדיע׳ דער קליינ־ליכער׳ דער קרעמערישער׳ אין וועלכער ס׳זיינען בלויז פאראן דורכשניט־מענטשען׳ מיטעלמעסיגקייטען׳ קליינבירגער און גלאט נישטיגע מענטשלאך׳ האט יעדער פון זעהר א סך מענטשען א זעהר קליינעם אייגענטום׳ דאַן קומט די צווייטע מדרגה — דער שוואונג צום פראגרעס׳ דער ערשטער פראצעס פון אנטוויקלונג׳ דער וועג צום סאציאליזם׳ וועלכער טראגט דעם נאמען: קאפיטאליזם׳ איצט זעהט שוין אויס די וועלט גאר אנדערש: א קליינע צאל יחידים פארמאגען שוין יעדערער א גרויסען אייגענטום׳ די מאסע פארמאגט גארניט׳ דער איבערגאנג צו דער דאזיגער מדרגה איז געווען שווער און איז ניט פארגעקומען אָן א פארגעוואלדיגונג און מיאוסע מעשים׳ אבער אויף דער דאזיגער מדרגה געהט מען שוין אויף די גוט־געשמירטע רעלסען פון דער אנטוויקלונג אלץ שנעלער און לייכטער אין דאס געבענטשטע לאנד אריין׳ ס׳ווערען ברוך השם אלץ מער מאסען פראלעטאריזירט׳ ס׳ווערען ב״ה אַלץ קלענער אין צאל די קאפיטאליטען׳ זיי עקספראפריארען זיך געגענזייטיג׳ ביז וואנען ס׳בלייבען שטעהן מאסען פון פראלעטאריער׳ ווי זאמד און ערד׳ אנטקעגען פאראיינצעלטע ריזיגע אונטערנעמער׳ און אט אקארשט קומט פאר דער שפרונג צו דער דריטער מדרגה׳ ערשט קומט דער צווייטער אנטוויקלונגס־פראצעס׳ דער לעצטער טריט צום סאציאליזם איז שוין ניט מער ווי א קינדערשפיל: ס׳שלאגט די שעה פונ׳ם קאפיטאליסטישען אייגענטום״׳ „אין די ראמען פון קאפ־טאליזם׳ זאגט קארל מארקס׳ איז מען געקומען צו דער צענט־ראַליזאציע פון די פראדוקציאנס־מיטלען״ און צו דער „פארגעזעל־שאפטליכונג פון דער ארבייט׳״ ער רופט עס אָן: „דער אופן פון פראדוקציע׳ וואס האט אויפגעבליהט אונטער׳ן מאָנאָפאל פון קאפי־טאל״ (ער פאלט אריין אלץ תמיד מער אין א דיכטערישע התפעלות׳

בעת ער באזינגט די לעצטע שענקייטען פון קאפיטאליזם, ביים סאמע איבערגאנג צום סאציאליזם). ענדליך האַלטען מיר שוין גאר ווייט: „די קאפיטאליסטישע פראדוקציע באשאַפט מיט דעם הכרח פון א נאטור־פראצעס איר אייגענעם געגענטייל: דעם סאציאליזם.״ מחמת לויט קארל מארקס איז די „קאָאָפעראציע״ און דער „קאלעק־טיוער באזיץ פון באדען״ שוין א „נצחון פון דער קאפיטאליסטישער תקופה.״ די גרויסע מוראדיגע, כמעט אומענדליכע מענטשליכע מאסען דארפען באמת שוין כמעט גארניט טאָן פאר׳ן סאציאליזם. זיי דארפען נאר אפווארטען, ביז וואנען ס׳וועט פון זיך אליין קומען דער דאזיגער מצב.

אבער ווי איז דער אמת? איר הערען פון דער וויסענשאפט, מיר זיינען דאך נאך גאנץ ווייט פון דעם, אז דער קאפיטאליזם זאל אונז האבען געבראכט די קאָאָפעראציע אין דעם געזעלשאפטליכען באזיץ פון באדען און פון די פראדוקציאנס־מיטלען! ס׳קענען אפילו זיין א סך פארשידענע פארמען אין דעם געזעל־שאפטליכען באזיץ, אבער איז עס דאך לכל הפחות ניט קלאר, אז א געזעלשאפטליך אייגענטום מוז פארשטעלען מיט זיך עפעס גאר אן אנדער זאך, ווי גזלה, ווי פריווילעגיעס, ווי פריוואט־אייגענטום? זעהט מען שוין איצט שפורען פון דעם דאזיגען געזעלשאפטליכען באזיץ, וואס דארף אנטשטעהען נאך אין דער קאפיטאליסטישער תקופה, וואס דארף שוין האבען די גרעסטע ענליכקייט צום סאציאליזם? יא אדער ניין? מיר וואלטען דאך זעהר גערן געהערט, ווי לאנג ס׳קען נאך געדויערען דער נאטור־פראצעס, אהער, זייט אזוי גוט, מיט אייער וויסענשאפט!

אבער ווער ווייס, ווער ווייס! אפשר האט דאך קארל מארקס געזעהען אינמיטען פון ניינצענטען יארהונדערט, ווי ס׳וויקלען זיך ארויס פון קאפיטאליסטישען מאָנאָפּאָל שפורען אדער גאר — דייטליכע התחלות פון דעם געזעלשאפטליכען באזיץ פון באדען און פון די פראדוקציאנס־מיטלען? ווייל בנוגע צו קאָאָפעראציע איז די זאך ביי א נאנטערער באטראכטונג שוין גאנץ קלאר. פאר מיר איז די קאָאָפעראציע, — דאס צוזאמענארבייטען און די געגענ־

זייטיגע ווירקונג ביי דער ארבייט, און אויב מ׳איז נאר ניט קיין שוטה, וואס זעהט קאָאָפּעראציע אין א געמיינזאמער ארבייט דארטען, וואו א קוה און א פערד ציהען געמיינזאם א סאכע, אדער וואו נעגער־שקלאפען ארבייטען געמיינזאם — אין איין ארט אדער ביי אן ארבייטס־פּארטיילונג: אויף א באַנוועל־פּלאנטאציע אדער אין א פעלד פון צוקער־פלאנצען — — — נאר וואס איז מיט מיר? פונקט אזא שוטה אבער איז דאך קארל מארקס! וואס מיר צוקונפט! וואס מיר די ווייטערדיגע אנטוויקלונג פון קאפּיטאליזם! דער קלוגער געלערנטער האלט זיך ביי דער געגענווארט. די ארבייטס־פארמען, וועלכע ער האט געזעהען אין דער קאפּיטאליס־טישער פאבריק פון זיין צייט, די פאבריק־סיסטעם, די ארבייט פון טויזענטער מענטשען אין געשלאסענע איינגע רוימען, דער אופן, ווי דער ארבייטער פאסט זיך צו צו די מאשינעס און אלס פועל יוצא דערפון: די ווייטגעהענדע פארטיילונג פון דער ארבייט ביי דער באשאפונג פון סחורות פאר׳ן קאפּיטאליסטישען וועלט־מארק — דאס האט קארל מארקס אנגערופען מיט׳ן נאמען קאָאָפּעראציע, וועלכע איז ביי אים כלומרשט אן עלעמענט פון סאציאליזם. רעדט ער דען ניט מיט פשטות, אז דער קאפּיטאליזם באזירט זיך „פּאקטיש שוין אויף א געזעלשאפטליכען אופן פון דער פּראדוקציע".

יאָ, מ׳וועט ממש אויפגעבראכט פון אזא מין שטות, אבער דאס איז בלתי ספק די אמת׳ע מיינונג פון קארל מארקס: דער קאפּיטאליזם אנטוויקעלט אין זיך דעם סאציאליזם, דער סאציאליסטישער פּראדוקציאנס־אופן וועט ארויסשפּראצען פון קאפּיטאליזם. מיר האבען שוין דא די קאָאָפּעראציע, מיר געפינען זיך שוין לכל הפּחות אויפ׳ן בעסטען וועג צום געזעלשאפטליכען אייגענטום אויפ׳ן באדען און אויף די פּראדוקציאנס־מיטלען, ס׳בלייבט נאר סוף כל סוף איין זאך: צו פאריאגען די פאר איבערגעבליבענע בעלי־בתים, אלע אנדערע זאכען האבען שוין אויפגעבליהט אין קאפּיטאליזם. מחמת דער קאפּיטאליזם דאס איז דער פּראגרעס, דאס איז די געזעלשאפט, דאס איז שוין, הפנים, דער סאציאליזם. דער אמת׳ער שונא דאס איז — „דער מיטעלשטאנד, דער קליינער פאבריקאנט, דער קליינ־

קרעמער, דער בעל־מלאכה, דער פּויער־, ווייל זיי ארבייטען אליין און האבען העכסטענס א פּאר געזעלען, אדער לערען־אינגלאך, און ס'איז טאַקי דעריבער — א מיניאטיור־באטריב, קליינוואַרג; דער קאפּיטאליזם אבער איז די אוניפאָרמיטעט, די ארבייט פון טויזענטער מענטשען אויף איין פּלאץ, די ארבייט פאר'ן וועלט־מארק, און דאס איז די געזעלשאפטליכע פּראדוקציע און דאס איז דער סאציאליזם.

דאס איז די אמת'ע תורה פון קארל מארקס: ווי נאר דער קאפּיטא־ליזם וועט לגמרי מנצח זיין אלץ, וואס ס'איז נאך גע־בליבען בירושה פון מיטעלאלטער, איז דעמאלט דער פּראגרעס געחתמעט און דער סאציאליזם איז אזוי גוט ווי פאראן.

צו האט עס ניט קיין סימבאלישע באדייטונג, אז דער גרונד־ווערק פון מארקסיזם, די ביבעל פון אט דעם סארט פונ'ם סאציאליזם, הייסט „דער קאפּיטאל"? מיר שטעלען אוועק אנטקעגען דעם דאזיגען קאפּיטאל־סאציאליזם אונזער סאציאליזם און מיר זאגען: דער סאציאליזם, די קולטור און דער בונד, דער יושרדיגער אויסטויש מיט די פּראָ־דוקטען און די ארבייטס־פרייד, די געזעלשאפט פון געזעלשאפטען, קען נאר דעמאלט קומען, בעת ס'הייבט זיך אויף א גייסט אזוי ווי אין דער קריסטליכער צייט פון די גערמאנישע פעלקער, און בעת דער דאזיגער גייסט איז מנצח די אומקולטור, דעם תהו ובהו און די ירידה, וואס רופט זיך אָן אויפ'ן ווירטשאפטליכען לשון: קאפּיטאַליזם.

אט אזוי שטעהען זיי איינער אנטקעגען דעם אנדערען מיט דער גאנצער שארפקייט.

אויף איין זייט: מארקסיזם — אויף דער צווייטער: סאציאליזם! מארקסיזם — די גייסטלאזיגקייט, די פּאפּירענע בלום אויפ'ן קאפּיטאליסטישען בוים.

סאציאליזם — דאס נייע, וואס הויבט זיך אויף געגען דאס צו־פוילטע; די קולטור, וואס קעמפט געגען דעם זיווג פון אומגייסט און דלות מיט דער געוואלד, געגען דער מאדערנער מלוכה און דעם מאדערנעם קאפּיטאליזם.

און ערשט קען מען שוין פארשטעהן, אז כ'וויל זאגען דעם דאזיגען ניט ווייניגער מאדערנעם מארקסיזם אין פּנים אריין דאס, וואס

ער איז: די צרעת פון אונזער צייט און די קללה פון דער סאציאליס־
טישער באוועגונג. ס׳מוז ערשט נאך קלארער געזאגט ווערן, אז
ס׳איז אזוי, פארוואס ס׳איז אזוי, הלמאי דער סאציאליזם קען נאר
דעמאלט קומען, ווען ער וועט באקעמפען, ווי א דם־שונא, דעם מארקסיזם.

ווילל קודם־כל איז דער מארקסיזם דער פיליסטער. דער פיליס־
טער, וואס קוקט מיט פאראכטונג אויפ׳ן גאנצען עבר, וועלכער
רופט אָן יענע צייט, אין וועלכער ער פיהלט זיך היימיש, מיט׳ן נאמען:
נעגענווארט אדער: דער אנהויב פון דער צוקונפט; וועלכער גלויבט
אין פראגרעס. וועמען דער יאהר 1908 געפעלט מער פאר׳ן יאר 1907,
וועלכער ערווארט פון 1909 שוין גאר אן אויסנאם־זאך, און אין אזא
ווייטער צוקונפט, ווי דאס יאר 1920, זעהט ער שוין כמעט א נס און
די סאמע לעצטע און גרעסטע זאך.

דער מארקסיזם איז דער פיליסטער און מחמת דעם איז ער דער
פריינד פון דאס מאסענהאפטיגע און פון דאס, וואס איז מגושמ־
דיג גרויס און ברייט. אזא מין זאך א שטייגער, ווי א שטאדט־
רעפובליק פון מיטעלאלטער אדער א דארף־געמיינדע, אדער א
רוסישער „מיר״, אדער א שווייצארישע ״אלעמאנד״, אדער א קאמור־
ניסטישע קאלאניע, האט אין זיינע אויגען קיין ברעקעל שייכות ניט
מיט׳ן סאציאליזם, אבער א גרויסע, צענטראליזירטע מלוכה זעהט שוין
אויס א האר ענליך צו דער צוקונפטס־מלוכה. ווייזט מען אים אָן א
לאנד, וואו די קליינע פויערים לעבען אין וואוילשטאנד, וואו ס׳בליהט
א קונסטרייכע האנטווערקעריי, וואו ס׳איז דא ווייניג דלות, פארקרימט
ער דעם נאז מיט פאראכטונג. קיין ערגערען זידעל־ווארט צו בא־
ליידיגען דעם גרעסטען פון אלע סאציאליסטען פרודאָן, ווי אנצו־
רופען אים קליינבירגער און קליינפויערליכער סאציאליסט, האט שוין
קארל מארקס און זיינע נאכפאלגער גאר ניט געקענט אויסזוכען. אין
דער אמת׳ן איז עס גארניט קיין פאלשע השערה און גאנץ געוויס איז
עס ניט קיין זידעל־ווארט, מחמת פרודאָן האט טאקי אויסגעצייכענט
געלערנט די מענטשען פון זיין פאלק און פון זיין צייט, ס׳רוב קליינע
פויערים און בעלי־מלאכות, ווי אזוי זיי קענען תיכף פארווירקליכען
דעם סאציאליזם, ניט ווארטענדיג בכלל אויפ׳ן פראגרעס פון גרויס־

קאפיטאליזם, דאס קענען אבער די מאמינים אין דער אנטוויקלונג גארניט הערען און ווילען לחלוטין ניט, אז מ׳זאל ריידען וועגען א זאך, וואס איז געווען מעגליך, וואס האט געקענט געשעהען און איז דאך ניט געווארען א ווירקליכקייט. און די מארקסיסטען און די, וועלכע זיינען פון זיי אנגעשטעקט, קענען בכן גארניט הערען, אז מ׳רעדט פון א סאציאליזם, וואס איז געווען מעגליך נאך פאר דער ווייטערדיגער באוועגונג און וואקסונג פון דער ירידה, וועלכע זיי רופען אָן די באַוועגונג פון פראגרעס, נאך פאר דער געבענטשטער תקופה פון קאפיטאליזם. מיר אבער טיילען ניט אפ די אויסגעטראכטע אנטוויקלונג און די געזעלשאפטליכע פראצעסען פון דעם, וואס די מענטשען ווילען, טוען, וואלטען געקענט וועלען און וואלטען געקענט טאָן, מיר ווייסען, אז די באשערטקייט און די אומפארמיידליכקייט פון אלץ, וואס קומט פאר, און בכן אויך דערפון, וואס מ׳וויל און מ׳טוט, עקסיסטירט, זעלבסטפארשטענדליך, במילא און גילט אָן שום תנאי, אבער תמיד לאזט זיך פעסטשטעלען, אז די זאך איז געווען א הכרח, נאר שוין לאחר המעשה, בעת די זאך איז געשעהען אדער בעת די זאך איז ניט געשעהען, אז דאס און דאס איז בכן ניט געווען מעגליך, ווייל ס׳האבען למשל די מענטשען, צו וועלכע מ׳האט אויף א געהעריגען יסוד אפעלירט און וועלכע מ׳האט געלערנט שכל עפ״י דעם מצב און זיינע פאדערונגען, ניט געוואלט און ניט געקענט זיין קלוג. אט זעהט איר, וועלען די מארקסיסטען זאגען מיט טריאומף, קארל מארקס האט אבער שוין אויף פריהער געזאגט, אז ס׳איז אוממעגליך, אוודאי, וועלען מיר ענטפערען, און דערמיט האט ער גענומען אויף זיך א היבשען חלק פון דער שולד, פארוואס ס׳איז ניט געווען מעגליך, דערמיט איז ער געווארען פאר יענער צייט און נאך מער — פאר דער שפעטערדיגער צייט איינער פון די, וואס האבען געשטערט און וואס זיינען שולדיג אין דער מפלה פון סאציאליזם, ווייל מיר האלטען ניט, אז די מענטשליכע געשיכטע איז אויפגעשטעלט פון אַנאָנימע פראצעסען אדער בלויז פון א קאלעקציע פון א סך קליינע מאסען־געשעהענישען און מאסען־פעלערען, פאר אונז זיינען די טרעגער פון דער געשיכטע פערזאנען און פאר אונז זיינען אויך דא שול־

דיגע· צי גלויבט איר· א שטייגער· אז פרודאן האט ניט געהאַט אפּט אין גרויסע שעה'ן· ווי יעדער נביא און בשורה־ברײנגער· שטאַרקער נאָך· ווי ווער ס'איז פון די קאַלטע קאַבינעט־געלערנטע· דעם געפיל פון דער אוממעגליכקייט צו פירען די ארומיגע מענטשען פון זיין צייט צו דעם· וואס איז געווען אין זיינע אויגען די שענסטע און די נאַטיר־ליכסטע מעגליכקייט? דער· וואס מיינט· אז ס'באַגלייט די אַפּאָסטאלען און די פירער פון דער מענטשהייט אין זייער גרויסע טאַט· אין זייער שוואונג און זייער דראַנג נאָך מעשים אבגלויבען אין דער פאַרווירקלי־רונג פון זייער זאַך· — פאַרשטעהט שלעכט די דאָזיגע גאונים· זיי באַגלייט נאָר דער גלויבען אין זייער הייליגען אמת און די פאַרצווייפלונג אין די מענטשען און דער געפיל פון אוממעגליכקייט! וואו ס'פלעגט נאָר קומען איבער דער מענטשהייט א גרויסע און א געוואלדיגע זאַך· א רעוואלוציע און א באַנייאונג· איז תמיד געווען· אז דאָס אוממעגליכע· און דאָס איז בעצם — דאָס זעלבסטפאַרשטענדליכע· האט גורם געווען די איבערקערענישע·

אבער דער מאַרקסיזם דאָס איז דער פיליסטער און דערפאַר ווייזט ער תמיד אָן מיט א טריואַמפירענדען געלעכטער אויף די טעות'ן און אויף די אומזיסטע פּרובען און האט מורא· ווי א קינד· פאַר מפּלות· צו קיין זאַך באַציהט ער זיך ניט מיט אזא פאַראַכטונג בפרהסיא· ווי צו דעם· וואס ער רופט אָן עקספּערימענטען אדער גרינדונגען· וועלכע האָבען געהאַט א דורכפאַל· ס'איז א חרפּה און א סימן פון א מיאוסער ירידה· באַזונדערס ביים דייטשען פאָלק· צו וועלכען ס'קליידט אזוי שלעכט די מורא פאַר'ן אידעאַליזם· פאַר דער פאַנטאַזיע און פאַר דעם העראָישען לעבען· — אז אזעלכע שלים־מזל'ס זאָלען זיין די פירער פון זיינע פאַרקנעכטעטע שיכטען· אבער די מאַרקסיסטען זיינען פאַר די ארימע מאַסען פונקט דאָס זעלביגע· וואס ס'זיינען געווען זינט דעם יאָר 1870 די נאַציאָנאַליסטען־רענמאַיסטען פאַר די זאַטע שיכטען פון פאָלק: זיי פאַרגעטערען דעם ערפאָלג· ערשט קענען מיר באַגרייפען דעם אַנ־דערען זין· דעם מער־געלונגענעם זין פון דער באַצייכנונג „מאַטעריאַ־ליסטישע אויפפאַסונג״· אָ יאָ· מאַטעריאַליסטען אין פשוטען· אין גראָ־בען· אין פּאָפּולערען זין פון ווארט זיינען די מאַרקסיסטען אין זיי האָ־בען זיך פונקט אזוי שטאַרק· ווי די נאַציאָנאַליסטישע שוטים· געסטאַרעט

צו דערנידעריגען דעט אידעאליזם און אויסוואָרצלען אים, דאס, וואס דער נאציאנאליסטישער בירגער האט געמאכט פונ׳ם דייטשען סטודענט, האבען די מארקסיסטען געמאכט פון די ברייטסטע שיכטען פון פראלעטאריאט: פחדנים, מענטשלאך אָן ווילדקייט, אָן מוט און העזה, אָן חשק צו פרובען, אָן סעקטענטום, אָן אפיקורסות, אָן אָריגינאליטעט און אייגענארטיגקייט. אט די אלע זאכען אבער דארפען מיר האבען, מיר דארפען מאכען פרובען, אזוינס ווי די עקספעדיציע פון די „טויזענט״ קיין סיציליע, מיר דארפען אזעלכע גאריבאלדי־נאטורען, וואס זיינען זעלטען, ווי א נס, און מיר דארפען ליידען מפלות נאך מפלות און מיר דארפען האבען די טבע פון אן „עם קשה עורף״, וואס שרעקט זיך ניט אפ, וואס לאזט זיך ניט אפשרעקען דורך קיין זאך, וואס האלט זיך פעסט און האלט אויס און הויבט אָן תמיד פון דאסניי ביז וואנען ס׳וועט זיך אונז איינגעבען, ביז מיר וועלען זיך דורכברעכען און וועלען ווערען אזוי שטארק, אז מ׳וועט אונז ניט קענען מער גובר זיין. דער, וואס שרעקט זיך אפ פאר דער סכנה, אז ער וועט ליידען א מפלה, וועט קיינמאל ניט מנצח זיין; דער, וואס האט מורא צו ווערען פאראיינזאמט, צו קריגען א קלאפ צוריק. אָ, איר מארקסיסטען, איך ווייס ווי שלעכט דאס אלץ קלינגט אייך אין די אויערען, מער פון אלץ האט איר דאך מורא דערפאר, וואס איר רופט אָן „הינטערשטע קלעפ״, דאס ווארט געהערט צו אייער באזונדערען שפראך־אוצר און אפשר — מיט א באשטימטער בארעכטיגונג — ווייל איר ווייזט דעם שונא עפטער דעם רוקען איידער דעם שטערען. איך ווייס ווי פארהאסט און ווי פרעמד צו אייער גאנצער טרוקענער נאטור ס׳זיינען אזעלכע פייערדיגע נאטורען ווי פרודאָן אויפ׳ן געביט פון בויען, באקונין אדער גאריבאלדי אויפ׳ן געביט פון צושטערונג און קאמף, ווי אלץ, וואס ס׳איז ראמאנטיש, קעלטיש, אלץ, וואס ס׳האט א שייכות מיט א פרייער לופט און מיט א העזה און מיט איניציאטיוו, איז פאר אייך ממש ווי א צרה. איר האט זיך געגנוג אנגעמאטערט, כדי ארויסצוטרייבען פון דער פארטיי, פון דער באוועגונג, פון די מאסען אלץ, וואס איז פריי, וואס טראגט א א פרצוף פון א פערזענליכקייט, די גאנצע יוגענד, אלץ, וואס איר רופט אָן נארישקייטען. ס׳וואלט באמת אין א סך א בעסערען מצב געשטא־

נען אונזער סאציאליזם און אונזער פאלק, אויב מיר וואלטען געהאט
אנשטאט דעם סיסטעמאטישען שטות, וואס איר האט אנגערופען „ווי־
סענשאפט״, די דרייסטע נארישקייטען פון די היציגע קעפ, פון די, וואס
רוהען ניט און וואס זיינען פול מיט ענערגיע, וועלכע איר קענט ניט
פארטראגען, א יא, מיר ווילען מאכען דאס, וואס איר רופט אָן עקספע־
רימענטען, מיר ווילען פרובען, מיר ווילען שאפען און טאָן,
פון טיפען הארצען טאָן מעשים און מיר ווילען טאקע, אויב
ס׳מוז שוין אזוי זיין, לײַדען שיפברוך און מפלות, ביז וואנען מיר ווע־
לען האבען דעם נצחון און דערזעהען די יבשה, אָ פאלק, איבער דיר
געוועלטיגען פיליסטער, גרויע, ווי אש, אין שלאָפרעק! וואו זיינען די
קאלומבוס־נאטורען, וואס וואלטען בעסער וועלען ארויסגעהן אין
אפענעם ים אויף א שיף, וואס קען זיך לייכט איינברעכען, זוכענדיג
אומבאקאנטע מרחקים, איידער ווארטען אויף דער אנטוויקלונג? וואו
זיינען די יונגע, די מוטיגע, די זיגער, די רויטע, זיי זאלען חוזק מאכען
פונ׳ם דאזיגען גרויל? ניט גערן הערען די מארקסיסטען אזעלכע רייד,
אזעלכע אנפאלען, וועלכע זיי רופען רעגרעס, אזעלכע פאנטאזיעס און
אומוויסענשאפטליכע זאכען, איך וויים עס, און גראד דערפאר בין איך
צופרידען, וואס כ׳האב דאס אלץ געזאגט, די ארגומענטען, וועלכע איך
באנוץ געגען זיי, זיינען גוט און גרינדליך, אבער וואלט איך זיי גע־
קענט מצער זיין ביז׳ן טויט מיט חוזק און געלעכטער, אנשטאט צו פאָ־
לעמעזירען מיט זיי דורך אַרגומענטען, וואלט איך עס גערן געטאן,

דער פיליסטער מארקסיסט איז על כן צו קלוג, צו אויסגערעכענט,
צו פארזיכטיג, אז אין א צייט, בעת דער קאפיטאליזם האלט
שוין ביים אנשטעהען, ווי ס׳איז געווען אין פראנקרייך אין מא־
מענט פון דער פעברואר־רעוואלוציע (1848), זאל אים איינפאלען אין
קאפ צו פרובען זיך אנטקעגענשטעלען אים דורך א סאציאליסטישער
ארגאניזאציע. ער וועט אנשאט דעם בעסער פארניכטען און דערשטי־
קען אין קאפיטאליזם די פארמען פון דער לעבעדיגער געמיינשאפט פון
דער תקופה פון מיטעל אלטער, וועלכע מ׳האט מציל געווען אין דייטש־
לאנד, אין פראנקרייך, אין דער שווייץ, דער עיקר – אין רוסלאנד, ניט
קוקענדיג אויף הונדערטער יארען פון ירידה, – איידער ער זאל זיך

מודה זיין, אז ס׳שטעקען אין זיי שפּראָצען און לעבענס־קריסטאַלען אויך פון דער צוקונפטיגער סאָציאַליסטישער קולטור. ווייזט מען אָבער אים אָן אויף די ווירטשאַפטליכע פאַרהעלטנישען פון, למשל, ענגלאַנד אין מיטען פון ניינצענטען יאָרהונדערט מיט דעם שווידערליכען פאַב־ריק־סיסטעם, מיט דער פאַרוויסטונג פון באָדען, מיט דער אוניפאָרמי־רונג פון די מאַסען און מיט׳ן דלות, מיט דער אינדוסטריע פאַר׳ן וועלט־מאַרק אַנשטאַט דער ווירטשאַפט פאַר די ווירקליכע באַדערפנישען, און ער וועט תיכף געפינען אין דעם די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציע, די קאָאָפּעראַציע, די התחלות פון געזעלשאַפטליכען באַזיץ: דאָ פילט ער זיך גוט.

כל זמן ס׳דערוועקען זיך ניט אינ׳ם אמת׳ן מאַרקסיסט די ספקות, וואָס צווינגען אים צו הנחות (ביים היינטיגען טאָג מאַכען שוין אַלע פון לאַנג די דאָזיגע הנחות), וויל ער גאַרניט וויסען פון פּויערשע קאָאָפּעראַטיוען, פון קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוען, פון אַרבייטער־קאָאָפּע־ראַטיוען, אפילו — דעמאָלט, ווען זיי זיינען אויסגעוואַקסען צו גרויסע אונטערנעמונגען. גאַנץ אַנדערש אימפּאָנירען אים די קאַפּיטאַליסטישע גרויס־געשעפטען, אין וועלכע ס׳ווערט פאַרפאַלען אַזוי פיל גייסט פון אָרגאַניזאַציע אויף אומפּראָדוקטיווע זאַכען, אויף גזלה און אוזורפּאַציע, אויף דעם פאַרקויף פון אומנוציגע לוקסוס־אַרטיקלען: ציִ האָט זיך, משמעות, אַ מאָל פאַרדאַגה׳ט אַ מאַרקסיסט וועגען דער גרויסער אַנטשיי־דענער פראַגע: וואָס ס׳ווערט פּראָדוצירט פאַר׳ן וועלט־מאַרק, וואָס ס׳ווערט פאַרקויפט צו די פאַרברויכער? תמיד ווענדט זיך זיין בליק נאָר אויף די אויסערליכע, אומוועזענטליכע, איבערפערזענליכע פאָרמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, וועלכע זיי רופען אָן: די גע־זעלשאַפטליכע פּראָדוקציע, פון זיי וועלען מיר נאָך ערשט מוזען ריידען.

דער מאַרקסיזם איז דער פיליסטער און פאַר אַ פיליסטער איז קיין זאַך ניט אַזוי וויכטיג, אַזוי גרויסאַרטיג, ניט אַזוי הייליג, ווי די טעכ־ניק און איר פּראָגרעס. שטעלט אַוועק אַ פיליסטער פאַר קריסטוס׳ן, וועלכער איז געווען אין זיין גייסטיגער עשירות, אין דער שפע פון זיין אָפּגרונד־טיפער געשטאַלט אויך אַ געוואַלדיגער סאָציאַליסט, אַ חוץ דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ באַדייטונג פאַר׳ן גייסט און פאַר׳ן לעבען;

שטעלט אוועק דעם פיליסטער פאר דעם לעבעדיגען מארטירער פון גאַלגאָפּא און פאר א נייער מאשין, וועלכע דינט אויף צו באוועגען מענטשען און זאכען, — און אויב ער איז נאר ערליך און ניט קיין צבוע, וועלכער פארגעטערט בילדער, וועט ער געפינען, אז קריסטוס איז לגמרי אן איבעריגע און אומנוציגע ערשיינונג, און ער וועט נאכ־לויפען נאך דער מאשין.

און דאָך! צו האט ניט די דאזיגע גאַלגאָפּישע, שטילע, רוהיגע, ליידענדע גרויסקייט פון הארצען און פון גייסט שטארקער באוועגט, ווי אלע באוועגונגס־מאשינען פון אונזערע צייטען.

און דאך! וואס פאר א ווערט וואלטען געהאט אלע באוועגונגס־מאשינעריען פון אונזערע צייטען אָן דעם דאזיגען שטילען, רוהי־גען, ליידענדען, גרויסען מאַרטירער פון דער מענטשהייט. ס׳מוז אויך דאס דא געזאגט ווערען, הגם נאר די וועלען עס לייכט פארשטעהען, וועלכע האבען עס שוין פון פריהער געוואוסט.

אט דא ערשט, ווען מיר זעהען דעם רעספעקט, וואס האט קיין גבול ניט, וועלכען דער „פראגרעסיסט” האט צו דער טעכניק, קע־נען מיר באגרייפען, פון וואנען ס׳שטאמט דער מארקסיזם. דער פא־טער פון מארקסיזם איז ניט דער פארטיפּטער, סטודיום פון דער גע־שיכטע, ניט קיין העגעל, אויך ניט סמיט און ריקאַרדאָ און קיינער ניט פון די סאציאליסטען פאר מארקסן, אויך ניט קיין רעוואלוציאנער־דע־מאקראטישער מצב פון דער צייט, נאך ווייניגער — דער רצון און די שטרעבונג צו א קולטור און צו א שענקייט ביי די מענטשען. דער פאטער פון מארקסיזם איז דער דאמף.

אלטע ווייבער זאגען נביאות אויף קארטען; קארל מארקס האט געזאגט נביאות אויף דאמף.

דאס, הכלל, וואס מארקס האט געהאלטען פאר א זאך, וועלכע איז ענליך צום סאציאליזם, פאר א מדרגה, וואס איז דירעקט א הכנה צום סאציאליזם, איז ניט געווען קיין אנדער זאך, ווי די פארם פון דער ארגאניזאציע פון אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וועלכע ס׳זיינען בא־שאפען געווארען דורך די טעכנישע פאדערונגען פון דער דאמף־מאשין און פוג׳ם קאפיטאליזם.

דא האבען זיך בכן באגעגענט צוויי גאנץ פארשידענע פארמען פון דער צענטראליזאציע: די ווירטשאפטליכע צענטראליזאציע פונ׳ם קאפיטאליזם, דער אונטערנעמער — דער גביר, וואס קאנצענטרירט ארום זיך וואס מער ארבייט, און די טעכנישע צענטראליזאציע פון דער פאבריק, ד. ה. פון דער דאמף־מאשין, וואס מוז האבען אין איר רשות, נאנט צו דער קראפט־מאשין די ארבייטס־מאשינען און די ארבייטער און וואס האט על כן באשאפען די גרויסע פאבריק און די ראפינירטע צו־טיילונג פון דער ארבייט. די ווירטשאפטליכע צענטראליזאציע פונ׳ם קאפיטאליזם דארף גארניט פאר זיך — מיט דער אויסנאם פון איינצעלנע פאלען — קיין צענטראליזאציע פונ׳ם טעכנישען באטריב. אומעטום, וואו די מענטשלאכע ארבייטס־קראפט אדער די איינפאכע מאשינען, וואס ווערען באוועגט מיט דער האנט אדער מיט דער פוס, זיינען ביליגער פאר דער באנוצונג ווי א דאמף־מאשין, איז דער קאפיטאליסט מער נוטה צו דער היים־אינדוסטריע, וועלכע פארשפרייט זיך איבער די דערפער און שטעדטלאך, איידער — צו דער פאבריק. בכן האבען די טעכנישע נויטווענדיגקייטען פון דער דאמף־מאשין באשאפען די גרוי־סע אינדוסטריעלע קאזארמעס אין די גרויסע שטעדט, וועלכע זיינען פול מיט פאבריקען און מיט הייזער, וואס זעהען אויס ווי קאזארמעס און אין זיי געפינען זיך די דירות פון די ארבייטער.

די דאזיגע צוויי פארמען פון צענטראליזאציע, וועלכע זיינען לכתחילה געווען אפגעטיילט און לגמרי פארשידען, האבען זיך נאטיר־ליך נאך דער ערפינדונג פון דער מאדערנער דאמף־מאשין באלד פא־ראייניגט און האבען זיך געגענזייטיג שטארק משפיע געווען: דער קא־פיטאליזם האט געוואלדיג פראגרעסירט א דאנק דער דאמף־מאשין. דער קאפיטאליזם האט שוין זיינע טעכניש־צענטראליזירטע איינריכטונ־גען און באזונדערע אייגענשאפטען און ער האט שוין ארויסגעצויגען די ארבייטער פון דארף און ציהט זיי אוועק פון דארט אלץ שטארקער. און דעריבער שטערט דער קאפיטאליזם פון דער אנדערער זייט, אז די עלעקטרישע איבערטראגונג פון דער דאמף־קראפט און וואסער־קראפט, וואס האט געמוזט לויט איר נאטור זיין א דעצענטראליזירענדע, זאל באקומען די געהעריגע פארשפרייטונג, וועלכע זי פארדינט. הגם מ׳קען

ניט אפלייקענען, אז די דאזיגע עלעקטרישע אריבערטראגונג פון קראפט האט אויך באשאפען א קאפיטאליסטישע עקספלאטאציע פון די קליינע אפגעלעגענע ווארשטאטען, ווי צ. ב. ס'איז אין דער מעסער־אינדוסטריע פון זאלינגען, ווי זי האט אבער אויך געשטארקט שוין איצט צום גליס די קליין־אינדוסטריע און די האנטווערקעריי און וועט זיי נאך מער שטארקען אין דער צוקונפט. דא איז נאך א ברייט פעלד פאר דער קאאפעראציע ביים באקומען קראפט דורך עלעקטרא־מאטארען.

די דאזיגע פאראייניגונג פון דער טעכנישער צענטראליזאציע פון קאפיטאל האט דאן גורם געווען, אלס איר פועל־יוצא, א ווייטער־דיגע קאפיטאליסטישע צענטראליזאציע, אדער — האט איר פארשטארקט: די צענטראליזאציע פון האנדעל, פון באנק־וועזען, פון די אַנגרא־ און דעטאיל־געשעפטען, פון די טראנספארט־איינריכטונגען א. אז. וו.

און נאך א דריטע צענטראליזאציע כמעט אינגאנצען אומאפהענגיג פון די צוויי אנדערע האט זיך אנטוויקעלט אין אונזער צייט. דאס איז די צענטראליזאציע פון דער מלוכה, פונ'ם ביוראקראטיזם, פון מיליטער־וועזען. און אזוי ארום האבען זיך אריינגעקליבען אין די גרויסע שטעדט נעבען די קאזארמעס פאר פאבריקען און פאר דירות נאך נייע קאזארמעס: פון די ביוראקראטען. אין יעדערען פון די דא־זיגע אמטליכע בנינים געפינט זיך א הונדערט חדרים'לאך און אין יע־דער צימערל — איינער, צוויי אדער דריי גרינע טישען און ביי יעדער טיש געזעצען איינער, צוויי אדער דריי קליינע באאמטע מיט דער פעדער אונטער'ן אויער און מיט'ן פרישטיק אין דער האנט. און ס'זיי־נען נאך פאראן קאזארמעס פאר די סאלדאטען, וואו טויזענטער געזונ־טע יונגע מענטשען זיינען געצוואונגען זיך צו פארנעמען מיט אן אומנוציגען ספארט — ספארט האט געדארפט זיין נאר אן אפרוה נאך א נוצליכער ארבייט, — און דער לאנגווייליגער לעבענס־שטיי־גער טרייבט זיי צו כל־ערליי נארישקייטען און געשלעכטליכע אויס־געלאסענקייט.

און ביי אזוי פיל אומקולטור, ביי אזעלכע חומר'ס פון מענטשליכע מאסען, וואס לעבען אויפגעפרעסט, ביי אזא דערוויטערונג פון דער ערד און פון דער קולטור, ביי אזא פארשווענדונג פון ארבייט

ביי אזוי פיל אומפראדוקטיווע ארבייט און פוילקייט, ביי אזא לעבען
אָן א זין און ביי די צרות, וועלכע ס'ברענגען מיט זיך אט די אלע
פארמען פון צענטראליזאציע, ווערען אלץ גרעסער אין צאל
און ברייטער אין פארנעם די אנדער קאזארמעס פון אונזער צייט:
די פריזען און די ארבייטס־הייזער, די טורמעס און די בתי־זונות —
די קאזארמעס פאר די פראסטיטוטקעס

ס'איז אמת און מ'דארף מסכים זיין מיט די מארקסיסטען, בשעת
זיי ווערען זיך געגען דער השערה, אז זייער לערע איז בלויז
א פראדוקט נאר פון דער טעכנישער ציוויליזאציע, נאר פון דער פאב־
ריק: אט די אלע פארמען פונ'ם וויסטען צענטראליזם, וועלכער פאר־
מיאוסט, אוניפארמירט, פארקלעמט און אונטערדריקט, זיינען אין א
היבשער מאס געווען מוסטערען פאר'ן מארקסיזם, האבען געהאט אן
איינפלוס אויף זיין אנטשטעהונג און פארשפרייטונג. ניט אומזיסט
ווערט מען זיך ביי די ענגלענדער, ביי די ראמאנישע פעלקער, ביי די
שווייצער און דרום־דייטשען אלץ מער געגען דעם מארקסיזם, ווי
געגען א זאך, וואס האט א משנוהדיגע ענליכקייט מיט'ן מיליטערישען
ביוראקראטישען רעזשים; ניט אומזיסט געפינט מען ביים היינטיגען
טאג אמת'ע, כשר'ע מארקסיסטען בלויז שוין נאר אין די לענדער פון
פעלדוועבעל, פון קליינעם באאמטען און פון „טשינאווניק": אין פריי־
סען און אין רוסלאנד. ניט אומזיסט פילט מען אין ערגעץ ניט אזוי
שטארק די דיסציפלין און די גראבקייט אינ'ם אופן פון באפעלען, וואס
איז מיט דער דיסציפלין נאנט פארבונדען, הערט מען אין ערגעץ ניט
אזוי אפט דעם ווארט „דיסציפלין" ווי אין דער פרייסישער ארמעי
און אין דער פרייסישער סאציאל־דעמאקראטיע. דאך אבער איז קיין
איינציגע ניט־ פון די דאזיגע צענטראליזאציעס ניט אזוי מסוגל צו באַ־
שאפען די פארזעהעניש, וואס מ'האט היינט די חוצפה צו רופען באמת
ובלב תמים „סאציאליזם", ווי די טעכנישע צענטראליזאציע פונ'ם זאמף.

קיינמאל וועט דער סאציאליזם ניט ארויסוואקסען פון קאפיטאליזם,
ווי ס'האט אזוי לירישע געזונגען דער אומדיכטער מארקס.
אבער זיין תורה און זיין פארטיי, דער מארקסיזם און די סאציאל־
דעמאקראטיע, זיינען ארויסגעוואקסען פון דער דאמף־קראפט.

קוקט, זיך נאר אקארשט צו צו דעם, ווי די ארבייטער און בעלי־
מלאכות און די זין און די טעכטער פון די פויערים געהען אוועק
פון דארף, ווי ס׳קומען אהין אנשטאט זיי ארמעען פון צופעליגע באַ־
טראַקעס און סעזאן־ארבייטער! זעהט אקארשט ווי ס׳ציהען זיך אויף
צומארגענס טויזענטער און צענדלינגער טויזענטער מענטשען אין די
פאבריקען אריין און ווערען אין אווענט ווידער פון דארט אויסגעשפיגען!

א גלייכער ארבייטס־צוואנג פאר אלע מענטשען, די באשאפונג
פון אינדוסטריעלע ארמעען, דער עיקר — פאר דער לאנד־ווירט־
שאפט — דאס האבען שוין מארקס און ענגלעס געזאגט אין זייער
קאמוניסטישען מאניפעסט. אבער דאס איז ביי זיי ניט קיין באשרייבונג
אדער א פארגעפיל פון א צוקונפדיגער פראכט פון קאפיטאליזם, נאר
— איינער פון די מיטלען, וועלכע זיי האבען פארגעשלאגען „פאר די
פראגרעסיווע לענדער” ביים אנהויב פון זייער סאציאליזם. ס׳איז אמת:
דער דאזיגער מין סאציאליזם וואקסט ארויס פון דער אומגעשטערטער
ווייטערדיגער אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם!

נעמט נאך דערביי אין באטראכט די קאפיטאליסטישע קאנצענ־
טראציע, וואס האט אויסגעזעהן כלומרשט, אז די צאל פון די קא־
פיטאליסטישע פארמעגענס ווערט אלץ קלענער, נעמט מען נאך ווייטער
אין באטראכט דעם מוסטער פון דער אבסאלוטער מלוכה־מאכט און
די צענטראליזירטע מלוכה פון אונזער צייט, און דאַן — די וואקסענדע
פארפאָלקאמונג פון די מאשינען, די פראגרעסירענדע צוטיילונג פון
דער ארבייט, וואס פארבייט געלערנטע האנטווערקער מיט וועלכע
ס׳איז האנט־דרעהער פון דער מאשין (דאס אלץ ווערט אבער נאך גע־
זעהן אין א לגמרי גוזמאדיגער און קאריקאטורישער פארם; מחמת
דאס אלץ האט נאך א צווייטע זייט און איז ניט קיין אנטוויקלונג, וואס
געהט סכעמאטיש און אויף איין ליניע, נאר — א קאמף און אן אויסגלייך
פון פארשידענע טענדענצען, ס׳ווערט אבער אלץ, וואס דער מארקסיזם
באטראכט, משונהדיג לעכערליך פאראיינפאכט און קאריקאטורירט,)
נעמט מען נאך צום סוף אין באטראכט די אויסזיכט, אז די מענטשליכע
ארבייט קען ווערען אלץ קירצער, די מאשינען־ארבייט אלץ פראדוקטי־
ווער, — דעמאלט איז די צוקונפטס־מלוכה א פארטיגע זאך, די צו־

קונפטס־מלוכה פון די מארקסיסטען: די פרי אויפ׳ן בוים פון דער מלוכה׳שער׳ פון דער קאפיטאליסטישער׳ פון דער טעכנישער צענטראליזאציע.

מ׳דארף נאך מוסיף זיין׳ אז בעת דער מארקסיסט טרוימט גאר דרייסט זיין שטרויענעם חלום – ווייל מ׳האט נאך קיינמאל ניט געטרוימט אזוי טרוקען און פוסט׳ און אויב ס׳איז דא דער מין פאנטא־זירען אָן פאנטאזיע׳ זיינען עס די מארקסיסטען – פארשפרייט ער דעמאלט די ממשלה פון זיין צענטראליזם און פון זייןווירטשאפט־ליכער ביוראקראטיע איבער די גרענעצען פון די היינטיגע מלוכות און רעדט וועגען א „וועלט־רעגירונג״׳ וואס זאל מאכען פאראָרדנונגען און ארויסגעבען באפעלען בנוגע צו דער פראדוקציע און דער פאַרטיילונג פון די פראדוקטען׳ דאס איז דער אינטערנאציאנאליזם פון דעם מארקסיזם. אזוי ווי פריהער האט אלץ אין דעם אינטערנאציאנאל גע־דארפט רעגולירט און באשטימט ווערען דורכ׳ן לאָנדאנער גענעראל־ראט׳ אזוי ווי היינט ווערט אין דער סאציאל־דעמאקראטיע אלץ רעגו־לירט און באשטימט אין בערלין׳ אזוי וועט׳ ווען ס׳איז׳ דער דאזיגער צענטראל־אמט פאר דער וועלט־פראדוקציע ארייננקוקען אין יעדען טעפעל און פארצייכענען אין זיין קאנטא־בוך דעם קוואנטום שמיר־אייל פאר יעדער מאשין.

און ערשט לאמיר אפטיילען ווייטער די שאלעכץ און דעמאלט וועלען מיר פארטיג ווערען מיט אונזער באשרייבונג פון מארקסיזם.

אט אזוי בכן וואקסען שוין אויס דורך און דורך אין קאפיטאליזם די ארגאניזאציע־פארמען פון דעם׳ וואס די דאזיגע לייט רופען אן סאציאליזם. דער חסרון איז נאר׳ וואס די דאזיגע ארגא־ניזאציעס׳ די דאזיגע פאבריקען׳ וואס ווערען אלץ גרעסער און רי־זיגער׳ – מיט דער הילף פון דאמף – געפינען זיך נאך אין די הענט פון די איינצעלנע אונטערנעמער׳ פון די עקספּלאטאטארען. מיר האבען שוין אפילו געזעהען׳ אז דורך דער קאנקורענץ מוז זייער צאל אלץ קלענער ווערען. מ׳דארף זיך פארשטעלען בולט ווי דאס ווערט געמיינט: לכתחילה הונדערטער טויזענטער׳ – שפעטער א פאר טויזענט׳ – נאך שפעטער א פאר הונדערט׳ – דאן עטליכע און זיבעציג

אדער פופציג — צום סוף — א פאר משונה׳דיג ריזיגע אונטערנעמער־
און אנטקעגען זיי שטעהען די ארבייטער, די פראלעטאריער. זייער
צאל ווערט אלץ גרעסער און גרעסער, די מיטעלע שיכטען
פארשווינדען און צוזאמען מיט דער צאל פון די ארבייטער וואקסט
די צאל און די קראפט פון דער אינטענסיוויטעט פון די מאשינען,
אזוי אז ניט בלויז די צאל פון די ארבייטער ווערט גרעסער,
נאר אויך די צאל פון די ארבייטסלאזע, פון דער אזוי
גערופענער אינדוסטריעלער רעזערוו־ארמעי. בכן וועט לויט דער
דאזיגער שילדערונג דער קאפיטאליזם שוין לאנג ניט אנהאלטען,
חוץ דעם וועט דער קאמף געגען אים, ד. ה. געגען די פאר איבער־
געבליבענע קאפיטאליסטען, ווערען אלץ לייכטער פאר די אומצעה־
ליגע מאסען פון די ארימע לייט, וועלכע זיינען מהאי טעמא אויך
פאראינטערעסירט אין דער איבערקערעניש, ווייל מיר מוזען נאך א
זאך נעמען אין באטראכט ביי דער מארקסיסטישער תורה: אלץ איז
אין איר אימאנענט, ווי ס׳הייסט דער אויסדרוק, וועלכער איז גענומען
פון אן אנדער געביט און ווערט דא פאלש אנגעווענדעט. עס דארף
דא באדייטען: ס׳זיינען גארניט נויטיג קיין באזונדערע אנשטרענגונ־
גען אדער אידעעלע קענטענישען פון די סבות, אלץ לויפט פון זיך
אליין אויפ׳ן שנירעל פונ׳ם געזעלשאפטליכען פראצעס. אימאנענט איז,
אז ס׳זיינען שוין פאראן אין קאפיטאליזם די אזוי גערופענע סאציא־
ליסטישע ארגאניזאציע־פארמען, אימאנענט איז די ניטפאראינטערע־
סירטקייט פון די פראלעטאריער בנוגע צו די עקסיסטירענדע פאר־
העלטענישען, דאס דארף באדייטען, אז די טענדענץ צום סאציאליזם,
די רעוואלוציאנערע איבערצייגונגען זיינען אן אינעוועניגסטער בא־
שטאנד־טייל פונ׳ם פראלעטאריאט. די פראלעטאריער האבען גארניט
וואס צו פארלירען און געווינען קענען זיי א גאנצע וועלט! ווי
שען, ווי באמת דיכטעריש איז דאס דאזיגע ווארט (וואס שטאמט ניט
פון מארקסן און ניט פון ענגעלסן) און וויפיל אמת ס׳האט געזאלט
זיין אין אים. און דאך איז די השערה, אז דער פראלעטאריער איז דער
געבארענער רעוואלוציאנער, פאלש. דער מארקסיסט רעדט מיט אזא גרוי־
סער פאראכטונג וועגן קליינבירגער, אבער אלץ, וואס מ׳קען אנרופען

קליינבירגערליך אין די שטריכען פון כאראקטער און אין די גע־
וואוינהייטען פון לעבען, געהערט צו די אייגענשאפטען פון דעם
דורכשניטליכען פראלעטאריער. אזוי געפינט מען אפילו אז אין די
תפיסות און קאזארמעס זיינען די גרעסטע צאל קאמערען, ליידער,
אנגעפילט מיט פיליסטערס. מיט דעם, וואס ס'האט זיך דא ביי מיר
ארויסגעכאפט פון מויל, באדויער איך לגמרי ניט, אז די ניט־פיליסטערס
לעבען אויף דער פרייהייט. ס'איז דאך אבער באמת טרויעריג;
וואלטען שוין די ארימע טפשים, די קרבנות פון די פארהעלטעענישען,
וועלכע האבען געמוזט ברעכען די געזעצליך־פעסטגעשטעלטע ארדענונג,
(אזוי ווי אלץ, וואס קומט אויף דער וועלט, איז אויך דאס פארגעקו־
מען עפ"י הכרח) לכל הפחות געליטען פון דער דאזיגער נויטווענ־
דיגקייט, מחמת אין זיי לעבט דאך ניט מער דער גייסט פון דער
ארדענונג, אנטקעגען וועלכער זיי האבען דורך מעשים פראטעסטירט;
אבער, אדרבה, די הערשענדע געזעלשאפטליכע איבערצייגונגען, וועל־
כע זיי האבען זיך אונטערגענומען צו ברעכען, לעבען ווייטער אין
זייער געמיט, אין זייערע מיינונגען, אין דעם אופן, ווי זיי פאר־
גוואלדיגען זייערע "אחים בצרה" און אפטמאל אפילו זיך אליין,
כמעט תמיד אויפ'ן גלייכען אופן, ווי ביי ס'רוב אנדערע מענטשען
די פיליסטערישקייט פונ'ם פראלעטאריאט איז אגב איינער פון די
טעמים הלמאי דער מארקסיזם, די דאזיגע פיליסטער־חכמה,
וואס האט א פארם פון א סיסטעם, האט געפונען ביים
פראלעטאריאט אזא גרויסען אפקלאנג. ס'איז בלויז נויטיג אן
אויבערפלעכליכער שמיר מיט דער בילדונג איבער'ן צונג, וואס ווער
איצט געגעבען צום שנעלסטען און צום ביליגסטען אין די פאליקליני־
קעס, וואס רופען זיך אן פארטיי־שולען, כדי צו מאכען פון יעדערן
געוואוינליכען פראלעטאריער אן וועלכע ס'איז אויסנאם־מעלות א
פארטיי־פירער, וואס "טויג צו דער ארבייט."

און די דאזיגע פארטיי־פירער האלטען זיך בכן, און ס'איז א גאנץ
נאטירליכע זאך, ביי דער מארקסיסטישער דאקטרין, עפ"י
וועלכער דער פראלעטאריאט ווערט רעוואלוציאניזירט א דאנק דעם
געזעלשאפטליכען הכרח און א דאנק דער מארקסיסטישער לערע, לכל

הפחות אויף דאס קליין ביסעל, אויף וויפיל דער גייסטיגער פאקטאר איז נאך נויטיג כדי גובר צו זיין דעם קאפיטאליזם, וועלכער נעמט ארום אלץ א קלענערע צאל מענטשען און ווערט צופוילט פון אינעווייניג. ס׳מוז נאך א זאך צוגעגעבען ווערען צו דער מארקסיסטישער כאראקטעריסטיק פון קאפיטאליזם, וואס וועט אים ברענגען עפ״י הכרח צום אונטערגאנג און וואס איז לויט קארל מארקסן אימאנענט אין קאפיטאליזם: די קריזיסען. שען און אזוי עכט מארקסיסטיש זאגט עס ארויס די פראגראם פון דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטיע (געוויס האבען זיך א חוץ דעם אריינגעכאפט אין איר אנדערע זאכען, וועלכע די מאכערס פון דער דאזיגער פראגראם רופען אן ביי היינטיגס טאג ביי זייערע געגנער ״רעוויזיאניסטישע טעות׳ן״): די כוחות פון דער פראדוקציע וואקסען אויס איבער׳ן קאפ פון דער היינטיגער געזעלשאפט. ס׳שטעקט טאקע אין דעם די עכטע מארקסיסטישע לערע, אז אין דער היינטיגער געזעלשאפט זיינען די פארמען פון דער פראדוקציע געווארען אלץ מער און מער סאציאליסטיש און ס׳פעלט בלויז, כדי צו ממלא זיין די דאזיגע ״קאלעקטיווע״ פארמען, נאר אויך די ריכטיגע פארם פון אייגענטום, דהיינו: דאס מלוכה־אייגענטום; זיי רופען עס אפילו ״געזעלשאפטליכעס״ אייגענטום. אבער בעת זיי רופען די פאבריק־סיסטעם פון קאפיטאליזם א געזעלשאפטליכע פראדוקציע (דאס טוט ניט נאר מארקס אין ״קאפיטאל״, אויך די היינטיגע סאציאל־דעמאקראטען רופען אָן אין זייער איצטיגער פראגראם די ארבייט און די פארמען אינם איצטיגען קאפיטאליזם: געזעלשאפטליכע ארבייטען), — ווייסען מיר אין וואס ס׳באשטעהט דארט דאס געזעלשאפטליכע אייגענטום. אזוי ווי זיי האלטען די פארמען פון דער פראדוקציע אין דער דאמף־טעכניק און אין קאפיטאליזם פאר סאציאליסטישע ארבייטס־פארמען, פונקט אזוי האלטען זיי די צענטראליזירטע מלוכה פאר דער סאציאליסטישער ארגאניזאציע פון דער געזעלשאפט און דאס מלוכה־אייגענטום, וואס ווערט פארוואלטעט אויף א ביוראקראטישען אופן — פאר א געמיינשאפטליכען אייגענטום! די דאזיגע לייט האבען דאך ניט באמת קיין האר אינסטינקטיווע פארשטענדניש פאר דאס, וואס ס׳הייסט מיט׳ן

נאמען געזעלשאפט. זיי שפירען אויף א האר ניט, אז א געזעלשאפט קען נאר זיין א געזעלשאפט פון געזעלשאפטען, נאר א בונד, נאר פרייהייט. זיי ווייסען דעריבער ניט, אז סאציאליזם איז אנארכיע און פעדעראציע. זיי גלויבען, אז סאציאליזם באדייט מלוכה, בעת די, וואס שטרעבען צו קולטור, וואס ווילען שאפען דעם סאציאליזם, ווילען גאר ארויס פון די חרבנות און פון די צרות פון קאפיטאליזם און פון דלות, וואס איז מיט אים פארבונדען, ווילען ארויסגעהן פון דער גייסטלאזיקייט און פון דער געוואלט, וואס איז נאר א "סטרא אחרא" פון דעם ווירטשאפטליכען אינדיווידואליזם, ווילען בכן ארויסגעהן פון דער מלוכה, כדי צו קומען צו דער געזעלשאפט פון געזעלשאפטען און צו דער פרייוויליגקייט.

בכן זאגען די מארקסיסטען, ווייל דער סאציאליזם געפינט זיך נאך אזוי צו זאגען אין דעם פריוואט־באזיץ פון די אונטערנעמער, וואס פראדוצירען אויף א ווילדען שטייגער, מחמת זיי באזיצען שוין די סאציאליסטישע פראדוקציאנס־כחות, בלע״ז: די דאמף־קראפט, די פארפאלקאמטע מאשינען און די פראלעטארישע מאסען (וואס זיינען תמיד דא אין א גרויסער צאל, כדי צו פארקויפען זייער ארבייטס־קראפט), ווייל דער קאפיטאליזם קען ווי א מכשף באשאפען חפצים אן א שיעור, מוז קומען צו א פארפלייצונג מיט סחורות, אן איבער־פראדוקציע, א תהו ובהו, בקיצור: די קריזיסען. ווי מ׳זאל זיי ניט דערקלערען, אין די פרטים שטאמען זיי דאך לכל הדעות, זאגען די מארקסיסטען, דערפון וואס א געזעלשאפטליכער פראדוקציאנס־אופן (וועלכער איז שוין פאראן לויט דער שוידערליך־נארישער מיינונג פון די מארקסיסטען) מוז האבען איבער זיך א סטאטיסטיש־קאנטרא־לירענדע און רעגולירענדע מאכט פון א וועלט־רעגירונג. כל זמן דאס איז ניטא, איז דער "סאציאליזם" ניט קיין פאלקאמער און אלץ מוז פארקומען אין א תהו ובהו. די ארגאניזאציאנס־פארמען פון קאפיטאליזם זיינען גוט, אבער ס׳פעלט נאך די ארדענונג, די פירונג, די שטרענגע צענטראליזאציע. קאפיטאליזם און מלוכה מוזען זיך צונויפפארען, דעמאלט איז פארטיג דער מלוכה־קאפיטאליזם, וועלען א שטייגער מיר זאגען; יענע מארקסיסטען האלטען — דער סאציאליזם.

און ווייל זיי געפינען ווידער אמאל אינ׳ם דאזיגען סאציאליזם אלע פארמען פון קאפיטאליזם און פון דער רעגלאמענטירונג און ווייל די טענדענץ פון אוניפארמירונג און ניוועלירונג, וועלכע איז היינט פאראן, פראגרעסירט ביז צו דער לעצטער מדרגה פון פאלקאמענקייט, דעריבער איז דער פראלעטאריער אריבערגענומען געווארען אין זייער סאציאליזם אריין: פון א פראלעטאריער אין דער קאפיטאליס־טישער אונטערנעמונג ווערט ער א מלוכה־פראלעטאריער. און בעת ס׳הויבט זיך אָן זייער סאָציאליזם, ווערט די פראלעטאריזירונג באמת ריזיג־גרויס; אלע מענטשען אָן אויסנאם זיינען קליינעווירטשאפטס־באאמטע פון דער מלוכה.

קאפיטאליזם און מלוכה מוזען זיך מתדבק זיין — דאס איז אין דער אמת׳ן דער אידעאל פון מארקסיזם. און אויב זיי ווילען שוין גארניט הערען דעם ווארט אידעאל, וועלען מיר דעמאלט זאגען: אט דאס איז די טענדענץ אין דער אנטוויקלונג, וועלכע זיי האבען אנדעקט, וועלכע זיי ווילען אונטערשטיצען. זיי זעהען ניט, אז די אומגעהייערע מאכט און די ביוראקראטישע וויסטקייט פון דער מלוכה איז נאר נויטיג, ווייל דער גייסט איז נעלם געווארען פון אונזער געזעלשאפטליכען לעבען, ווייל די גערעכטיגייט און די ליבע, די ווירטשאפטליכע בונדען און די בליהענדע פארשידענארטיגקייט פון די קליינע געזעלשאפטליכע ארגאניזמען זיינען לגמרי פארשוואונדען. זיי זעהען בכלל ניט די גאנצע טיפע ירידה פון אונזער צייט. זיי חלומט זיך נאר א פראגרעס: די טעכניק אנטוויקעלט זיך אלץ מער; דאס איז טאקע ריכטיג; א טעכנישער פראגרעס איז מעגליך אויך אין צייטען פון קולטור, נאר ניט תמיד: ס׳זיינען אויך פאראן קולטורען אָן א טעכנישען פראגרעס; נאר בעיקר אנטוויקעלט זיך די טעכניק אין די צייטען פון ירידה, פון דער אינדיווידואליזירונג פונ׳ם גייסט און פון דער אַטאָמיזירונג פון די מאסען, און דערפאר זאגען מיר: דער אמת׳ער פראגרעס פון דער טעכניק צוזאמען מיט דער אמת׳ער ירידה פון אונזער צייט איז — אויב מיר וועלען ריידען מיט די מארקסיסטען אויפ׳ן מארקסיסטישען לשון — דער פאקטישער מאטע־ריעלער יסוד פאר דעם אויבערשטען אידעאלאגישען בנין: פאר דער

אוטאפּיע פונ׳ם אנטוויקלונגס־סאציאליזם פון די מארקסיסטען, ווייל ס׳שפּיגעלט זיך אפּ אבער אין זייער קליינעם גייסט ניט בלויז די טעכניק, וואס פּראגרעסירט, נאר אויך די איבעריגע טענדענצען פון דער צייט, איז אויך דער קאפּיטאליזם פאר זיי א פּראגרעס, דערפאר איז ביי זיי אויך די צענטראליזירטע מלוכה א פּראגרעס. ס׳איז דוקא ניט בלויז אן איראניע, וואס מיר האבען דא באנוצט בנוגע צו די מארקסיסטען גופא די שפּראך פון זייער אזוי גערופענער מאטעריאליסטישער אויפפאסונג פון דער געשיכטע. זיי האבען דאך פון ערגעץ וואו גענומען די דאזיגע געשיכטס־אויפפאסונג. ערשט ווען מיר האבען זיי דערקענט, קענען מיר זאגען נאך דייטליכער ווי פריהער, וואו זיי האבען איר געפונען: זיי האבען איר געפונען גאר אינגאנצען אין זיך גופא. א יא, דאס, וואס די מארקסיסטען זאגען וועגען דער פארהעלטעניש פון די גייסטיגע שאפונגען און פון דענ־קען צו די אומשטאנדען פון יעדער עפּאכע, גילט אין דער אמת׳ן פאר די אלע, וואס זיינען די טרעגער פון דער דאזיגער צייט, אונ־טער וועלכע מ׳דארף נאר פארשטעהן די, וואס זיינען די קינדער און דער אויסדרוק פון זייער צייט, וואס האבען אין זיך ניט קיין שאַ־פענדע כוחות, קיין ווידערשטאנדס־קראפט געגען דער צייט, קיין זעלבסט־שטענדיגקייט, קיין אינדיווידואליזם און קיין פּערזענליכען גייסט. מיר קומען ווידער צום פיליסטער, מיר קומען ווידער צום מארקסיסט; און בנוגע צו אים שטימט עס לגמרי מיט׳ן אמת, אז זיין אידעאלאגיע איז נאר דער איבערשטער בנין אויפ׳ן פונדאמענט פון אונזער צייט. אין די צייטען פון ירידה הערשט אין דער ווירקליכקייט דער אומ־גייסט, וועלכער איז דער אויסדרוק פון דער צייט. און אזוי הערשען נאך היינט די מארקסיסטען, און זיי קענען גארניט וויסען, אז די צייטען פון דער קולטור און פון דער פארווירקליכונג אנטוויקלען זיך ניט פון די צייטען פון ירידה, וועלכע הייסט ביי זיי פּראגרעס, נאר — אז זיי קומען פונ׳ם גייסט פון יענע מענטשען, וועלכע האבען לויט זייער מהות גאר קיין שייכות ניט צו זייער צייט. זיי קענען ניט וויסען און קענען ניט באגרייפען, אז דאס, וואס דארף אנגערופען ווערען געשיכטע, ווערט באשאפען אין די הויכע צייטען פון באנייאונג ניט

דורך פיליסטערס און ניט דורך מענטשען, וואס זיינען קינדער פון זייער צייט, און בכן אויך ניט, מחמת ס'איז דיזעלביגע זאך — דורך די געזעלשאפטליכע פראצעסן, — נאר דורך איינזאמע, איזאלירטע יחידים. איזאלירטע זיינען זיי טאקע דערפאר, ווייל מיט זיי און אין זיי האט זיך דאס פאלק און די געמיינשאפט שטילערהייד פארבארגען.

בלי ספק גלויבען די מארקסיסטען, אז ווען די אויבערשטע און די אונטערשטע זייט פון אונזער ירידה — די קאפיטאליסטישע פראדוקציע און די מלוכה — וואלטען ביידע געווען אויף איין זייט און וואלטען זיך פארבונדען אינאיינעם, דאן וואלט דער פראגרעס דער גרייכט זיין ציל און ס'וואלט זיך שוין פארווירקליכט די גערעכטיגקייט און די גלייכהייט. און באמת, זייער גרויסארטיגע ווירטשאפט־ליכע מלוכה, אלץ איינס צו זי ווערט פארגעשטעלט אלס די נאנטסטע נאכפאלגערין פון די איצטיגע מלוכות, אדער — אלס די נייע וועלט־מלוכה, האט דאך טאקע א רעפובליקאניש־דעמאקראטישע פארם און זיי גלויבען ערנסט, אז די פונקציעס פון אזא מלוכה וואלטען גע־בראכט גליק פאר די אלע אומבאדייטענדע יחידים'לאך, פון וועלכע זי וואלט באשטאנען. מיר מוזען אבער לאכען און לאכען אן א סוף איבער דער נישטיגסטער פון אלע פיליסטערישע פאנטאזיעס. באמת, נאר א פראדוקט פון דער אומגעשטערטער מעכאנישער אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם און ניט קיין אנדער זאך קען אננעמען די פארם פון דער דאזיגער קליינבירגערליכער אוטאפיע. מיר ווילען זיך ניט אפ־שטעלען לענגער ביים דאזיגען פערפעקטען אידעאל פון דער תקופה פון אומקולטור, אין וועלכער ס'פעלען לגמרי פערזענליכקייטען, מיר ווילען זיך ניט פארנעמען מער מיט דער דאזיגער האמונקולוס־מלוכה. מיר ווילען טאקע זעהן, אז די אמת'ע קולטור איז ניט קיין פוסטע, נאר א פולע זאך, אז די אמת'ע געזעלשאפט איז א פערשידענ־ארטיגקייט פון אמת'ע קליינע צוזאמענגעבונדענע גרופעס, וואס וואקסען ארויס פון דער פארבונדענער אייגענשאפט פון די יחידים, פון דעם גייסט, א בנין פון געמיינדעס און אחדות. דער „סאציאליזם" פון די מארקסיסטען איז א ריזיגער קראפ, וואס

דארף זיך אנטוויקלען פון זיך אליין. לאמיר זיך ניט שרעקען: מיר וועלען תיכף זעהן, אז ער וועט זיך ניט אנטוויקלען. אונזער סאָ־ציאליזם מוז אבער אויסוואקסען אין די הערצער, ער וויל, אז די הערצער פון די מענטשען, וואס זיינען באשאפען איינער פאר׳ן אנ־דערען, זאלען זיך צוזאמענוואקסען אלץ העכער אין דעם גייסט אריין. די אלטערנאטיווע איז ניט: האמונקולוס־סאציאליזם אדער גייסטי־גער סאציאליזם. מיר וועלען באלד זעהן, אז אויב די מאסען וועט־לען פאלגען די מארקסיסטען אדער אפילו — די רעוויזיאניסטען, וועט־לען מיר בלייבען ביים קאפיטאליזם. וועלכער האט פאר קיין פאל ניט א טענדענץ זיך צו פארוואנדלען פלוצלינג אין א „סאציאליזם״ פון די מארקסיסטען אדער — זיך צו אנטוויקלען צום אזוי גערופענעם סאציאליזם פון די רעוויזיאניסטען, וועלכען מ׳רופט אמאל מיט א שע־מעוודיגען טאָן מיט׳ן נאמען סאציאליזם. די ירידה, אין אונזער פאל — דער קאפיטאליזם, האט אין אונזער צייט פונקט אזוי פיל לע־בענס־כחות, ווי ס׳האט אין אנדערע צייטען די קולטור און דער גע־הויבענער מצב. ירידה באדייט לגמרי ניט: א געפאלענקייט און א נטיה אויפצוריכטען זיך אדער א פלוצלינגער שנוי. די ירידה, די תקופה, אין וועלכער ס׳זינקט דער מענטש, אין וועלכער ס׳איז ניטא קיין פאלק, קיין גייסט, קען זיך ציהען במשך פון הונדערטער און טויזענ־טער יארען. די ירידה, בנוגע צו אונזער צייט — דער קאפיטאליזם, האט אין אונזער תקופה פונקט אזוי פיל לעבענס־כוחות, וויפיל ס׳פעלט היינט דער קולטור און דער דערהויבונג. זי פארמאגט פונקט אזוי פיל קראפט און ענערגיע, וויפיל ס׳פעלט אונז קראפט און ענערגיע פאר׳ן סאציאליזם. די ברירה, פאר וועלכער מיר שטעהען, הייסט אונז ניט אויסצוקלייבען די אדער יענער פארם פון סאציאליזם, נאר פשוט: קאפיטאליזם אדער סאציאליזם, מלוכה אדער געזעל־שאפט, אומגייסט אדער גייסט. די לערע פון מארקסיזם פירט ניט ארויס פון קאפיטאליזם, און אויך די לערע, לויט וועלכער דער קאפיטאליזם וועט זיין ביכולת זיך ארויסצושלעפען פון דעם אייגענעם זומפּ מיט דער הילף פון דער אייגענער אנטוויקלונג, איז פאלש.

מיר וועלען שפעטער דארפען נאך דייטליכער באווייזען, ווי פאלש די דאזיגע לערע איז: דער קאפיטאליזם האט ניט קיין אימאַ־נענטע טענדענץ, צו אנטוויקלען זיך צו א וועלכער ס'איז פארם פון סאָ־ציאַליזם — לאמיר אויך דאס, וואס די מארקסיסטען רופען אין זייער ענדציל מיט א פאלשען ווארט, אנרופען איין מאל סאציאַליזם, אבי נאר פטור צו ווערען פון דער פארזועהעניש. דער קאפיטאליזם אנטוויקעלט זיך ניט צום דאזיגען און ניט צו קיין אנדערען סאציאַליזם. כדי דאס צו באווייזען מוזען מיר פארענטפערען עטליכע פראגעס.

לאמיר בכן פרעגען: צו זעהט דען באמת אויס די געזעלשאפט אקוראט אזוי, ווי די מארקסיסטען שילדערען? וועט זי זיך אנטוויקלען כך וכך? זיך מוזען אזוי אנטוויקלען? אדער נאר אפשר אויף אזא אופן אנטוויקלען זיך? איז עס אמת, אז די קאפיטאליסטען פרעסען אויף איינער דעם אנדערען, ווי די דרייסיג געגנז אין געגנזען־שטייגעל: לכתחילה האט מען צושניטען איין גאנז און זי געמאכט פאר א שפייז פאר די איבעריגע ניין און צוואנציג, אויפ'ן צווייטען טאג האבען אכט און צוואנציג, ווידער אויפגעפרעסען א חבר'טע און אזוי איז כלומרשט געגאנגען ווייטער און ווייטער. דער דאזיגער באריכט הויבט זיך אָן ווי אן אמת'ע אנטוויקלונגס־לערע, ווי א באמת גלויבליכע זאך און הגם אין דער מעשה געהט אלץ כשורה ווייטער, קומט מען צום סוף צו אן אומגלויבליכער און וואונדערליכער זאך, אז לסוף האט איין איינציגע גוט־אפגעפאשעטע ריזיגע גאנז אקומולירט און קאָנצענ־טרירט אין זיך אלע דרייסיג געגנז. איז עס אן אמת? אדער איז עס אפשר בלויז א — „קאַטשקע"! איז עס אמת, אז ס'פארשווינדען די מיטעלשיכטען, אז די פראלעטאריזירונג פארגרעסערט זיך גיך און אָן אויסנאם און אז מ'קען זעהן דעם סוף דערפון? אז די ארבייטסלאזיג־קייט שטייגט און אז מחמת דער אנטוויקלונג קען דער מצב קיין קיום ניט האבען? האט דאס אלץ באמת אזא גייסטיגע ווירקונג אויף די באזיצלאזע, אז זיי מוזען מאכען אן אויפשטאנד, א רעוואלוציע? איז עס סוף כל סוף אן אמת'ע זאך, אז די קריזיסען ווערען אלץ גרעסער און דער חורבן, וועלכען זיי ברענגען מיט זיך, ווערט אלץ שטארקער? אז די כוחות פון דער פראדוקציע אין קאפיטאליזם מוזען איבערוואקסען דעם קאפיטא־

ליזם גופא און אריינוואקסען אין דעם אזוי געראפענעם סאציאליזם אריין ?
עס אלץ אמת ? ווי האלט עס אין דער ווירקליכקייט מיט׳ן גאנצען קאמפלעקס פון אנשויאונגען׳ התראות׳ דראהונגען און נבואות ?

דאס זיינען די שאלות׳ וועלכע מיר מוזען איצט שטעלען׳ וועלכע מיר האבען שוין פון תמיד געשטעלט׳ מיר׳ וואס הייסען אנארכיסטען פון דעם מאמענט אָן׳ ווען ס׳האט אנגעהויבען עקסיסטירען א מארקסיזם׳ מחמת שוין א לאנגע צייט פריהער׳ איידער ס׳איז נאך געווען א מארקסיזם׳ האט עקסיסטירט אן אֶמת׳ער סאציאליזם׳ האט קודם כל עקסיסטירט דער סאציאליזם פון גרעסטען סאציאליסט פיער זשאזעף פרודאן׳ אויף דעם דאזיגען סאציאליזם איז שפעטער אויס־געוואקסען דער מארקסיזם ווי ווילדע גראז׳ מיר אבער אנטפלעקען אים אויפ׳סניי פאר דער ליכטיגער וועלט׳ דאס זיינען אונזערע פראַ־געס און דאס זיינען אויך די פראגעס׳ וואס שטעלען די רעוויזיאניסטען פון א גאנץ אנדערען שטאנד־פונקט — מיר וועלען נאך זעהן פון וועלכען אונזער באשרייבונג פון מארקסיזם האבען מיר שוין אין פאר־שידענע ערטער אין קורצע ווערטער בארירט די דאזיגע שאלות׳ אבער נאר דעמאלט׳ ווען מיר וועלען זיי גענוי פארענטפערען׳ וועלען מיר אנצייכענען דעם אמת׳ן בילד פון אונזערע פארהעלטנישען און דעם גאנג׳ וועלכען ס׳האט אנגענומען ביז אהער דער קאפיטאליזם׳ דער הויפט נאך דעם׳ ווי ס׳איז ערשינען דער „קאמוניסטישער מאניפעסט״ און דער „קאפיטאל״׳ אנטקעגען דער אידעאלאגישער פאראלגעמיי־נערונג אין גייסט פון דער צייט און דער דיאלעקטישער קאריקאטור פון מארקסיזם׳ וועלען מיר קענען געהען ווייטער׳ וועלען מיר קענען זאגען׳ וואס ס׳איז אונזער סאציאליזם און אונזער וועג צום סאציאליזם׳ ס׳מוז אבער דא גלייך געזאגט ווערען׳ זאלען עס הערען די מארקסיס־טען׳ כל־זמן ס׳הענגט נאך אין דער לופט דער נעפעלדיגער וואלקען פון זייער פיליסטערישער פראגראם: דער סאציאליזם הענגט ניט אפ אין זיין מעגליכקייט פארווירקליכט צו ווערען פון וועלכער ס׳איז פארם פון דער טעכניק אדער פון דער פארם צו באפרידיגען די עקאנאמישע באדערפענישען׳ דער סאציאליזם איז מעגליך אין אלע צייטען׳ אויב א געניגענדע צאל מענטשען וויל אים׳ ער וועט זיך נאר בייטען אין

3033 -110

אויסזעהען׳ אין דער פארם פון זיין התחלה און פון זיין ווייטערדיגען גאנג לויט דעם מצב פון דער טעכניק און לויט דער טעכניק׳ וואס שטעהט אין זיין רשות׳ ד׳ ה׳ לויט דער צאל מענטשען׳ וואס הויבען אים אָן צו פארווירקליכען און געוויס אויך לויט די מיטלען׳ וועלכע זיי ברייגגען מיט זיך אדער וועלכע זיי זיינען בכוח צו באקומען בירושה פון עבר — מיט גארניט קען מען קיין זאך ניט אנהויבען׳ מהאי טעמא איז דא פריהער געזאגט געווארען: דא ווערט ניט געגעבען קיין שילדערונג פון אן אידעאל׳ קיין באשרייבונג פון אן אוטאפיע׳ מיר מוזען ראשית זעהען׳ מיר מוזען זעהען עס נאך בולט׳ער׳ ווי ס׳קוקען אויס אונזערע פארהעלטנישען און דער גייסטיגער מצב׳ דעמאלט ערשט וועלען מיר קענען זאגען׳ צו וועלכען סאציאליזם מיר רופען׳ צו וועלכע מענטשען מיר ווענדען זיך׳ הערט איר מארקסיסטען: דער סאציאליזם איז מעגליך אין אלע צייטען און ביי יעטוועדער טעכניק; און ער איז אין אלע צייטען און ביי יעדער טעכניק אוממעגליך׳ ער איז אין אלע צייטען׳ אויך ביי א גאנץ פרימיטיווע טעכניק מעגליך פאר די רעכטע מענטשען; און ער איז אין אלע צייטען׳ אויך ביי א פרעכטיג אנטוויקעלטער מאשינען־טעכניק אוממעגליך פאר די אומרעכטע מענטשען׳ מיר ווייסען ניט פון קיין אנטוויקלונג׳ וועלכע מוז אים ברייגגען מיט זיך׳ מיר ווייסען ניט פון קיין ענליכען הכרח פון א נאטור־געזעץ׳ איצט וועלען מיר בכן וויזען׳ אז אט די דאזיגע צייטען אונזערע׳ אז אונזער קאפיטאליזם׳ וואס האט אויסגעוואקסען ביז צום מארקסיזם׳ זעהען בשום אופן ניט אויס אזוי׳ ווי מ׳האט אונז איינגעשמועסט׳ דער קאפיטאליזם מוז ניט פלוצלינג אריבערגעהען אין סאציאליזם׳ ער מוז ניט אונטערגעהען און דער סאציאליזם מוז ניט קומען׳ אויך דער קאפיטאליסטיש־פראלעטארישער מלוכה־סאציאליזם פון די מארקסיסטען מוז ניט קומען׳ און מ׳דארף דאס גארניט באדויערען׳ אבער ס׳מוז ערשט באוויזען ווערען׳ אז ס׳איז בכלל ניטא קיין „מוז״׳ אז וועלכער ס׳איז סאציאליזם וועט קומען׳

ס׳מוז אבער אויך באוויזען ווערען׳ אז דער סאציאליזם קען קומען און דארף קומען׳ אויב מיר וועלען אים וועלען׳ אויב מיר וועלען אים באשאפען׳

V

די מארקסיסטישע טעזיסען זיינען פאלגענדע:

1) די קאפיטאליסטישע קאנצענטראציע אין דער אינדוסטריע, אין האנדעל, אין דעם געלט און קרעדיט־געשעפט איז א פארשטופע, איז די התחלה פון סאציאליזם.

2) די צאל פון די קאפיטאליסטישע אונטערנעמער—אדער לפחות פון די קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגען — ווערט אלץ קלענער; די גרויס פון די איינצעלנע אונטערנעמונגען וואקסט אלץ מער; דער מיטעלשטאנד דארט און איז פארמשפט צום אונטערגאנג; די צאל פון די פראלעטאריער וואקסט אָן א שיעור.

3) די צאל פון די דאזיגע פראלעטאריזירטע מענטשען איז תמיד אזוי גרויס, אז ס׳וועלען שטענדיג מוזען זיין צווישען זיי אר־בייטסלאזע; די דאזיגע אינדוסטריעלע רעזערוו־ארמעי מאכט א דרוק אויף די לעבענס־פארהעלטנישען; די איבערפראדוקציע אנטשטעהט דורך דעם, וואס ס׳ווערט מער פראדוצירט, וויפיל ס׳קען ווע־רען פארברויכט. בכן זיינען די עקאנאמישע קריזיסען אומפארמיידליך.

4) סוף כל סוף וועלען ווערען אזוי אנגעשפאנט די באציהונגען צווי־שען דער געוואלדיגער עשירות פון דעם מיעוט און דער נויט און אומזיכערקייט פונ׳ם רוב, ס׳וועט אנטשטעהען אזא מוראדיגער קריזיס און די אומצופרידענקייט פון די ארבייטער־מאסען וועט אזוי וואקסען, אז די קאטאסטראפע וועט מוזען קומען, ד. ה. — די רעוואלוציע, און במשך פון איר וועט דאס קאפיטאליסטישע איי־גענטום קענען און מוזען פארוואנדעלט ווערען אין א געזעל־שאפטליכען אייגענטום.

די דאזיגע הויפט־עיקרים פון מארקסיזם זיינען שטארק קריטיקירט געווארען פון אנארכיסטישע, בירגערליכע און אין דער לעצטער צייט דער עיקר דורך רעוויזיאניסטישע פארשער. צו ס׳גפעלעט אדער ניט, אבער קיין ערליכער מענטש קען ניט לייקענען, אז די רעזולטאטען פון דער קריטיק, וועלכע מיר וועלען דא ברענגען, האבען א ממשות.

מ׳טאר בכלל קיינמאל ניט ריידן וועגן קאפיטאליסטישע אונטער־נעמער באופן פון א השערה, אז די עקסיסטענץ פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט הענגט באזונדערס שטארק אפּ פון דער צאל פון די דאזיגע אונטערנעמער. מ׳דארף אדרבה ריידן פון די אלע, וואס זיינען פאראינטערעסירט אינ׳ם קיום פון קאפיטאליזם, ווען ס׳געהט לערך גוט און וועלכע פיהלען זיך זיכער אין דער קאפיטאליסטישער ארדענונג בנוגע צו זייער פרנסה. מ׳דארף ריידן פון אזעלכע, וואס זיינען אויך אין זייערע מיינונגען און שטרעבונגען אפהענגיג פון קאפיטאליזם און פאראינטערעסירט אין אים, אויף ווי ווייט זיי זיינען ניט קיין אויסנאם־מענטשען, נאר דורכשניט־מענטשען, אלץ איינס צי זיי זיינען זעלבסטשטענדיגע אונטערנעמער, גוט באצאלטע אגענטען, העכערע באאמטע און אנגעשטעלטע, אק־ציאנערען, רענטיעס וכדומה. און דא לאזט זיך גאר פעסטשטעלען אויפ׳ן סמך פון דער שטייער־סטאטיסטיק און אנדערע פארשונגען, וועלכע פארדינען צוטרוי, אז די צאל פון די דאזיגע פערזאנען האט זיך ניט פארקלענערט, נאר, אדרבה, נאך א ביסעל פארגרעסערט אין אן אבסאליוטען און רעלאטיווען ערך.

אויף דעם דאזיגען געביט מוז מען זיך באזונדערס אפהיטען פון לאזען זיך פארפירען דורך שטימונגען און וועלען פאראלגעמיי־נערען די רעזולטאטען פון קליינע פערזענליכע ערפארונגען און באטראכטונגען פון איינצעלנע טיילען פון ערשיינונגען. דאס קען זעהן געוויס יעדער מענטש, אז די קליינע און מיטעלע קרעמער מוזען אפטרעטען זייער פלאץ פאר די גרויסע געשעפטען און אין אנדערע ערטער — אויך פאר די קאנסום־פאראיינען. דא האנדעלט זיך ניט נאר בלויז וועגן יענע קרעמער, וואס געהען אונטער און מוזען שליסען די געשעפטען, נאר — נאך מער וועגן די, וואס האבען ניט דעם מוט און די מיטלען צו ווערען זעלבסטשטענדיגע בעלי־בתים. די פראגע איז נאר, וואוהין דארף מען אריינרעכענען דעם גרעסטען טייל פון די דאזיגע אומזעלבסטשטענדיגע עקסיסטענצען; צו זיינען זיי, מיט אנדערע ווערטער, פראלעטאריער? וועגען דעם וועלען מיר ריידען שפעטער, ווען מיר וועלען אנאליזירען, וואס מ׳דארף בכלל

פארשטעהן אונטער׳ן באגריף פראלעטאריער׳ ניט קוקענדיג אויף אלע פערזענליכע מיינונגען און באטראכטונגען פון פרטים׳ וואס טראגען א דילעטאנטישען כאראקטער׳ קען מען ניט אפלייקענען׳ אז די צאל פון די׳ וואס זיינען פאראינטערעסירט אינ׳ם קאפיטאליזם׳ ווערט ניט קלענער׳ נאר אפילו גרעסער׳

וואס איז נוגע צו דער צאל פון די קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגען׳ פון פאבריקען׳ קען מען יא מודה זיין׳ אז זי פארקלענערט זיך׳ מ׳מוז אבער מוסיף זין׳ אז די דאזיגע פארקלענערונג פון דער צאל איז בכלל א לאנגזאמע און אומבאדייטענדע און ווייזט לגמרי ניט ארויס קיין טענדענץ פון א שנעלער פראגרעסיע׳ מ׳וואלט אויפ׳ן סוף פון קאפיטאליזם ניט געקענט דערווארטען זיך אפילו אין טויזענטער יאר ארום׳ אויב ער וואלט זיין אפהענגיג פון דער דאזיגער ערשיינונג׳

די פראגע פונ׳ם נייעם מיטעלשטאנד איז שוין א סך באהאנדעלט געווארען׳ ס׳איז אבער ניט מעגליך צו פארלייקענען׳ אז ער עקסיסטירט׳ ס׳איז דאך טאקע פון קיין זאך ניט געדרונגען׳ אז מ׳דארף פארשטעהען אונטער דעם באגריף מיטעלשטאנד בלויז זעלבסטשטענדיגע בעלי־מלאכות׳ סוחרים׳ קלענערע פויערים און רענטיעס׳

די פראגע: ווער געהערט צום מיטעלשטאנד? קענען מיר פארבינדען מיט דער אנדערער פראגע: ווער איז א פראלעטאריער? די מארקסיסטען ווילען שטארק פארבלייבען ביי דער אלטער תשובה און זיי האלטען זיך אָן דאס אלטע מיט אלע כוחות׳ אזוי ווי דאס וואלט געווען באמת דער לעצטער רעטונגס־מיטעל׳ זיי טענה׳ן: צום פארמעגליכען קלאס געהערען בלויז אומאפהענגיגע מענטשען׳ וועלכע באזיצען זייערע ארבייטס־מיטלען און האבען אין זייער רשות אן אייגענע קונדשאפט; א פראלעטאריער איז יעדערער׳ וואס באזיצט ניט קיין ארבייטס־מיטלען און האט ניט קיין זעלבסטשטענדיגע באציהונגען מיט זיינע קונדען׳ ביי דער דאזיגער ערקלערונג קען מען זיך שוין מער ניט האלטען: זי פירט צו גאנץ משונה׳דיג קאמישע אויספירען׳ איך האב מיט יארען צוריק דעבאטירט מיט קלארא צעטקין וועגען דער דאזיגער פראגע אין אן עפענטליכער פארזאמלונג׳ וואס איז פארגעקומען אין איינעם פון די גרעסטע בערלינער לאקאלען׳

און כ׳האב איר געפרעגט א שאלה: דער בעל־הבית פונ׳ם דאזיגן לאקאל איז מסתמא, ווי ס׳רוב באזיצער פון אזעלכע ביר־לאקא־לען, פולקאם אפהענגיג פון דער ברויעריי, וואס שטעלט אים צו דאס ביר; די דאזיגע ברויעריי האט היפאטעקען אויף זיין הויז; ער איז זיך מתחיב אויף א סך יארען צו פארקויפען נאר איר ביר; די טישען, די שטולען, די גלעזער זיינען אן אייגענטום פון דער ברויעריי; זיין הכנסה באטרעפט יערליך אן ערך פון 30-50 טויזענט מארק. אין דער היינטיגער קאפיטאליסטישער צייט זיינען אנטשטאנען אזעלכע פרנסות, וועלכע לאזען זיך ניט אריינגעמען אין די אנגענומענע פארמולעס. ער איז ניט קיין אנגעשטעלטער, ער איז ניט קיין אגענט. ער איז זעלבסטשטענדיג, אבער ער איז ניט פריי. ער איז ניט קיין בעל־הבית איבער זיינע ארבייטס־מיטלען: צו איז ער א פראלעטאריער? — ניט יעדערער וועט עס וועלען גלויבען, אבער ס׳איז א מעשה שהיה, אז כ׳האב באקומען פון איר א תשובה: א יא, ער איז א פראלעטאריער. ס׳שפילט על כן קיין ראליע ניט, ווי דער בעל־דבר לעבט און וואס פאר א געזעלשאפטליכע שטעלונג ער פארנעמט, נאר בלויז — צו האט ער אייגענע פראדוקציאנס־מיטלען און א געזיכערטע עקסיסטענץ. און אט ביי דעם מענטשען, וועלכער האט ניט קיין אייגענע ארבייטס־מיטלען, איז דאך די עקסיסטענץ כלומרשט לגמרי אן אומזיכערע ובכן איז ער א פראלעטאריער.

איך האב דעמאלט זיך ערלויבט צו זאגען גאנץ פשוט און בעצם ניט אין קיין וויסענשאפטליכער שפראך, אז א פראלעטאריער איז דער, וואס פירט א פראלעטארישען ארט לעבען, ס׳זיינען דא נאטירליך כל־ערליי מדרגות פון דעם גרעסטען דלות דורך א לעבען, וואס האלט זיך תמיד ביים גרעניץ פון אן עקסיסטענץ־מינימום, ביז צום ארבייטער, וואס קען לעבען ווי ס׳איז מיט זיין פאמיליע, וואס קומט איבער בשלום אויף די צייטען פון ארבייטסלאזיגקייט; בכלל אבער פארקירצט ער, ניט וויסענדיג עס קלאר, זיין לעבען אדער לפחות זיין לעבענס־קראפט דורך אן אומגעניגענדע ערנערונג, ער פארקירצט די לעבענס־קראפט פון זיינע קינדער און דערשלאָגט זיך קיינמאל ניט צום קלייגעם עודף פון דער הכנסה, אָן וועלכען

ס׳איז ניט מעגליך צו האבען א חלק אין דער הנאה דורך קונסט־שענקייט, דורך א פרייער פרייד, אזוי פארשטעהט די גאנצע וועלט דעם ווארט פראלעטאריער און אזוי פארשטעהען אים אויך מיר, אבער נאך מער: אזוי און ניט אנדערש פארשטעהען עס אין דער אמת׳ן אויך די מארקסיסטען און קענען דאך גאר בכלל ניט פארשטעהען אנדערש: בלויז אט די דאזיגע פראלעטאריער און נאר זיי זיינען ניט פאראינטערעסירט אין קאפיטאליזם און דארפען א שינוי פון דעם מצב (אויב זיי באטראכטען זייערע אינטערעסען פונ׳ם שטאנדפונקט פונ׳ם גאנצען כלל), בלויז בנוגע צו די דאזיגע פראלעטאריער האט געקענט געזאגט ווערען דאס ווארט, אז זיי האבען גארניט וואס אנצוווערען אויסער זייערע קייטען, אבער זיי קענען געווינען א גאנצע וועלט!

אפילו אין די אויבערשטע שיכטען פון דער ארבייטערשאפט זיינען שוין דא פראפעסיעס, וועלכע געהערען מער ניט בלויז צום פראלעטאריאט. עטליכע קאטעגאריעס פון ארבייטער אין דעם גראפישען פאך, עטליכע בוי־האנטווערקער וואלטען מיר געמוזט דאך נאך צורעכענען צו די פראלעטאריער, ניט קוקענדיג אויף זייערע לפי ערך הויכע שכירות און א גוטע ארבייטס־צייט, מחמת דער אומזיכערקייט אין זייער מצב און בכן — דער סכנה פון ארבייטסלאזיגקייט, וואס באדראהט זיי תמיד, אויב זיי וואלטען ניט געזארגט איבערצוקומען אויך די דאזיגע צייטען מיט דער הילף פון זייערע קאסעס און פראפעסיאנעלע פאראיינען. דעם נוצען פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען פאר א לעבענס־פארזארגונג אין דער קאפיטאליסטישער ארדענונג איז, אגב אורחא, גאר אוממעגליך אפצושאצען, דאך קען מען מסכים זיין, אז דאס איז א שיכט, וועלכע געפינט זיך אויף א גרעניץ, און צוליב דער סכנה, וועלכע שוועבט איבער איר אין פאלען פון אן אומגליק, אינוואַלידיטעט און עלטער, פון וועלכע זיי זיינען ניט גענוג געזיכערט, קען מען זיי דאך צורעכענען צום פראלעטאריאט.

אנטקעגען דעם איז אבער נויטיג צו זאגען, אז ס׳זיינען פאראן מענטשען אויך אין אנדערע שיכטען, וואס לעבען אין

א ביטערען דלות, אבער זיי קען מען ניט אנרופען פראלעטאריער. אהערצו געהערען ארימע שריפטשטעלער און קינסטלער, דאקטוירים, אפיצירען וכד׳; ביי דער שווערסטער נויט האבען זיי אליין אדער דורך דער הילף פון די עלטערען ערווארבען זיך א פארם פון קולטור, וואס באשיצט זיי אפט ניט פון אזא מצב, בעת וועלכען ס׳קומט אויס צו הונגערען, אדער צו עסען „לחם עניים״ אדער אנצוקומען צו א פאלקס־קיך. אבער דער חילוק צווישען זיי און די פראלעטאריער ליגט אין זייערע אויסערליכע לעבענס־געוואוינ־הייטען, אין זייער אינעוועניגסטער עשירות. זיי מעגען זיין יחידים אדער פאראייניגטע אין א גרופע, אדער ציגיינער — נאר זיי שטעלען פאר מיט זיך א קליינעם קלאס, וואס וואקסט, דוכט זיך, אין צאל נאך גיכער, ווי דער פראלעטאריאט. אייניגע פון זיי זיינען ניט זעלטען אראפגעזונקען ביז צו דער אונטערשטער שיכט פון פראלעטאריאט, ווי נאר זיי האבען פארלארען זייער אינעוועניגסטע אחיזה: זיי ווערען דאן גאס־מענטשען, באזוכער פון די נאכט־הייזער, סוטעניארען, אוואנטיוריסטען אדער געוואוינען זיך צו פארברעכענס.

צווישען די ברייטע שיכטען פון די, וועלכע זיינען אין א וועלכער ס׳איז פארם אפהענגיגע מענטשען, געפינען זיך א סך וואס זיינען בשום אופן קיין פראלעטאריער ניט. ס׳איז אבער קיין ספק ניט, אז צווישען די האנדעלס־אנגעשטעלטע, למשל, געפינען זיך ניט ווייניג אזעלכע, וואס אונטערשיידען זיך באמת פון א פראלעטאריער ניט נאר אויסערליך, נאר אויך אינערליך. דאס זעלביגע איז אויך ריכטיג בנוגע צו א סך צייכנער, טעכניקער וכדומה. די נידעריגע באאמטע בילדען ווידער א באזונדערע שיכט פאר זיך; זיי דארף מען אין תוך גיכער אנרופען שקלאפען און ניט פראלעטאריער. ס׳בלייבט ניט פעסטגעשטעלט, צו וועלכען קלאס ס׳געהערען די פארטיי־באאמטע און די אנגעשטעלטע אין די פראפעסיאנעלע פאראיינען; זיי שפילען א שטארקערע ראליע מיט זייער איינפלוס, ווי מיט זייער צאל.

דערפאר איז אבער דא א גרויסע צאל, וואס וואקסט טאקע, פון אזעלכע, וואס בילדען בלי ספק א נייעם מיטעלשטאנד.

אויף וויפיל זיי געהערען ניט צו די רייכע. צו דער שיכט דארף מען צורעכענען די האנדעלס־אנגעשטעלטע, פארוואלטערס פון פיליאלען און אפטיילונגען, דירעקטארען און הויפט־דירעקטארען, אינזשינערען און אויבער־אינזשינערען, אגענטען, פארטרעטער. זיי אלע באטייליגען זיך אויף אזא מין אופן אין קאפיטאליזם, אז מ׳קען לגמרי פארלירען די האפענונג אויף זייער פראלעטאריזירונג, אלס פועל־יוצא פון זייער מאטעריעלען מצב און פון די איבער־צייגונגען, וועלכע זיינען פון אים אפהענגיג. אבער דוקא זיי באהאנדעלט דער מארקסיזם פראסט פשוט אלס פראלעטאריער. ס׳איז דאך אבער א זאך, וואס מ׳זעהט קלאר, אז ס׳געפינען זיך אויסנאם־מענטשען, אדער א סך מענטשען אין א באשטימטען מצב, וואס מ׳קען וועגען זיי בכלל ניט זאגען, אז זייערע איבערצייגונגען און דער ווילען האבען א דירעקטע מעכאנישע שייכות צו זייער אויסערליכער לאגע. גראד דאס אבער ווערט פון מארקסיזם געלאזען בכלל אָן אכט און ס׳מוז איצט ווידער דורך אונז באַטאנט ווערען.

ס׳דאכט זיך על כן שוין איצט, אז ס׳האלט שלעכט מיט די נביאות פון די מארקסיסטען, און דאך קען מען זאגען, אז זיי זיינען געווען אמאל אזוי אמת, ווי ס׳קען נאר זיין אמת א נביאיש ווארט. בעת קארל מארקס האט בשעתו אויפ׳ן יסוד פון זיין אנאליז פונ׳ם קאפיטאליזם, וועלכער איז נאך געווען גאר יונג, צוזאמענגעפאסט און ארויסגעזאגט זיינע געדאנקען, איז ער נאך געווען און אמת׳ער נביא, הגם ער פלעגט נאר אין א זעלטענער רגע פון התלהבות באקומען די אמת׳ע שפראך פון א נביא און פון א דיכטער, דאס רוב אבער — די וויסענשאפטליכע שפראך און ניט זעלטען די שפראך פון א וויסענשאפטליכען פלפול. דאס באדייט אבער, אז ער איז געווען איינער פון די, וואס זיינען מתרה, ער האט פארויסגעזאגט די צוקונפט, וועלכע וועט מוזען קומען, אויב ס׳וועט בלייבען אויף להבא דאס, וואס ער האט געזעהן פאר זיינע אויגען, און נאך אויף אזוי ווייט איז ער גע־ווען אן אמת׳ער נביא, איינער פון די, וואס זיינען ניט בלויז

מענטשען, וועלכע ווארענען נאר — פון די אנשי־מעשה, אז ער האט באדייטענד מיטגעהאלפען דערצו, אז ס'זאל ניט בלייבען דאס, וואס ער האט געזעהן מיט זיינע אויגען, אז זיינע התראות האבען געהאט א פעולה און די צוקונפט זעהט אויס אנדערש. זיינע רייד האבען געזאגט (הגם ער אליין האט זיי ניט אזוי פארשטאנען): הערט, קאפיטאליסטען, אויב ס'וועט צווישען אייך גופא כסדר ווייטער אנגעהען די צובושעוועטע עקספלאטאציע, די שנעלע פראלעטאריזירונג, די ווילדע קאנקורענץ, אויב איר וועט ווייטער אויפפרעסען איינער דעם אנדערען און כסדר אראפּ־שטויסען די מענטשען אין א מצב פון פראלעטאריזירונג, אויב איר וועט אלץ שטארקער קאנצענטרירען די אונטערנעמונגען, פאַר־קלענערען זייער אלגעמיינע צאל און אלץ מער פארגרעסערען דעם מאסשטאב פון דער איינצעלנער אונטערנעמונג, — דעמאלט וועט קומען א באלדיגער סוף!

ס'איז אבער טאקע אזוי ווייט ניט אוועק. דער קאפיטאליזם האט באשאפען א פארשידענארטיגקייט פון די באדערפעגישען פון אזא ווייט פארצווייגטען מין, ער האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו באפרידיגען אזוי פיל באדערפעגישען דורך א טייערען, מיטעלען, ביליגען לוקסוס און דורך א שונד־לוקסוס, די גרויסע אינדוסטריעס האבען ארויסגערופען אין לעבען אזא באדארף אין די הילפס־אינדוסטריעס, אז קיין איין פארם פון דער טעכניק האט זיך ניט ארויסגעוויזען פאר איבעריג. ס'זיינען אנטשטאנען גאנץ נייע אופנים פון דער פראדוקציע, ווי למשל נייע הויז־ און דארף־אינדוסטריעס, נייע קליינע און מיטעלע אונטערנעמונגען, אפילו די צאל פון די „פעדלער” און דעטאל־וואיאזשארען האט זיך ניט פארקלענערט און אויב די ספעציעלע געשעפטען, די קליינע און מיטעלע קראמען זיינען אפילו ארויסגעשטויסען געווארען אויף עטליכע געביטען, האבען זיי אבער דערפאר געפונען נייע מעגליכקייטען אויף אנדערע געביטען.

אויך דער קאנקורענץ־קאמף איז בשום אופן ניט געווארען אלץ ערגער און ערגער, ווי מ'האט עס געדארפט ערווארטען לויט

דער מארקסיסטישער סכעמע אדער לויט דער פאעטיש־צובלאזענער פארצווייפלונג. מיר געפינען זיך נאך אין סאמע מיטען פון דער גרויסער באוועגונג צו בילדען טרעסטען און סינדיקאטען. הגם זי רויבט אוועק בלי ספק ביי אנדערע קליינע אונטערנעמונגען די קונד־שאפט און די עקסיסטענץ־מעגליכקייט, זארגט זי אויך דערפאר, אז א סך פון די מיטעלע, גרויסע און גאנץ גרויסע אונטערנעמונגען זאלען באגרייפען זייער געגענזייטיגען אינטערעס און זיך פאר־אייניגען געגען די קאנסומענטען, אנשטאט צו קעמפען אויף לעבען און טויט צווישען זיך צוליב דער קונדשאפט. און מיר זעהען אויך, ווי ס׳לערנען זיך אפ פון זיי די קליינע אונטערנעמונגען און בילדען זייערע פאראיינען און קאאפעראטיוועס, כדי צו קענען דערהאלטען זייער עקסיסטענץ. די פאראייניגונגען פון די זעלבסט־שטענדיגע סטאליארעס האבען זייערע גרויסע אויסשטעלונגס־מאגאזינען און קאנקורירען מיט דעם גרויסען אונטערנעמער; די קלענערע סוחרים פאראייניגען זיך לשם א געמיינזאמען איינקויף און כדי צו באשטימען איינהייטליכע מקחים. דער קאפיטאליזם בלייבט אומעטום ביי זיין פרישקייט. און אנשטאט צו פארוואנדלען זיינע פארמען אין סאציאליזם באנוצט ער להפך די באמת סאציאליסטישע פארם פון דער קאאפעראציע, פון דער געגענזיי־טיגקייט, פאר זיינע צוועקען — צו עקספלאטירען די קאנסומענטען און צו באשאפען א מאנאפאל איבער׳ן מארק.

מ׳האט אויך געזארגט דורך דער מלוכה־געזעצגעבונג אז דער קאפיטאליזם זאל דערהאלטען ווערען ביים לעבען געזונט און פריש אין די איינצעלנע לענדער. אזוי ווי די סינדיקאטען זארגען אין לאנד גופא, אז מ׳זאל פארמיידען דעם אנבאט פון סחורות אויף נידעריגע פרייזען און די שמוץ־קאנקורענץ, אזוי זארגט די צאל־פאליטיק, אז דער קאפיטאליזם פון איין לאנד זאל ניט גובר זיין דעם קאפיטאליזם פון אן אנדער לאנד. די נאציאנאלע געזעצ־געבונגען וועגען גרעניץ־אפצאלען און די אינטערנאציאנאלע אפמאכען האבען א טענדענץ אלץ מער צו זארגען פאר גלייכע באדינגונגען אויפ׳ן וועלט־מארק. אין סיסטעם פון א פרייען האנדעל

זיינען די באדינגונגען געווען גלייכע נאר למראית עין, ווייל ס'זיינען ניט גלייך געווען אין די איינצעלנע לענדער די באפעל־קערונגען, די שכירות, די ציוויליזאציעס, די טעכניק, די נאטור־באדינגונגען און די פרייזען און צאלען אויף די רוי־שטאפען, וואס זיינען געווען אין זייער רשות. די טענדענץ פון דער צאל־פאליטיק איז אויסצוגלייכן די פאקטישע אומגלייכע באדינגונגען דורך קינסטליכע רעגוליאטארען; דאס איז לעת־עתה די התחלה; דערווייל פירט מען זיך נאך בארבאריש אויף דעם דאזיגן געביט. יעדע מלוכה שטרעבט דערווייל אויסצונוצן איר מאכט. אבער מ'זעהט שוין קלאר, וואוהין ס'געהט די טענדענץ.

אגב האט אויך די מלוכה געשטרעבט אומעטום צו פארגלעטען מער אדער ווייניגער די שארפסטע חסרונות פון קאפיטא־ליזם. דאס רופט מען סאציאל־פאליטיק. ס'איז קיין ספק ניט, אז די געזעצען וועגען ארבייטער־שוץ האבען באשאפען גרויסע גא־ראנטיעס געגען די סאמע ווילדסטע פירות פון קאפיטאליזם, געגען דער עקספלאטאציע פון קינדער און מינדעריעריגע, אבער אויך אחוץ דעם איז דורך דער איינמישונג פון דער מלוכה, דורך רעגלאמענטירונגען און דורך דער זארג פאר'ן עתיד אויסגעבעסערט געווארען דער מצב פון די פראלעטאריער אין קאפיטאליזם און אזוי ארום — אויך דער מצב פון קאפיטאליזם גופא. די דאזיגע ווירקונג האבען משמעות געהאט אויך די געזעצען וועגען דער ארבייטער־פארזיכערונג, בעיקר די פארזיכערונג דורך די קראנ־קען־קאסעס.

אבער נאך וויכטיגער פאר'ן קאפיטאליזם, ווי די דאזיגע פאקטישע ווירקונגען, זיינען געווען די מאראלישע פאלגען פון דער דאזיגער געזעצגעבונג. זי האט אפגעשאפט דעם חילוק צווישען דער מלוכה פון דער צוקונפט און פון דער היינטיגער מלוכה ניט בלויז פאר די פראלעטאריער, נאר אויך פאר די פאליטיקער. א נייע ספערע פון מאכט האט זיך אויסגעקעמפט די מלוכה פאר זיך און פאר דער פאליציי: די אינספעקציע איבער די פאבריקען, די פארמיטלונג צווישען ארבייטער און אונטערנעמער, די פארזארגונג

פון די קראנקע, זקנים, פון פראלעטאריער־אינוואלידען, דעם שוץ
ניט בלויז געגען די סכנות אין פאבריק, נאר אויך געגען די
געפארען פון דער אפהענגיגער און אומזיכערער לאגע. די פאטער־
ליכע האלטונג פון דער מלוכה, דער קינדערשער בטחון אין דער
מלוכה און אין איר געזעצגעבונג איז געווארען געשטארקט און
איז געשטיגען. די רעוואלוציאנערע שטימונג אין די מאסען און

אין די פאליטישע פארטייען איז בעצם אפגעשוואכט געווארען,
דיל פראלעטאריער גופא האבען אויך אנטוויקעלט דאס, וואס די אונ־

טערנעמער האבען געטאן דורך אן אייגענע איניציאטיוו און
וואס די מלוכה האט פארזארגט, ניט בלויז דורך זייער פאליטישער
מיטארבייט אין דער מלוכה׳שער געזעצגעבונג, נאר דורך די אינסטי־
טוציעס, וועלכע זיי האבען זיך געשאפען אין דער אייגענער סאלידא־
ריטעט. ניט בחנם האבען מארקס און ענגעלס תחילת גארניט גע־
וואלט וויסען פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען. זיי האבען געהאלטען
די פראפעסיאנעלע פאראיינען פאר אן אומנוציגע שעדליכע ירושה פון
דער צייט פון קליינבירגערטום. זיי האבען טאקע שוין דעמאלט גע־
שפירט, אז די סאלידאריטעט פון די ארבייטער אלס פראדוצענטען וועט
אמאל קענען שפילען א גרויסע ראליע לטובת דער פעסטקייט פון קיום
פונ׳ם קאפיטאליזם. אבער זיי האבען בשום אופן ניט געקענט פועל׳ן,
אז די ארבייטער זאלען זיך איינשמועסן, אז זיי זיינען כלומרשט אויס־
דערוועהלטע פון דער השגחה אלס די אויסלייזער און די פארווירקליכער
פון סאציאליזם. די ארבייטער האבען געקוקט אויף זיך, ווי אויף פשוטע
בשר ודם׳ס, וועלכע זיינען געצוואונגען אזוי צי אזוי „מאכען א לעבען״
אין קאפיטאליזם און וועלכע שטרעבען בכן דערצו אז דאס לעבען זאל
אויסזעהן ווי מעגליך בעסער. אט אזוי האבען זיך די ארבייטער בכן
געשיצט דורך הילפס־קאסעס געגען די ליידען פון ארבייטסלאזיגקייט,
פון וואנדערשאפט, פון קראנקהייטען, אפטמאל אויך געגען עלענד און
פלוצלינגע טויט־פאלען. אומעטום, וואו זיי קענען נאר האבען ערפאלג
געגען די ארבייטער־אינפארמאציאנס־ביוראען פון די אונטערנעמער
אדער פון די געמיינדעס אדער פון פריוואטע פארמיטלער פון שטעלעס,
זארגען די ארבייטער פאר א שנעלער ארבייטס־פארמיטלונג, וואס זאל

באַפרידיגען זייערע אינטערעסען. זיי האבען אנגעהויבען צו שאפען געזיכערטע באציהונגען צווישען אונטערנעמער און ארבייטער דורך טאריף־אפמאכען, וועלכע פארפליכטען ביידע צדדים אויף לענגערע טערמינען. די ווירקליכקייט און די פאדערונגען פון "היינט" האבען זיי באוועגט אין זייערע מעשים, קיין שום טעאריעס און פארטיי־פראַגראמען האבען זיי ניט געקענט אראפפירען פונ'ם דאזיגען וועג. די פארטיי־פראגראמען און די טעאריעס האבען אדרבה געמוזט נאכגעהען נאך די פאקטען, וועלכע ס'האט באשאפען די ווירקליכקייט פון די קאַפיטאליסטישע פארהעלטנישען פון דער ארבייט. כל־ערליי דאקטריניאַרען און אידעאליסטען פון פארשידענע לאגערען ווילען שטערען די ארבייטער צו זארגען פאר זייער ארימען און וויסטען "היינט" דורך געהעריגע מיטלען. אבער דאס קען נאטירליך ניט האבען קיין ערפאלג די ארבייטער־מאסען לאזען זיך גערן צוליב טאן אין אנגערופען ווערען: "דער רעוואלוציאנערער קלאס" אין ווערטער, וואס זיינען פול מיט חניפה און פארגעטערונג. אבער דאס מאכט זיי נאך ניט פאר רעוואָלוציאנערען, ס'זיינען נאר דעמאלט פאראן מאסען פון רעוואלוציאנערען בעת ס'איז דא א רעוואלוציע. איינער פון די ארגסטע טעות'ן פון די מארקסיסטען, צו זיי הייסען סאציאל־דעמאקראטען אדער אנאַרכיסטען, באשטעהט אין דער השערה: אז מ'קען כלומרשט קומען צו דער וואלוציע דורך רעוואלוציאנערען, בעת מ'קומט להפך דורך א רעוואָלוציע צו רעוואלוציאנערען. דאס וועלען באשאפען, פארמערען און אויפהאלטען אין א צוזאמענגעשלאסענער מחנה אין משך פון א פאר צענדליג יאר רעוואלוציאנערען פון דער סאמע רייִנסטער פראבע, כדי זיי צו האבען אמאל גרייט אין פאל פון א רעוואלוציע אין א געהעריגער צאל, איז אן עכט־דייטשע, קינדעריש־פעדאגאגישע המצאה, צו וועלכע ס'איז נאר מסוגל דאס קלאסישע לאנד פון דער שול־דיסציפלין. מ'דארף ניט זארגען וועגען רעוואלוציאנערען: זיי אנשטעהען שוין, זיי באשאפען זיך פון זיך אליין: ווען ס'קומט די רעוואלוציע! כדי אבער די רעוואלוציע, דאס וואס ס'גיט דעם לעבען א נייע געשטאלט, זאל קומען, מוזען געשאפען ווערען די נייע באדינגונגען, זיי ווערען אויפ'ן בעסטען אופן געשאפען דורך די פרייע, די "אביעקטיווע"

מענטשען, דורך די, וועלכע מ׳רופט אָן אָפּטימיסטען (הגם זיי מוזען עס כלל ניט זיין), דורך אזעלכע, וואס האלטען עס גארניט פאר זיכער, אז ס׳מוז קומען א רעוואלוציע. זיי זיינען טאקע אזוי אינטים דורכגע־דרונגען מיט דער נויטווענדיגקייט און גערעכטיגקייט פון זייער זאך, אז זיי באטראכטען די מניעות און שטערונגען גארניט אלס שטערונגען, וועלכע זיינען אומפארמיידליך און לאזען זיך ניט גובר זיין. זיי ווילען ניט די רעוואלוציע, וואס איז אין בעסטען פאל נאר א מיטעל, נאר זיי פארלאנגען א באשטימטעווירקליכקייט, וואס שטעלט מיט זיך פאר זייער ציל. היסטארישע זכרונות קענען גורם זיין די ערגסטע זאכען בעת מענטשען דראפּירען זיך אלס אלטע רוימער און יאקאבינער, בשעת זיי מוזען גאר אויספירען גאר אנדערע אויפגאבען. אבער נאך ערגער איז יענער מין פון דער היסטארישער וויסענשאפט, וועלכען ס׳האט באשאפען דער העגעליאנישער מארקסיזם. ווער ווייסט ווי לאנג די רעוואלוציע וואלט שוין געווען געקומען, אויב מיר וואלטען בכלל קיינמאל ניט געטראכט וועגען א רעוואלוציע, וואס מוז רק קומען. דער מארקסיזם האט אונז געלערנט א נייעם מין גאנג וואס דער־מאנט אונז ניט אָן קיין שום באקאנטען גאנג, אפילו ניט — אָן יע־נעם שפרונג־פראצעס, ביי וועלכען מ׳שפרינגט תמיד צוויי טריט פא־רויס און איין טריט אויף צוריק, וואו ס׳איז סוף כל סוף דאך פאראַן אַן איבערגאנג פארויס. ביים מארקסיזם אבער ווערען געמאכט פלאנ־מעסיגע פיקטיווע באוועגונגען צום ציל פון א רעוואלוציע און דער־פאר גראד דערווייטערט מען זיך אלץ מער פון איר. ס׳ווייזט זיך ארויס, אז זעהן פאר די אויגען תמיד די רעוואלוציע האט א פועל־יוצא, וואס איז געגליכען צו דער מורא פאר איר. ס׳איז ניט קיין עצה טובה צו טראכטען ביי די אייגענע מעשים וועגען דעם, וואס קען זיין באשערט ; מ׳דארף טראכטען וואס צו טאָן. ס׳איז נויטיג צו דערפילען די פאדערונג פון טאג : גראד די דארפען עס טאָן, וואס ווילען שאפען מעשים, שאפען פון זייער הארצען, פון זייער בענקשאפט, פון זייער גערעכטיגקייט און זייער פאנטאזיע אויף א וייטען פונדאמענט, פאר ווייטע מרחקים, צושטערענדיג גרינדליך דעם אלטען בנין.

געווים מוזען זיי בויען לגמרי אנדערש, ווי זיי האבען געטאן זייער שטיק ארבייט אין קאפיטאליזם, וועלכע מיר האבען גע־זעהן אלס די ארבייט אין די אונטערנעמונגען פון די קאפיטאליס־טען, פון דער מלוכה און פון די ארבייטער גופא במשך פון די לעצטע צענדליגער יאר און דא איר פארגעשטעלט בקיצור אין איר צוזאמענהאנג שוין פריהער.

צום דאזיגען ענין געהערט אויך דער קאמף פון די ארבייטער אין זייערע פראדוצענטען־ארגאניזאציעס, אין די פראפעסיאנע־לע פאראיינען, פאר דער פארבעסערונג פון זייער מאטעריעלען מצב און פון זייערע ארבייטס־באדינגונגען. מיר האבען געזעהן, ווי די ארבייטער אלס פראדוצענטען ווירקען רעגולירענדיג דורך זייערע הילפס־קאסעס אויף דעם, וואס די מארקסיסטען האבען בא־צייכענט אלס א באשערטע און אומפארמיידליכע זאך. דערביי איז נאך אלץ אן עיקר־אויפגאבע פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען דער קאמף פאר העכערע שכירות און פאר דער פארקירצונג פון דער ארבייטס־צייט מיט דער הילף פון אונטערהאנדלונגען און פון שטרייקען.

דער קאמף פאר דער העכערונג פון די שכירות איז אין דער אמת'ן א קאמף פון איינצעלנע פראדוצענטען, הגם זיי זיינען א סך אין צאל און טרעטען ארויס אין געשלאסענע רייען, געגען דעם כלל פון די קאנסומענטען; און ווייל סוף כל סוף נעמט דאך יע־דערער אן אנטייל אינ'ם דאזיגען פראדוצענטען־קאמף, איז עס בכן א קאמף פון די ארבייטער געגען זיך אליין. די ארבייטער און זיי־ערע ארגאניזאציעס זיינען נוטה צו האלטען אויף א באמת דילע־טאנטישען אופן דאס געלט, די שכירות, וואס זיי באקומען, פאר אן אבסאליוטע גרויס. ס'איז בלתי שום ספק אמת, אז 5 מארק איז מער ווי 3 מארק. ובכן קען מען עס פארגינען דעם ארבייטער און מיט־פילען זיין שמחה, וואס נעכטען האט ער באקומען נאר 3 מארק און היינט באקומט ער טעגליך 5 מארק אלס ארבייטס־לוין. ס'בלייבט נאר די פראגע, צו האט ער נאך א גרונד צו פרייען זיך פון היינט איבער א יאר און איבער 3, 5, 10 יאר. מחמת געלט איז בלויז

דער אויסדרוק פון די באַציהונגען פון די פרייזען און די שכירות איינע צו די אנדערע. אלץ איז אפהענגיג פון דער קויף־קראפט פון געלט.

די פרייזען פון די סחורות ווערען אבער, זעלבסטפארשטענדליך, העכער דורך די הוספות אויף די שכירות, פונקט אזוי ווי דורך שטייערען און אפצאלען. נאטירליך איז דער קלאוויר־ארבייטער נוטה צו ארגומענטירען א שטייגער בזה הלשון: „וואס געהט מיר אָן, אז קלאווירען ווערען טייערער! איך באקום העכערע שכירות, פאר וועלכע איך קויף מיר ניט קיין קלאוויר, נאר ברויט, פלייש, א מלבוש, א דירה וכדו׳" און אפילו דער וועבער קען טענה׳ן: „אויב די שטאפען, וועלכע איך מוז קויפען, וועלען טייע־רער ווערען, האב איך דאך אבער פארטייערט נאר איין קליינעם חלק פון מיין באדארף, דערפאר האב איך דאך פארגרעסערט דעם גאנצען לוין, מיט וועלכען איך דעק אלע מיינע הצטרכות".

די ארבייטער פירען זיך אין זייער לוין־קאמף לגמרי אזוי ווי זיי וואלטען מוזען האנדלען אלס שותפים פון דער קאפיטאליסטי־שער געזעלשאפט: אלס עגאיסטען, וואס קעמפען מיט׳ן קולאק, און אלס פאראייניגטע, ארגאניזירטע עגאיסטען, ווייל איינציגווייז וואל־טען זיי דאך גארניט געקענט אויפטאן. זיי זיינען ארגאניזירט און פאראייניגט אין בראנזשעס. אלע פאראיינען פון די איינצעלנע בראנזשעס בילדען צוזאמען דעם כלל פון די ארבייטער אין זייער ראליע פון פראדוצענטען פאר דעם קאפיטאליסטישען מארק. אין דער דאזיגער ראליע פירען זיי א קאמף, ווי זיי מיינען, געגען די קאפיטאליסטישע אונטערנעמער אין דער אמת׳ן אבער געגען זיך אליין אין זייער ווירקליכער עקסיסטענץ אלס קאנסומענטען.

דער אזוי גערופענער קאפיטאליסט איז ניט קיין פעסטע ממשות׳דיגע געשטאלט: ער איז א פארמיטלער, וואס ליידט געוויס פון א סך זאכען, אבער די קלעפ, וואס ס׳וויל אים געבען דער אר־בייטער, וועלכער קעמפט אלס פראדוצענט, פאלען ניט אויף זיין קאפ. דער ארבייטער גיט קלעפ, אבער דאס זיינען קלעפ, וועלכע מ׳גיט דורך א דורכזיכטיגען שיין־געגענשטאנד אין דער אמת׳ן נאר זיך אליין.

בײַ די קאַמפּען, וואָס קומען פאָר אין קאַפּיטאַליזם, קענען נאָר די מענטשען תּמיד אויסקעמפּפען זיך ווירקליכע נצחונות, ד. ה. א זיכערען נוצען, וועלכע קעמפען אַלס קאַפּיטאַליסטען. אויב אַן אינזשינער, אַ דירעקטאָר, אַ האַנדעלס־אַנגעשטעלטער ווערט אַזוי שטאַרק נויטיג אַ דאַנק זײַן פּערזענליכער בריהשקייט אָדער אַ דאַנק דעם, וואָס ער קען די סודות פון דער אונטערנעמונג, אַז זײַן שעף אָדער זײַן אַקציען־געזעלשאַפט מוז אים האָבען, דעמאָלט קען ער אין איין שענעם פרימאָרגען זאָגען: „ביז היינט האָב איך באַקומען 20000 מאַרק שכירות, גיט מיר איצט 100.000, ווען ניט — גײַ איך צו אײַער קאָנקורענט!" אויב ס'האָט זיך אים אײַנגעגעבען דאָס אויסצופירען, דאַן האָט ער אויסגעקעמפט פאַר זיך אפשר אויף זײַן גאַנצען לעבען אַ זיכערען נצחון. ער האָט געהאַנדעלט ווי אַ קאַפּיטאַליסט, עגאָיזם האָט געקעמפּט מיט עגאָיזם. אויף אַ גלײַכען אופן קען אַמאָל אויך אַן אײַנפאַכער אַרבייטער ווערען אַזוי נויטיג, אַז מ'זאָל זיך אָן אים ניט קענען באַגעהן, און ער איז דעמאָלט ביכולת צו פאַרבעסערען זײַן לאַגע און אַריבערטרעטען אפילו איבער דעם שוועל פון אַ לעבען אין עשירות. אויף דעם אופן אָבער, ווי אַזוי די אַרבייטער קעמפען אין זייערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראײַנען מאַכען זיי פון זיך נאָר נומערען, פון וועלכע יעדער אײַנציגער האָט ניט פּערזענליך קיין שום באַדייטונג. זיי אַקצעפּטירען אַזוי אַרום זייער ראָליע אַלס חלקים פון די מאַשינעס, זיי ווירקען דעמאָלט בלויז אַלס טיילען פון כּלל און דער כּלל ווירקט צוריק געגען זיי.

די אַרבייטער זײַנען בכן גורם מיט זייער קאַמף אַלס פּראָדוצענטען אַ פאַרטייערונג פון אַלע אַרטיקלען, די דאָזיגע פאַרטייערונג, אויב ס'האַנדעלט זיך אפילו אויך וועגען לוקסוס־זאַכען, איז דאָך גורם אַ הוספה קודם כּל אויף די מקחים פון די אַרטיקלען, וועלכע געהערען צום נויטיגסטען מאָסען־באַדאַרף. און אַגב איז די פּרײַז־שטײַגערונג ניט קיין רעלאַטיווע, ניט אַ לפי־ערך'דיגע, נאָר אַן אַבסאָליוטע. בעת ס'שטײַגען די שכירות, הויבען זיך אויף די פּרײַזען אין אַ ניט־לפי־ערך'דיגע הויך; בעת ס'פאַלען די שכירות, ווערען אַנטקעגען דעם די פּרײַזען נידעריגער פּאַמעלאַך און אומבאַדייטענד.

דער פועל־יוצא איז: אין גאנצען גענומען מוז במשך פון דער
צייט דער קאמף פון די ארבייטער אין זייער ראליע אלס פּראָדו־
צענטען ברענגען שאדען די ארבייטער אין זייער ווירקליכער עקסי־
סטענץ אלס קאנסומענטען.

דא ווערט פאר קיין פאל ניט געזאגט, אז דער אויסערגעוואוינליכער
יקרות, די פארשווערונג פון לעבען פאר א סך מענטשען דארף
פארעכענט ווערען אינגאנצען אדער אפילו נאר בעיקר אויפ'ן חשבון
פון די ארבייטער גופא. א סך סבות ווירקען געמיינזאם און תמיד
איז שולדיג דער עגאיזם, וואס וויל ניט וויסען פון א געזעלשאפטלי־
כער ווירטשאפט און בכן אויך ניט פון קולטור. איינער פון די דא־
זיגע פאקטארען איז דער קאמף פון די פראדוצענטען, וועלכע הא־
בען בפירוש אינ'ם דאזיגען קאמף געהאנדעלט אלס גלידער פון קא־
פיטאליזם, וואס געפינען זיך אבער בלויז אויף זיין אונטערשטער
מדרגה. אלץ, וואס די קאפיטאליסטען טוען, איז מיאוס און נידעריג.
דאס, וואס די ארבייטער טוען אלס קאפיטאליסטען איז נידעריג אין
פראלעטארישען זין. נאטירליך ווערט דערמיט נאר געזאגט, אז זיי
האבען זיך צוגעוואוינט צו א מיאוסע ראליע. דאס ענדערט גארניט.
אגב, אז זיי זאלען קענען זיין מחוץ ומפנים פון דער ראליע ערליך
מוטיג, איידעל און העלדיש. אויך גזלנים קענען זיין העלדיש. די
ארבייטער זיינען אבער אין זייער קאמף פאר די הוספות אויף דעם
לוין און אויף די פרייזען גזלנים, וועלכע באגזל'נען, ניט וויסענדיג
עס, זיך אליין.

מ'ווערט וועלען באמערקען, אז די פראפעסיאנעלע פאראיינען קעמפען
מיט דער הילף פון שטרייקען גארניט בלויז נאר פאר דער
העכערונג פון די שכירות, נאר אויך צוליב דער פארקירצונג פון דער
ארבייטס־צייט, צוליב סאלידאריטעט מיט די אונטערדריקטע חברים, צוליב
זייערע ארבייטס־אפמאכען וכד'.

אויך דעם קען מען ענטפערען, אז דא האב איך גערעדט אויס־
שליסליך נאר וועגען דער ווירקונג פון דער לוין־הוספה. ס'ווערט
אונז משונה'דיג פאלש פארשטעהען דער, וואס וועט מיינען, אז דא
ווערט געפירט א קאמף געגען די פראפעסיאנעלע פאראיינען, אָ

ניין! ס׳ווערט דא אנערקענט, אז די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען זיי־נען א פולקאם נויטיגע ארגאניזאציע אין קאפּיטאליזם. לאָמיר דאך סוף כל סוף באגרייפען, אז די ארבייטער זיינען ניט קיין רעוואָלו־ציאָנערער קלאס, נאר א המון פון קבצנים, וועלכע מוזען לעבען און שטארבען אין קאפּיטאליזם. ס׳ווערט דא אנערקענט פון אונז, אז די ״סאָציאל־פּאָליטיק״ פון דער מלוכה, פון די געמיינדעס, די פּראָ־לעטארישע פּאָליטיק פון דער ארבייטער־פּארטיי, דער פּראָלעטארי־שער קאמף פון די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען, די הילף־קאסעס, זיי־נען פאר דעם ארבייטער זעהר נויטיגע זאכען. מ׳דארף אבער מודה זיין, אז די ארימע ארבייטער זיינען גארניט ביכולת תמיד אפּצוהי־טען די אינטערעסען פון כלל, אפילו פון׳ם ארבייטער־כלל. די בראנזשעס מוזען פירען זייער עגאָיסטישען קאמף, מחמת יעדער בראנזשע איז דאך בנוגע צו אלע אנדערע א מיעוט און זי מוז זיך פארטיידיגען און באשיצען איר אייגענע עקסיסטענץ, בעת א יקרות פון לעבענס־מיטלען.

אבער אלץ, וואס ס׳ווערט דא אנערקענט, איז בלויז נאר א קלאפּ פאר׳ן מארקסיזם, ווייל ער וויל דאך באטראכטען די ארבייטער אין זייער ראָליע פון פּראָדוצענטען ניט אלס די קלאָגעדיגע, אונטערשטע מדרגה פון קאפּיטאליזם, נאר אלס די טרעגער פון דער רעוואָלוציע און פון סאָציאליזם, וועלכע ס׳האט אויסדערוועהלט דערצו די השגחה, דער שיקזאל.

אנטקעגען דעם ווערט דא געזאגט: ניין, אט די אלע זאכען זיינען נויטיג אין דעם קאפּיטאליזם, כל זמן די ארבייטער קענען ניט ארויסרייסען זיך פון אים. אבער דאס אלץ פירט נאר דערצו, אז מ׳זאל זיך ארומדרעהען אינ׳ם פארכשופטען קרייז פון קאַ־פּיטאליזם, אַלץ, וואס ס׳קומט פאר אין דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע, קען ארייינפירען תמיד אלץ טיפער אין איר, אבער קען קיינמאל ניט ארויספירען פון איר.

מיר וועלען באטראכטען די זעלביגע זאך בקיצור נאך א מאל פון אן אנדער זייט. די קאפּיטאליסטען באגעהען געגען די ארבייטער א פארברעך דורך אויסנוצונג, ווי מארקס און אנדערע האבען עס

באוויזען אויספירליך אין א סך ווערטפולע שריפטען. „איר האט, זאגען די קאפיטאליסטען צו די ארבייטער, פאקטיש ניט קיין ווארשטאטען און ניט קיין ארבייטס־מיטלען און ניט קיין אומזאץ־מיטלען. איר זייט פאראן אין א גרויסער צאל, אפט מער וויפיל מיר דארפען, טא ארבייט פאר׳ן לוין, וועלכען מיר לייגען אייך פאר“. כל זמן די קאפיטאליסטען זיינען בלויז אייניג אין דער דאזיגער האלטונג בנוגע צו די ארבייטער — זיי דארפען צום דאזיגען צוועק קיין אפמאכען ניט מאכען — און געפינען זיך אבער פון דער צווייטער זייט צווישען זיך אין א נאציאנאלער און אינטערנאציאנאלער באציהונג אין א פארביטערטער קאנקורענץ־מלחמה, איז דער פועל־יוצא פון די דאזיגע צוויי מיני פאקטען: נידעריגע שכירות און ביליגע פרייזען. בעת ס׳פאראייניגען זיך אבער די ארבייטער, וואס ווערען געצוואונגען דערצו און זיינען פולקאם בערעכטיגט, כדי צו ענטפערען מיט א דרוק געגען א דרוק: מיר אלע ארבייטען ניט, אויב איר וועט ניט צאלען אונז קיין העכערע שכירות, דעמאלט איז דער פועל־יוצא דערפון: העכערע שכירות און טייערע פרייזען. און ווען ס׳פאראייניגען זיך ווייטער געגען דעם די קאפיטאליסטען, ראשית, כדי זיך געגענזייטיג צו אונטערשטיצען און פארזיכערען זיך געגען דעם דרוק פון די ארבייטער, שנית, כדי צו באשטימען פעסטע פרייזען דורך קארטעלען און סינדיקאטען, דעמאלט ווערט די לוין־העכערונג תמיד אלץ שווערער, אבער די פרייז־העכערונג קומט פאר תמיד אלץ לייכטער. דערצו קומט נאך צו די זיכערונג געגען א ביליגער אויסלענדישער קאנקורענץ דורך אפצאלען. אמאל פירט מען אויך אריין ביליגע, באשיידענע ארבייטס־כחות פון אויסלאנד אדער לפחות פון דארף, אדער מ׳פארבייט אויך מענער־ארבייט אויף פרויען־ארבייט, געלערנטע ארבייטער אויף אומגעלערנטע, האנט־ארבייט אויף מאשין־ארבייט. ס׳איז קלאר, אז דער קאפיטאליזם וועט תמיד האבען די אויבערהאנט, כל זמן די ארבייטער וועלען קענען האבען אן איינפלוס בלויז אויף די שכירות, אבער ניט אויף די פרייזען.

אויב די ארבייטער ווילען בכן פארבלייבען אין זייער ראליע פון פראדוצענטען פאר׳ן קאפיטאליסטישען מארק, אבער דערביי דאך

ראַדיקאַל פאַרבעסערען זייער מצבֿ, ד. ה. זיי װעלען אפּנעמען בײַם קאַ־פּיטאַל אַ טייל פון זײַנע פּראָפיטען פאַר זיך, בלײַבט פאַר זיי קיין אַנדער מעגליכקייט ניט, װי נאָר דער גלײַכצײַטיגער קאַמף פאַר װאָס העכערע שׂכירות און װאָס נידעריגערע פּרײַזען. אויפ׳ן װעג פון זעלבסט־הילף קענען זיי ביז צו אַ באַשטימטער מאָס אויך אין קאַ־פּיטאַליזם גײען פאָרויס אין דער דאָזיגער ריכטונג, בעת זיי באַ־נוצען זיך מיט אַן אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרם פון סאָציאַליזם, די קאָאָפּע־ראַציע, כּדי צו באַפרידיגען זייער פאַרברויך און באַזײַטיגען אויף דעם אופן פאַר איין טייל פון זייערע לעבענס־באַדערפעניש — אויף די געביטען פון שפּײַז, דירה, בגדים, הויז־װירטשאַפט וכד׳. — אַ טייל פון דעם צװישען־האַנדעל. אויף אַזאַ אופן האָבען די אַרבייטער מיט רעלאַטיװ הויכע שׂכירות, װאָס זײַנען אָרגאַניזירט אין פּראָפעסיאָנעלע פאַראײַנען, אַן אויסזיכט באמת צו געניסען אַ טייל פון זייערע ער־פאָלגען, אויב זיי דעקען זייערע הצטרכות צו לערך נידעריגע פּרײַ־זען אין זייערע קאָנסום־פאַראײַנען (אויך װאוינונגס־קאָאָפּעראַטיװען זײַנען קאָנסום־קאָאָפּעראַטיװען).

אין אַנדער ראַדיקאַלער װעג איבערצוגעבען אַ טייל פון די קאַפּיטאַ־ליסטישע פּראָפיטען אין די הענט פון די אַרבייטער, ד. ה. צו קאָנפיסקירען דאָס פאַרמעגען, איז די גלײַכצײַטיגע באַשטימונג פון מינימאַלע שׂכירות און מאַקסימאַלע פּרײַזען דורך דער געזעצגעבונג פון דער מלוכה אָדער פון דער געמיינדע. דאָס איז געװען דער מיטעל פון די מיטעלעלטערישע שטאָדט־פאַרװאַלטונגען און מ׳האָט אים אויך — אָן אַ רעכטען ערפאָלג — פאָרגעשלאָגען אין דער פראַנצוי־זישער רעװאָלוציע, אָבער מ׳האָט עס ניט געהאַט װירקליך אויסגע־פּרובט. אויב מיר זאָלען אויסשליסען די קאָמונאַלע פּאָליטיק פון מיטעלאַלטער, װאו ס׳האָט זיך געהאַנדעלט װעגען גאַנץ אַנדערע פאַר־העלטנישען, װעגען אַן אמת׳ער קולטור און געמיינשאַפט, איז נויטיג צו זאָגען: אַזאַ קאָנפיסקאַציע פון פאַרמעגען איז אַ רעװאָלוציאָ־נערע קלאַסען־פּאָליטיק, װעלכע מ׳קען אפשר צײַטװײַליג דערלאַזען אין איבערגאַנגס־צײַטען פון איבערקערענישען דורך אַ פיזישען כּח, אָבער ס׳איז אין בעסטען פאַל אַ קליין ברעקעל װעג צום סאָציאַליזם,

ס'איז ניט קיין סאציאַליזם, מחמת סאציאַליזם איז ניט קיין אפעראַציע וואס ווערט געמאכט מיט געוואלט, נאר א דויערנדער געזונטער מצב.

איך בײדע װעגען — אויף דעם וועג פון א פארקניפּונג פונ'ם לוין, וועלכער איז באשטימט דורך די פראפעסיאנעלע פאר־איינען, מיט דעם פרייז, וועלכען ס'האט באשטימט דער קאָאָפּעראַטיוו, און אויפ'ן וועג פון באשטימען גלייכצייטיג העכערע שכירות און נידעריגע פּרייזען — קומט אבער פאר א דילעטאנטישע צונויפפּאַ־רונג פון קאפּיטאליזם מיט'ן סאציאַליזם, וועלכע מ'קען זיך פארשטעלען בלויז אלס אן איבערגאנגס־ערשיינונג, די ארגאניזירונג פונ'ם פארברויך איז א התחלה פון סאציאַליזם, דער קאמף פון די פּראדוצענטען איז א דעקאדענץ־ערשיינונג פון קאפּיטאליזם, הויכע שכירות און נידעריגע פרייזען אין זייער גלייכצייטיגקייט זיינען א מורא'דיגער אבסורד, און א קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט וואלט פונקט אזוי ניט געקענט אויסהאלטען די גלייכצייטיגע ווירקונג פון א שטארקער פּראפעסיאנעלער באוועגונג און פון א געשלאסענער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע, ווי דעם רעגירונגס־דעקרעט וועגען הויכע שכי־רות און נידעריגע פרייזען, אזא צוואנגס־קורס פון געלט — אין בײדע פאלען האנדעלט זיך נאר וועגען אזא מין זאך — וואלט צוגעגרייט דעם באדען פאר א מורא'דיגען אופרייס און ס'וואלט גע־ווען דער אנהויב פון א באַנקראָט פון דער מלוכה און פון דער געזעלשאפט.

דאס וואלט געקענט דינען אלס א וואונק פאר די געוואלט־רעוואַ־לוציאנערען, אבער זעלבסטפארשטענדליך וואלט זיך אויך דאס מאל דער קאפּיטאליזם פארטיידיגט און באשיצט זיין עקסיס־טענץ. מיר זעהען דאך אויך איצט, מיט וואס פאר א קרומען קוק ער באטראכט די קאָאָפּעראַטיווע און די פּראפעסיאנעלע באוועגונגען, די ערשטע איז תמיד דער עלעמענט פון רעוואלוציאנערע מהומות און האט אין זיך די טענדענץ צום גענעראַל־שטרייק; די צווייטע איז א התחלה אויפ'ן וועג צום סאציאַליזם, הגם אפילו א זעהר באשיי־דענע און פאר זיך אליין א ניט־באוואוסטזיניגע התחלה, וואלטען זיי זיך פארשפּרייט און באוואוסטזיניג געווארען בנוגע צו זייער

געגענזייטיגקייט, וואלט זיך דעמאלט די סכנה פון א שטארקען אויפרייס אזוי דערנענטערט, אז מ׳וואלט געמוזט עפענען א ווענטיל און די קאַאַליציע אויף ביידע געביטען וואלט געווארען באגרעניצט אין אירע רעכט אדער לגמרי פארבאטען.

בלויז הויכע שכירות און נידעריגע פרייזען וואלט דאס לעבען פון יעטוועדער געזעלשאפט געווארען אוממעגליך; פונקט אזוי אומ־מעגליך ווי ביי נידעריגע שכירות און הויכע פרייזען. אין צייטען פון א רעלאטיווען שלום צווישען די קלאסען ווילען די קאפיטאליסטען און די ארבייטער ניט ווילען אפזאגען זיך אין זייער פארבלענדעטען פריוואט־עגאיזם פון דער דאגה, ווי אזוי צו העכערען די פרייזען, די שכירות און דעם לוין, דער פועל־יוצא דערפון וועט זיין, אז די תאוה צו לוקסוס און די אומצופרידענקייט, די פארביטערונג מיט׳ן לעבען, די שווערקייט פון דער געלט־באשאפונג ווילען שטייגען, ס׳וועט אלץ וואקסען די פארגליווערונג פון דערווירט־שאפט, דער כראנישער קריזיס און די שווערקייט פון דער צירקו־לאציע פון די סחורות, מ׳קען האפען, אז אינ׳ם מאמענט פון דער רעוואלוציע וועט מנצח זיין דאס נאנטסטע מאל די טענדענץ, וועלכע פרודאָן האט אזוי פרעכטיג, הגם אָן קיין שום ערפאלג, פראפאגאנדירט אין יאר 1848: נידעריגע פרייזען! נידעריגע שכירות! א נידעריגער לוין! זי וועט ברענגען מיט זיך אלס אירע פאלגען פרייהייט, באוועגליכקייט, א פריילעכע שטימונג, א שנעלע צירקולאציע, א לייכטערען לעבען, באשיידענע שמחות, שלום ושלוה.

אגב דארף מען בשום אופן ניט פארשטעהען אונזערע נביאות וועגען דאס, וואס ס׳ווילען טאָן, וואס ס׳ווילען מוזען טאָן די מלוכה און דער קאפיטאליזם, בעת זיי ווילען זיין צוגע־דריקט דורך דער אומגעוואוינליכער פאראייניגונג פון א שטארקער פראדוצענטען־ און קאנסומענטען־באוועגונג, — ווי ס׳וואלט גע־ווען א התראה פאר די ארבייטער לויט׳ן באקאנטען מוסטער: „צו וואס זאלען מיר ערשט אנהויבען טאָן? די מלוכה וועט עס דאך סיי ווי סיי פארבאטען!” אזא התראה איז ניט אונזער אופן צי ענטפערען און ניט אונזער אויפגאבע. מ׳קען שטענדיג אויף דעם

רעכענען, אז אנדערע טוען דאס, וואס ס׳אנטשפּרעכט זייער ראַליע. דאס קען מען אפּוואַרטען און ס׳דאַרף קיינעם קיין זאָרג ניט מאַכען. דער, וועד ס׳גלויבט בכן, אז זיין אויפגאַבע איז צו זאָרגען דערפאַר, אז די קאַפּיטאַליסטען זאָלען האָבען אלץ ווייניגער הכנסה פון די אַרבייטער און אלץ מער אויסגאַבען אויף שכירות פאַר די אַרבייטער, האָט זיך איצט פון אונז דערוואוסט, אז דער בעסטער וועג דערצו איז א שטאַרקע אָרגאַניזאַציע פון קאָנסום אין א פאַר־בינדונג מיט אן ערפאָלגרייכען פּראָפעסיאָנעלען קאַמף. ווייל קיין מענטש וועט ניט לייגען קיין גרויסע האָפענונגען אויפ׳ן צווייטען מיטעל, אויף דער באַשטימונג פון לוין און פון די פּרייזען מצד דער רעגירונג, און פונקט אזוי ווייניג האָפענונג וועט מען לייגען אויפ׳ן פּרוב, וועלכער געהערט דאָך אויך אהער: קאָנפיסקירען ביי די קאַפּיטאַליסען דעם עודף פון דער הכנסה דורך א שטייער און איבערגעבען אים דעם פּראָלעטאַריאַט דורך פּאַסיגע מיטלען, ווי למשל דורך די אַרבייטער־אינסטיטוציעס. דאס איז אויך נאָר א רעוואָלוציאָנערער מיטעל אין איבערגאַנגס־צייטען, וואס איז א פּאַרטאַטשישער און דילעטאַנטישער מיטעל. עפּעס אזוינס איז שוין פּראָבירט געוואָרען דא און דאָרטען אָן ערפאָלג אין דער צייט פון ״קאָנווענט, און תיכף נאָך 1848 איז עס פאַרגעלייגט געוואָרען אין פראַנקרייך דורך זשיראַרדען. אויך לאַסאַלס פּאָליטישע מעשים און שטרעבונגען האָבען זיך באַוועגט אין דער דאָזיגער ריכטונג.

מיר זיינען בכן ניט מתרה פון דעם אייגענאַרטיגען פּרוב אריינצו־טראָגען אין דער געזעלשאַפט טויטקייט און פאַרגליווערונג דורך א פאַרקניפּונג פון רעוואָלוציע און סאָציאַליזם, פון קאַמף און אויפבוי. מיר דאַרפען נאָר זאָגען, אז מ׳איז נאָך היינט בכלל אזוי ווייט ניט אוועק, און אז די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון, ווי מיר האָבען זיי היינט, וואס זיינען, ניט שפּירענדיג עס, א קליינינקע התחלה פון סאָציאַליזם, זיינען בשום אופן ניט מסוגל שטאַרק קאַליע צו מאַכען אויף וועלכען ס׳איז אופן דעם קאַפּיטאַליזם זיינע מקחים אָדער צונעהמען ביי איהם די קונים. אט דאס איז בכן קודם כל די

אויפגאבע פון די׳ וואס רופען צום סאציאליזם: צו זאגען׳ אז דער סאציאליזם מוז האבען אן אנהויב כדי צו קומען׳ אז ער קען זיך אנ־הויבען בלויז נאר ביים פארברויך׳

דערפון וועט זיין די רייד תיכף׳ דא איז געווען די אויפגאבע צו באווייזען׳ אז יעדער איינזייטיגער קאמף און יעדע טעטיגקייט אויפ׳ן געביט פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע׳ בכן אלע מעשים פון די פראדוצענטען׳ איז א שטיק געשיכטע פון קאפיטאליזם און ניט מער׳

וויילל מיר זיינען שוין דערגאנגען צו דער באשרייבונג און צו דער קריטיק פון דער טעטיגקייט פון די פראדוצענטען און פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען׳ פון דער ווירטשאפטליכער זעלבסט־הילף פון די ארבייטער און דעם דרוק אויף דער מלוכה׳ וועלכען זיי האבען באשאפען א דאנק דעם און געפועלט געזעצליכע רעגולירונגען׳ — וועלען מיר נאך אויך בקיצור באהאנדלען צוויי וויכטיגע אויפגאבעס פון די דאזיגע ארגאניזאציעס און זייערע קאמפען׳ די הויפט־אויפגאבעס פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען זיינען די דורכפירונג פון דער פארקירצונג פון דער ארבייטס־צייט און א שינוי אין דעם אופן פון לוין׳ וואס שטעהט דאך מיט דעם אין א נאנטער פארבינדונג׳ דהיינו: פארבייטען די שכירות פון שטיק און פאר א גאנצער ארבייט אויף טאג־לוין׳ דער לוין פון שטיק און פאר א גאנצער ארבייט איז א באצאלונג לויט דער פאר־העלטניש פון דער ארבייט צו דער כמות און איכות פונ׳ם אויס־געארבייטען פראדוקט׳ מ׳קען זאגען׳ אז אין א גערעכטער טויש־ווירטשאפט וועט מען תמיד ווידער זיך באנוצען מיט׳ן דאזיגען אופן פון ארבייטס־לוין׳ אבער אין אונזער געזעלשאפט פון אומגע־רעכטיגקייט בנוגע צום מענטשען׳ וואו ס׳ווערען פארלאזען אלע זיינע נויטיגסטע באדערפנישען׳ וואלט מען זיך גאר קיין ערגערע זאך ניט געקענט פארשטעלען׳ ווי די פארשארפונג פון דער דאזיגער אומגערעכטיגקייט בנוגע צו מענטשען דורך א גערעכטער בא־ציהונג בנוגע צו די טויטע זאכען׳ ד׳ה׳ צו די אויסגעארבייטע פראדוקטען׳ אונטער דער ממשלה פון קאפיטאליזם וועט דער

אַרבייטער ניט קענען פאַרטראַגען, אַז אַ וועלכער ס'איז אַנדער פּרינציפּ, ווי זיין באַדערפעניש, זאָל באַשטימען זיין הכנסה. די סיבה דערפון איז, אַז צוליב די באַדערפענישען פון זיין לייב און זיין לעבען מוז ער באַקומען ניט נאָר אַזוי פיל שכירות, אַז ער און זיין פאַמיליע זאָלען עקזיסטירען, נאָר אויך — אַז ער זאָל זיך ניט פאַרדאַרבען זיין געזונט, שלאָף און רוה־צייט דורך אַ צו גרויסע אַרבייטס־צייט. דעריבער גיט אים זיין קאַמף פאַר דער פאַרקירצונג פון דער אַרבייטס־צייט אַ נייעם גרונד צו קעמפען געגען לוין פון שטיק און אַקאָרד־לוין: כּדי די פאַרקירצונג פון דער אַרבייטס־צייט זאָל ניט פאַרקלענערען זיין הכנסה און זאָל אים ניט צווינגען צו אַן אומבאַגרעניצטע שטייגערונג פון דער אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט. דערפאַר מוז מען אַגב אַרויסטרעטען אַקעגען דעם, וואָס ס'ווערט געצאָלט אין אַנדערע פּראָפעסיעס, למשל אין בוי־פאַך, ניט קיין טאָג־לוין, נאָר אַ שעה־לוין, די אַרבייטער זיינען דורך דעם געצוואונגען צו קעמפען גלייכצייטיג פאַר דער העכערונג פון שעה־לוין, בעת ס'האַנדעלט זיך וועגען דער פאַרקירצונג פון דער אַרבייטס־צייט, און אָפט ענדיגט זיך אַזאַ קאַמף מיט אַ פּשרה: זיי דערגרייכען איין זאַך און מוזען נאָכגעבען אין דער צווייטער, בכן פאַרקירצען זיי למשל גלייכצייטיג זייער אַרבייטס־צייט און זייער פאַקטישע הכנסה. דעריבער מוזען די אַרבייטער אומעטום אונטער דער ממשלה פון קאַפּיטאַליזם באַקעמפען ניט נאָר דעם שטיק־לוין און אַקאָרד־לוין, נאָר אויך דעם שעה־לוין, טאָג־לוין! דאָס מוז זיין די פאָדערונג פונ'ם קאַפּיטאַליסטישען אַרבייטער, אין דער דאָזיגער פאָדערונג ווערט אויסגעדריקט מיט אַ שאַרפער דייטליכקייט פאַר יעדער'ן, וואָס הערט זיך נאָר צו צו דער שטימע פון דער קולטור אָדער פון דער געפאַלענקייט פון אונזער צייט, אַז דער אַרבייטער איז ניט קיין פרייער מענטש, וואָס טרעט אַרויף אויפ'ן לעבענס־מאַרק און טוישט פּראָדוקטען, נאָר ער איז אַ שקלאַף, וואָס זיין האַר גיט אים די לעבענס־יניקה, וועלכע מוז גאַראַנטירט ווערען פון דער געזעלשאַפט: אונטער דער ממשלה פונ'ם טאָג־לוין באַשטעהט ניט קיין געהעריגע פאַרהעלטניש פון דער אַרבייט צום

כמות און איכות פון אירע פראדוקטען, ס׳באשטעהט ניט קיין טויש געגען א טויש, ס׳באשטעהט נאר דער דלות, וואס פארלאנגט מ׳זאל אים געבען מיטלען צו קענען לעבען. בכן זעהען מיר דא ווידער אמאל: דער ארבייטער מוז פארטיידיגען אין דער קאפיטאליסטישער וועלט א קאפיטאליסטישע, אן אנטי־קולטורעלע איינריכטונג, כדי צו דערהאלטען זיין עקסיסטענץ, די נויט און די ראליע פון א פראדוצענט מאכען אים פאר א יוצר־משרת און פאר א שקלאף פונ׳ם קאפיטאליזם. דער קאמף פון דעם ארבייטער, וואס איז ארגאניזירט אין פראפעסיאנעלע פאראיינען, פאר זיין אייגענעם רעכט אויף טאג־לוין האט זיין אַנאַלאָגישע ערשיינונג אין מלוכה־לעבען: דהיינו, אין דעם קאמף פונ׳ם פאליטיש קעמפענדען ארבייטער פאר דער געהיימער אפשטימונג, פונקט אזוי, ווי ס׳איז א פחיתות־הכבוד צו באקומען די לעבענס־יניקה אין דער פארם פון א טאג־לוין, אנשטאט צו טוישען א פראדוקט געגען א פראדוקט, ד׳ ה׳ באקומען דעם פרייז פון פראדוקט אדער דעם לוין פאר׳ן פראדוקט, פונקט אזוי נידעריג איז עס צו ערפילען דאס רעכט און די פליכט בנוגע צו דער געמיינשאפט — אויס מורא — אין דער פארבאהעלטעניש פון א וואל־קלאזעט. דאס איז געווען דער גרונד, פארוואס מאריץ פאן עגידי האט פארטיידיגט די אפענע וואלען: ער האט געוואלט, ס׳זאלען ניט קענען ארויסקומען קיין שלעכטע רעזולטאטען פאר׳ן פרייען און אפענעם מענטשען. דאך איז דאס געווען א דאָן־קיכאטעריי פונ׳ם דאזיגען איידעלען מאַן: ביים היינטיגען טאג מוז דער ארבייטער וועלען זיין א טאג־לוין־מענטש און דער מלוכה־בירגער מוז וועלען זיין א שרעקעדיגער העלאָט. ס׳איז אוממעגליך אנצוהויבען די היילונג פון דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט און פון דער קאפיטאליסטישער מלוכה ביי די איינצעל־ערשיינונגען, ביי די סימפטאמען, וועלכע מ׳קען בשום אופן ניט אפטיילען פון דער חולאת. דער ארבייטער מוז זארגען פאר זיין לעבען; און זיין לעבען וואלט זיין אין סכנה, אויב ער וואלט ניט באקומען קיין טאג־לוין, אויב ער וואלט ניט געגאנגען וועהלען אין דעם צוגעשלאסענעם קלאזעטעל. דאס אלץ און אלץ, וואס מיר ריידען דא

זיינען נויטווענדיגקייטען פון לעבען, כּל זמן מיר וועלען ניט ארויסטרעטען פון קאפּיטאליזם. און אוודאי און אוודאי זיינען עס ניט קיין מיטלען און וועגען צום סאציאליזם.

די פאַרקירצונג פון דער ארבייטס־צייט האט צוויי זייטען, אויף איינער פון זיי ווערט אפּט אנגעוויזען, בעת אויף דער אנ־דערער ווערט גאר, ווי ווייט איך זעה, קיין אכט ניט געלייגט. ראשית איז די פאַרקירצונג פון דער ארבייטס־צייט נויטיג, כּדי צו דערהאלטען דעם ארבייטער ביי זיינע כּוחות. און דא איז אונזער אויפגאבע ניט צו באקעמפען א שטייגער אין נאמען פון סאציאליזם די פּראפעסיאנעלע פאראיינען, די דאזיגע נויטיגע קאמף־ארגאני־זאציעס און רעגולירונגס־איינריכטונגען פון קאפּיטאליזם (דאס וואלט געווים געווען מער ווי נאריש, וואלט געווען כּמעט פאר־ברעכעריש, ווייל אין נאמען פון דעם, וואס ס׳פאדערט די טובה פון די מענטשען, וועלכע לעבען היינט, דארף ניט ווערען דורכויס באקעמפט יעטוועדע ערשיינונג פון קאפּיטאליזם), אבער מען מוז זיי דאך קאלט און זאכליך קריטיקירען. דא, זאג איך, דארף מען זיך אויף איין רגע אפּשטעלען, כּדי צו זאגען די פּראפעסיאנעלע פאראיינען א פאַרדינטען דאנק פאר זייער שענסטען אויפטו. זיי האבען פאַרקירצט פאר די ארבייטער אין אלע לענדער די צייט פון זייער מיה, פון זייער ארבייט ביי זאכען, וועלכע אינטערעסירען זיי אפּט גארניט, אין אונטערנעמונגען, וואס מאכען זיי מיד און מרה־שחורה׳דיג, ביי טעכנישע ארבייטען, וואס שטרענגען זיי אָן אויף א העכסטען אופן און מאכען זייער טעטיגקייט גייסטלאז און אומעטיג, ווי דער טויט. א יישר־כּח זיי און א דאנק, פאר וויפיל מענטשען האבען זיי געגעבען די געלעגענהייט זיך אויסצורוהען אינ׳ם פרייען אוועגט, צו געניסען פון א שענעם פאמיליען־לעבען, הנאה האבען פון שענע און באלערענדע ביכער און שריפטען, איידע־לע פריידען פון לעבען, וועלכע מ׳קען דערגרייכען מיט קליינע הוצאות, זיך צו באטייליגען אין געזעלשאפטליכען לעבען. אזוי פיל מענטשען און דאך נאך אזוי ווייניג! ערשט די לעצטע יארען האט מען אנגעהויבען עפּעס צו טאָן פאר דער ריכטיגער אויסנוצונג

פון די דאזיגע געוואונענע שעה׳ען, און דאס אויך — דאס רוב מיט ניט קיין געהעריגע, אפטמאל מיט לעכערליך־אומפּרוכטבּארע און פּאַרטייאישע מיטלען, צוזאמען מיט׳ן קאמף געגען דער לאנגער ארבּייטס־צייט וואלטען די פּראפעסיאנעלע פאראיינען געדארפט פירען א קאמף געגען דעם מוראדיגשעדליכען שכרות, זיי וואלטען געדארפט באטראכטען פאר זייער חוב צו זארגען פאר דעם ארבּייטער ניט נאר בעת ער פּראדוצירט, נאר אויך בעת ער רוהרט און ארבּייט ניט. דא איז נאך פאראן א סך צו טאָן, און ס׳איז פאראן א גוטע געלעגענהייט פאר דער מיטארבּייט פון די קינסטלער, דיכטער און דענקער אין אונזער פאלק. מיר דארפען ניט בּלויז רופען צום סאציאליזם, מיר טארען ניט בּלויז פאלגען דער שטימע פון דער אידעע און שרייטען גלאט אין דער צוקונפט אריין, אין נאמען פון גייסט, וואס מוז ווערען פאר אונז א קערפּער און א געשטאלט, דארפען מיר זיך דערנענטערען צו די לעבּעדיגע מענטשען פון אונזער פאלק, צו די דערוואקסענע און צו די קינדער און טאן אלץ, וואס מיר קענען, כּדי צו מאכען שטארק און איידעל, פעסט און ווידערשטאנדס פעהיג זייער לייבּ און זייער גייסט. און דעמאלט מוזען מיר געהן צום סאציאליזם מיט די דאזיגע לעבּעדיגע מענטשען! מ׳טאר אבּער נישט פארשטעהן דאס אזוי פאלש, אז דא האנדעלט זיך כּלומרשט וועגען געבּען זיי וועלכע ס׳איז באשטימטע, די אזוי גערופענע סאציאליסטישע קונסט און וויסענשאפט אדער בּילדונג. אָ וועה, וואס פאר א שווינדעל ס׳ווערט געמאכט היינט מיט די פּארטיי־בּראשורען און טענדענציעזע שריפטען און ווי וויכטיגער און נאטירליכער און אויך פרייער ס׳איז למשל די אזוי גערופענע בּירגערליכע וויסענשאפט איידער די סאציאל־דעמאקראטישע! אלע אזעלכע פּרובּען פירען צו א ״קאַזיאָנשטשינע״, צו אן אפיציעלער אויפקלערונג. ס׳איז א גרויעסר חסרון, פון וועלכען ס׳ליידען אלע מארקסיסטישע ריכטונגען, די סאציאל־דעמאקראטישע ווי די אנארכיסטישע, אז דאס שטילע און דאס אייבּיגע ווערט ניט געשעצט און איז אומבּאקאנט אין די קרייזען פון די ארבּייטער, בּעת מ׳שעצט הויך להפּך דעם אגיטאטארישען און אויבּערפלעכליכען טאג־געשריי, וואס האט זיך אזוי שטארק פאנאנדערגעבּליהט. איך האבּ ניט

לאנג אליין איבערגעלעבט אין א גרעסערער שטאָדט פון דייטשלאנד, וואו כ׳האב געהאלטען לעקציעס וועגען דער דייטשער ליטעראַטור, וואס זיינען איינגעאָרדענט געוואָרען דורך א סאציאַל־דעמאָקראַטישען פאַרבאַנד און זיינען באַזוכט געוואָרען דורך מיטגלידער פון פּראָפע־סיאָנעלע פאַראיינען — ווי ס׳זיינען געקומען נאָך אזא לעקציע אַנאַרכיסטישע אַרבייטער אין זאַל, וועלכען זיי האָבען ביז אָהער אויס־געמיטען, כדי מיר אויפצופאָדערען דאָך ווען ס׳איז צו האַלטען פאַר זיי א לעקציע! דעמאָלט האָב איך געוואָגט צו געבען זיי אזא מין תשובה: „איך האָב געהאלטען א לעקציע, בעת וועלכער כ׳האָב גע־רעדט וועגען געטהע, וועגען העלדערלין און נאָוואַליס, וועגען שטיפטער און העבעל, וועגען דעהמעל און ליליענקראָן און היינריך פאַן רעדער און קריסטיאַן וואַגנער און אַנדערע. איר האָט עס אָבער ניט גע־וואָלט הערען, ווייל איר ווייסט ניט, אז די שטימע פון דער מענטש־ליכער שענקייט, וואס דאַרף צו אונז דערגרייכען, דער שטאַרקער און זיכערער ריטם און די האַרמאָניע פון לעבען קען מען ניט גע־פינען אינ׳ם ברויזען פונ׳ם שטורעם מער איידער אינ׳ם מילדען בלאָזען פון רוהיגען ווינטעל און אין דער הייליגער רוה פון דער שטילקייט״. „איך האַלט פאַר גרויס דעם ווינטעל, וואס בלאָזט, דעם וואַסער, וואס רינט, די תבואה, וואס וואַקסט, דעם ים, וואס באַוועגט שטיל זיינע כוואַליעס, די ערד בעת ס׳גרינט, דעם אָפּשיין פון הימעל, דאָס פינ־קלען פון די שטערענס: דעם שטורעם וואס ברעכט אויס מיט א פּראַכט, דעם בליץ, וואס שפּאַלט הייזער, דעם שטורעם־ווינט, וואס טרייבט די פלאַמען, דעם באַרג, וואס שפּייט מיט פייער, די ערד־ציטערניש, וואס פאַרשיט לענדער, — האַלט איך ניט פאַר גרעסערע זאַכען ווי די אויבען־דערמאַנטע שטילע ערשיינונגען. יאָ, איך האַלט, אז זיי זיינען קלענער, ווייל זיי זיינען בלויז אַרויסגעקומען פון א סך העכערע געזעצען... מיר וועלען שטרעבען צו דערבליקען דעם בניעמות׳דיגען געזעץ, מיט וועלכען ס׳ווערט רעגירט די מענטשהייט... דער געזעץ פון גערעכטיגקייט, דער געזעץ פון זיטליכקייט, דער געזעץ, וואס וויל אז יעדער מענטש זאָל קענען לעבען נעבען דעם אַנדערען בכבודיג, ווערענדיג געשעצט און ניט געפינענדיג זיך אין א

סכנה, אז ער זאל קענען געהן זיין העכערען מענטשליכען וועג, ער־ווערבען פאר זיך די ליבע און די באוואונדערונג פון זיינע מיט־מענטשען, אז ער זאל ווערען אפגעהיט ווי אן אוצר, ווי יעדער מענטש וואלט זיין אן אוצר פאר אנדערע מענטשען. דער געזעץ אנטפלעקט זיך אין דער ליבע פון מאן און ווייב, אין דער ליבע פון די עלטערען צו די קינדער, פון די קינדער צו די עלטערען, אין דער ליבע פון שוועסטער און ברידער, פון פריינד צווישען זיך, אין דער נייגונג פון דיביידע געשלעכטער איינער צום אנדערען, וועלכע איז פול מיט מתיקות, אין דער ארבייט, דורך וועלכער מיר האלטען זיך אויס, אין דער טעטיגקייט, דורך וועלכער מ'ווירקט פאר זיין קרייז, פאר דעם ווייטען קרייז, פאר דער מענטשהייט..." (אַדאַלבערט שטיפטער). אזוי איז אויך דער סאציאליזם, צו וועלכען ס'ווערט דא גערופען, פון וועלכען דא ווערט אין שטילקייט גערעדט, — די בניעמות'דיגע ווירקליכקייט פון דער אייביגער שענקייט פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען פון די מענטשען; ניט די ווילדע מיאוסע איבערגאנגס־צושטערונג פון דעם עקעלדיגען היינט, וועלכע מ'וועט אפשר ניט קענען פארמיידען אלס א באגלייט־ערשיינונג. ס'וואלט אבער געווען שעדליך, אומנוציג און פארברע־כעריש צו רופען צו דעם, אויב די בניעמות'דיגע טאט פון דער לע־בענס־שענקייט וואלט פריהער ניט געווירקט אויפ'ן תוך פון אונזער נשמה און וואלט דורך איר ניט משפיע געווען אויף דער ווירקליכ־קייט. יעדע נייע זאך האט אין זיך עפעס וויסטעס, מיאוסעס, אומ־פראדוקטיוועס, ניט קוקענדיג אויפ'ן גאנצען פייער און אויף דער גאנצער באגייסטערונג, וואס זי טראגט מיט זיך. יעדער אלטע זאך, אפילו די סאמע פארברעכערישע, אפילו די לחלוטין פארעלטערטע אינסטיטוציע, ווי למשל דאס מיליטער און די נאציאנאלע מלוכה, הא־בען, מחמת זיי זיינען אלט און טראדיציאנעל, דאך אן אפשיין פון שענקייט, הגם זיי זיינען אלט, איבעריג און מוזען אפגעשאפט ווע־רען. בכן לאמיר זיין אזעלכע באנייער, וואס אין זייער פאנטאזיע, וועלכע לויפט פארויס, לעבט שוין דאס, וואס זיי ווילען שאפען, אלס א פארטיגע זאך, א זאך, וואס איז איינגעלעבט און איינגעווארצעלט

אינ׳ם עבר און אינ׳ם אורעלטען און אייביגען לעבענס־מקור; בכן לאמיר, קודם כל, צושטערען אויף אזא אופן, אז מיר וועלען בויען א זאך, וואס איז בנעימות׳דיג, אייביג, א זאך, וואס פארבינדט די מענטשען. אונזער בונד דארף זיין א בונד פונ׳ם שטרעבענדען לע־בען מיט די אייביגע כחות, וואס פארקניפען אונז מיט דער גאנצער וועלט. די אידעע, וואס באוועגט אונז, דארף זיין פאר אונז אן אידעע, ד׳ ה׳ א בונד, וואס דארף אונז אוועקפירען פון דער פארגענגליכקייט און אפגעריסענקייט פון די אויבערפלעכליכע צייט־ערשיינונגען און פאראייניגען אונז מיט דעם תוכן און מיט דער פעסטקייט פון גייסט. אונזער סאציאליזם מוז באדיי־טען: שאפען דאס צוקונפדיגע אזוי, ווי ס׳וואלט שוין זיין א זאך פון אייביגע יארען, פון שנים קדמוניות. ער דארף ניט קומען פון דער אויפרעגונג און פון די שארפקייטען פון דער רגע, וואס ווירקען אויף אן אומפרוכטבארען אופן, נאר — פון דער ווירקונג פון א גייסט, וועלכער איז א טראדיציע און א ירושה פון אונזער מענטשליכקייט.

מיר האבען אפגעטראטען א ביסעל אָן א זייט, ווייל מיר האבען געוואלט זאגען אונזער דאנק די פראפעסיאנעלע פאראיינען פאר זייער קאמף צוליב רוה און פרייע צייט פאר די ארבייטענ־דע מענטשען. דאס, וואס איז דא געזאגט געווארען, דארף זיין אונזער דאנק. מיר ווילען ניט זיין בלויז פראדוקטען, פועל יוצא׳ס און רעאקציעס פון די עקעלדיגע דעקאדענץ־ערשיינונגען פון דאס פארעלטערטע און נוצלאזע, נאר — פראדוקטיווע מענטשען. מיר ווילען פירען דעם געזונקענעם גייסט, וועלכער איז אמאל געווען א געזעל־שאפטליכער גייסט און איז איצט געווארען אן איזאלירונגס־גייסט, צו נייע פארמען און מאכען אים ווידער שען און לעבעדיג. אט דעריבער דארף אויך אונזער דאנק זיין פראדוקטיוו. ער מוז אנוויי־זען אויף דעם, מיט וואס מ׳דארף אנפילען די רוה און די פרייע צייט פונ׳ם מענטשען, וואס ארבייט, כדי געזונטע און שטארקע מענטשען, וועלכע זיינען באהערשט פונ׳ם גייסט, זאלען קענען צוגרייטען דאס נייע לעבען, וואס איז ארויסגעקומען פון אונז ווי עפעס א מין אורעלטע זאך, אויב דאס איז אונז טייער, אויב ס׳איז א זאך, וואס מוז בלייבען.

די פארמינדערונג פון די ארבייטס־שעה׳ען שאפט פאר די ארבייטענ־דע מענטשען א לענגערען פרייען אווענט. הגם מ׳קען זיך פריי־ען מיט דעם, וואס איז שוין פאקטיש פאראן, דארף מען דאך ניט לאזען אָן א באטראכטונג די רעזולטאטען, וועלכע ס׳האט זעהר אפט דער איסגעקעמפטער נצחון: די שטארקערע איסנוצונג פון דער ארבייטסקראפט, די געשטייגערטע אינטענסיוויטעט פון דער ארבייט. אפט האט דער קאפיטאל־קרעפטיגער אונטערנעמער, למשל אן אקציען־געזעלשאפט, א פולען יסוד זיך צו פרייען מיט׳ן דאזיגען נצחון פון די ארבייטער. אלע אונטערנעמער פון א באשטימטער בראנזשע זיינען כמעט געצוואונגען געווארען צו פארקירצען די ארבייטס־צייט. אבער די גרויסע פאבריקען זיינעז אפט ביכולת צו באשאפען זיך דערביי א הטבה דורך דער איינפירונג פון נייע מאשינעס, וועלכע בינדען צו דעם ארבייטער נאך פעסטער צום מעכאנישען אפאראט וואס באוועגט זיך שנעלער, און אזוי ארום האבען זיי א גרויסען נוצען לגבי זייער מיטעלער און קלענערער קאנקורענץ. אן אנדער מאל קומט אויך פאר די מעשה קאפויער. א ריזיגע פאבריק איז געשטערט צו איבעראנדערשען זיין אומגעהייערען מעכאניזם, בעת דער מיטעלער און קלענערער אונטערנעמער, אויב ער האט נאר א גיכען אפזאץ און א גוטען קרעדיט, קען זיך לייכטער צופאסען צו די נייע באדינגונגען.

די טעכניק האט כמעט שטענדיג א זאפאס פון אידעען און מאדע־לען, כדי צו באפרידיגען באלד אויף א געהעריגען אופן דעם דאזיגען באדארף, וועלכער האט דעם ציל ארויסצופאמפען פון דער מענטשליכער ענערגיע די ארבייט אין א געשטייגערטען טעמפ, ווי באלד די מענטשען זיינען נאר קנעכט פון דער מאשין.

דאס איז די אנדערע זייט, די ביטערע זייט, פון דער גרעסערער פרייער צייט: דער אנגעשטרענגטער ארבייטס־טאג. דער לע־בעדיגער מענטש קען אין דער אמת׳ן ניט ארבייטען בלויז כדי צו לעבען, נאר ער וויל פילען זיין לעבען אין דער ארבייט, זיך פריי־ען מיט זיין לעבען בשעת דער ארבייט. ער דארף בכן האבען ניט בלויז אן ערהאלונג, רוה און פרייד אין דער אווענט־צייט, ער דארף

האבען קודם כל פרייד פון דער ארבייט גופא, א שטארקע באטייליגונג פון זיין נשמה אין די פונקציעס פון זיין גוף. אונזער צייט האט געמאכט דעם ספארט, די אומפראדוקטיווע שפילערישע טעטיגקייט פון די מוסקולען און נערוועז, פאר א מין ארבייט אדער פראפעסיע. אין דער אמת׳ער קולטור וועט די ארבייט גופא ווידער זיין א שפילענדיגע אקטיוויטעט פון אלע אונזערע כוחות.

דער פאבריקאנט וועט אגב אפט בייטען ניט בלויז זיינע מעכאנישע אפאראטען, כדי צו קאמפענסירען דעם פארלוסט פון דער ארבייטס־צייט. אין דער פאבריק איז פאראן נאך אן אנדערער מעכאניזם, וועלכער באשטעהט ניט פון אייזען און שטאל: די ארבייטס־ארדענונג. אייניגע נייע פארארדנונגען, א פאר נייע פאסטענס פון אויפזעהער און מייסטער, פארגיכערען אפט דעם גאנג פון דער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג ממשותדיגער, איידער נייע מאשינעס. אבער דער דאזיגער מעכאניזם האט געוויס נאר זעלטען א לאנגען קיום; ס׳איז תמיד פאראן א שטילער קאמף צווישען דער פוילקייט, ד. ה. דער נאטירליכער לאנגזאמקייט פון די ארבייטער, און דער ענערגיע פון די ארבייטער. אין משך פון דער צייט איז מנצח דארטען, וואו ס׳האנדעלט זיך וועגען דעם מענטשליכען קבוץ, תמיד א מין געזעץ פון פוילקייט. דער דאזיגער קאמף פאר א לאנגזאמערע ארבייט האט שוין תמיד עקסיסטירט, שוין לאנג איידער ער איז געווארען א באקאנטער כלי־זין אין קלאסען־קאמף און א טייל פונ׳ם אזוי גערופענעם סאבאטאזש. דער דאזיגער סאבאטאזש, וועלכער פאדערט אויף די ארבייטער צו טאן לאנגזאמע, נאכלעסיגע, שלעכטע אדער גאר פארדארבענע ארבייט, קען אין איינצעלנע פאלען, צ. ב. ביי א שטרייק פון פאסט־באאמטע אדער באן־ארבייטער, האבען אן אויסגעצייכענטע פעולה. ער האט אבער אויך אן אנדער זייט, וואס צווינגט זיך צו פארטראכטען, באשר מ׳קאן דאך אפט ניט אונטערשיידען ביי די עקסטרעמע קאמף־מיטלען פון די ארבייטער, אין זייער ראליע פון פראדוצענטען פאר׳ן קאפיטאליסטישען מארק, וואו דער ארבייטער הערט אויף צו זיין דער קלאסען־באוואוסטזיניגער קעמפער און וואו ער הויבט אָן צו זיין דער מענטש אָן דעם

געפיל פון אחריות, וועלכער איז אין זיין נשמה פארדארבען דורכ'ן קאפיטאליזם, פארביטערט און געפאלען, פאר וועלכען ס'איז אן עקעל יעדע נוצליכע ארבייט.

די פארשארפטע ארדענונג ביי דער ארבייט ווירקט נאר צייטווייליג און פארבייגעהענדיג, די מאשין איז אבער אומרחמנות'דיג, זי האט איר באשטימטע פונקציע און דער ארבייטער הענגט ניט אפ מער פון א וועזען, וואס איז מער אדער ווניגער מענטשליך, נאר—פון אן אייזערנעם טייוועל, וואס איז באשאפען געווארען פונ'ם מענטשען, כדי אויסצונוצען די מענטשליכע כוחות. די פסיכאלאגישע באדייטונג פונ'ם מענטשענס פרייד ביי דער ארבייט שפילט דערביי א קנאפע ראליע. יעדער ארבייטער ווייס עס און פילט עס מיט א באזונדערער פארביטערונג, אז מאשינעס, געצייג און בהמות ווערען מער געשאנעוועט, איידער ארבייטענדע מענטשען. דאס איז, ווי אלע אנדערע זאכען, וועלכע זיינען דא ארויסגעזאגט געווארען, בשום אופן ניט קיין אגיטאטאריש־דעמאגאגישע גוזמא. ס'איז א פולשטענדיגער אמת, וועלכען מ'דארף קלאר תופס זיין. מ'האט אפט גערופען די מאדערנע פראלעטאריער שקלאפען און מ'האט באטאנט דעם דאזיגען ווארט מיט דער שטארקסטער און גרעסטער אויפרעגונג. מ'דארף אבער וויסען, וואס מ'זאגט, און מ'דארף אויך באנוצען אזא ווארט, ווי דעם ווארט „שקלאף" אין זיין קלארען, אמת'ן זין. א שקלאף האט מען געמוזט שאנעווען, מ'האט אים גוט אפגעהיט און מ'האט געמוזט מיט א באשטימטער פסיכאלאגישער פארשטענדעניש אנפירען מיט זיין ארבייט, ווייל זיין טויט האט געקאסט געלט: מ'האט געדארפט קויפען אן אנדער שקלאף. די שרעקליכסטע זאך אין דער פארהעלטניש פונ'ם היינטיגען ארבייטער צו זיין הער איז גראד דאס, וואס ער איז בשום אופן ניט אזא שקלאף, וואס אין ס'רוב פאלען איז אדרבה דעם אונטערנעמער קיין נפקא מינה ניט, צו דער ארבייטער לעבט אדער שטארבט. ער לעבט פאר'ן קאפיטאליסט; ער שטארבט פאר זיך אליין. ס'זיינען פאראן אנדערע מענטשען עד בלי די. מאשינעס און פערד מוזען געקויפט ווערען, זיי זיינען גורם, ראשית, הוצאות פון איינשאפען זיי; שנית, הוצאות פון לאזען זיי אין גאנג.

אויף אזא אופן איז די מעשה געווען אויךביים שקלאף׳ ער האט געמוזט קודם כל געקויפט ווערען און שוין אויפגעהאדעוועט ווערען אלס קינד און דאן אויסגעהאלטען ווערען׳ דעם מאדערנעם ארבייטער באקומט דער היינטיגער אונטערנעמער אומזיסט׳ ס׳איז אים קיין נפקא מינה ניט׳ צי ער באצאלט די מיטלען צום לעבען׳ דעם לוין׳ בערלען אדער שמערלען׳

אבער אויך דא׳ אין דער דאזיגער פארהעלטניש צווישען אונטערנעמער און ארבייטער׳ וועלכע האט פארלארען איר מענטשליכען׳ איר פערזענליכען כאראקטער׳ ווירקען האנט ביי האנט די קאפיטאליסטישע ארדענונג׳ די מאדערנע טעכניק און דער מלוכה־צענטראליזם׳ די קאפיטאליסטישע ארדענונג מאכט פונ׳ם ארבייטער א נומער; די טעכניק׳ וואס איז א שותף פון קאפיטאליזם׳ מאכט פון אים א רעדעל ביים מעכאניזם פון דער מאשין; און די מלוכה זארגט ניט נאר פאר דעם׳ אז דער קאפיטאליסטישער אונטערנעמער זאל ניט דארפען באקלאגען דעם טויט פון א ארבייטער׳ נאר אז ער זאל זיך לגמרי ניט דארפען אנעמען פערזענליך פאר אים אין פאלען פון קראנקהייט אדער פון אן אומגליק׳ די פארזיכערונגס־איינריכטונגען פון דער מלוכה קענען געוויס באטראכט ווערען פון פארשידענע זייטען׳ אבער איין זאך טאר מען ניט פארגעסען: אויך זיי שטעלען אוועק אויפ׳ן ארט פון דער לעבעדיגער מענטשליכקייט׳ דעם מעכאניזם׳ וואס פונקציאנירט בלינד׳

די גרעניצען פון דער טעכניק׳ ווי זי האט זיך היינט איינגעארדענט אין קאפיטאליזם׳ האבען איבערגעשטיגען די גרעניצען פון דער מענטשליכקייט׳ מ׳האט קיין דאגה ניט פאר׳ן געזונט פון די ארבייטער (דא מוז מען האבען אין זינען ניט נאר די מאשינען; זאל מען זיך דערמאנען אָן די געפערליכע אפפאלען פון מעטאל אין דער לופט פון די ווארשטאטען׳ פון די גיפט־פאבריקען׳ פון דער פארגיפטונג פון דער לופט אין גאנצע שטעדט)׳ גאנץ געוויס שפילט גאר קיין ראליע ניט די לעבענס־פרייד און דער עונג פון דעם ארבייטער בעת ער טוט זיין ארבייט׳

די מארקסיסטען און די ארבייטער־מאסען׳ וועלכע געפינען זיך אונטער זייער השפעה׳ לייגען לגמרי ניט קיין אכט אויף דעם׳

אז די טעכניק פון די סאציאליסטען מוז זיך אינ׳ם דאזיגען פרט לחלוטין אונטערשיידען פון דער קאפיטאליסטישער טעכניק. די טעכניק ביי א קולטור־פאלק וועט זיך אינגאנצען מוזען ריכטען נאך דער פסיכאלאגיע פון די פרייע מענטשען, וואס ווילען זיך מיט איר באנוצען. בעת די ארבייטענדע מענטשען וועלען אליין באשטימען אונטער וועלכע באדינגונגען זיי ווילען ארבייטען, וועלען זיי מאכען א פשרה צווישען דער גרויס פון דער פרייער צייט און דער אינ־טענסיוויטעט פון דער ארבייט, וועלכע זיי זיינען מרוצה ארויסצו־ווייזען אין דער פראדוקציע. דא וועלען די מענטשען זיין גאנץ פאר־שידען: אנדערע וועלען ארבייטען זעהר גיך און מיט ברען, כדי נאכדעם גאנץ לאנג אפצורוהען זיך אדער געניסען פארגעניגענס, די אנדערע וועלען ניט וועלען מאכען אפילו נאר איין שעה אין טאג בלויז פאר א מיטעל, זיי וועלען אויך במשך פון דער ארבייט וועלען זיין צופרידענע מענטשען, פול מיט חשק, זיי וועלען מאכען פאר זייער דעוויז: „וואס ווענינער געאיילט זיך, אלץ מער באוויזען אויפצוטאן” און וועלען צופאסען זייער טעכניק צו זייער דאזיגער טבע.

איצט קען גאר קיין רייד ניט זיין פון דאס אלץ, די טעכניק איז אינגאנצען פארשקלאפט ביים קאפיטאליסט, די מאשין, די געצייג, דער טויטער שקלאף פון די מענטשען, איז געווארען א הער איבער׳ן מענטשען, אויך דער קאפיטאליסט איז אפהענגיג אין א הוי־כער מאס פונ׳ם מעכאניזם, וועלכען ער האט איינגעפירט. און דא איז דער ארט, וואו מיר קענען באטראכטען די צווייטע זייט פון דער פארקירצונג פון דער ארבייטס־צייט. די ערשטע זייט פון דער דא־זיגער ערשיינונג דינט דעם צוועק צו שאנעווען די כוחות פון דעם ארבייטער; אויף ווי ווייט די דאזיגע טענדענץ ווערט ווידער צונישט געמאכט דורך דער שטייגענדער אינטענסיוויטעט פון דער ארבייט, האבען מיר אקארשט געזעהן. די פארקירצונג פון דער ארבייטס־צייט האט אבער אויך נאך א דערפרייענדע ווירקונג פאר די לעבע־דיגע מיטגלידער פונ׳ם ארבייטער־קלאס, וואס זי פארמינדערט די צאל פון די ארבייטסלאזע.

דער פאבריקאנט מוז דאך אויסנוצען זיינע מאשינעס. זיי מוזען ארבייטען א באשטימטע צייט, כדי צו געבען פראפיט. ער מוז זיך רעכענען מיט דער קאנקורענץ אין זיין אייגענעם לאנד און אין אויסלאנד, אויב ער וויל, אז זיין פאבריק זאל באשאפען א פראפיט. אין א סך בראנזשעס איז ער געצוואונגען צו לאזען ארבייטען די מאשינעס טאג און נאכט, כדי זיין אונטערנעמונג זאל ברענגען ריוח. ער וועט בכן דינגען מער ארבייטער, בשעת די ארבייטס־צייט ווערט פארקירצט. ער וועט גראד אפט שטארקער באנוצען די געלעגענהייט פון א קאמף מיט די ארבייטער, כדי איינצופירען א 24־שעה׳דיגע ארבייטס־צייט, ד. ה. די ארבייט אין „סמיענעס”, ביי וועלכע גרופען פון ארבייטער פארבייטען איינע די אנדערע. דער הכרח צו שאפען א ריוח, די פאדערונגען פון מעכאניזם, די תביעות פון די ארבייטער — דאס אלץ צוזאמען אין א פאראייניגטער ווירקונג איז אפט גורם, אז ס׳זאל וואקסען די צאל פון די ארבייטער און אזוי ארום ווערט פארקלענערט די אזוי גערופענע אינדוסטריעלע רעזערוו־ארמעי. דער גרעניץ וועט תמיד באשטימט ווערען דורך דער רענטאבּיליטעט פון דער אונטערנעמונג, דערביי מוז אבער געמאכט ווערען א מין פשרה צווישען די פאדערונגען פון מארק און דער אויפנאם־פעהיגקייט פון מארק. אפט וועט דער אונטערנעמער זיין געצוואונגען צוליב זיינע מאשינעס און צוליב דעם צאל פון די ארבייטער, וואס ער האט געדונגען, ווייטער צו טרייבען זיין פאבריק אין א באשטימטען מאסשטאב און אויב דער מארק פאדערט מער ניט קיין פראדוקטען, וועט ער מוזען אראפלאזען די מקחים: ווייל דער קאפיטאליסטישער מארק איז תמיד נוטה אויפצונעמען אלע מינים ארטיקלען, אויב זיי זיינען נאר גענוג ביליג. אזוי קען געשעהען אין איין צייט, אז אן אונטערנעמער זאל לאזען ארבייטען אפט טויזענטער ארבייטער טאג און נאכט און צולייגען דערביי געלט פון שעה צו שעה. ער נעמט עס אויף זיך אין דער האפענונג אויף בעסערע צייטען, בעת די פרייזען וועלען ווידער שטייגען; ווערט צונישט די דאזיגע אויסזיכט, דעמאלט מוז ער אפּשטעלען אויף באשטימטע טעג אין וואך זיין פאבריק אדער א טייל פון איר.

צו אונזער השערה׳ אז די טעכניק איז ביים היינטיגען טאג פאר־
שקלאפט ביים קאפיטאליזם׳ מוזען מיר בכן צוגעבען א הוספה׳
אז דער קאפיטאליזם איז פון זיין צד אויך א שקלאף
פון דער טעכניק׳ וועלכע ער האט אליין באשאפען. עס קומט דא
פאר דאסזעלביגע וואס מיט׳ן געלערטען תלמיד אין געטהעס ״פאוסט״
״פון די גייסטער׳ וועלכע איך האב ארויסגערופען׳ קען איך ניט פטור
ווערען״. ווער ס׳האט אוועקגעשטעלט אין די צייטען פון דער גוטער
קאניונקטור׳ פון א גוטען אפזאץ׳ זיין פאבריק אויף א באשטימטער
טעכנישער מדרגה׳ דער קען שוין מער ניט באשטימען פריי׳ וויפיל
ער וויל פראדוצירען. אויך ער איז שוין ארייגעפלאכטען געווא־
רען אין די רעדער פון זיין מאשינעריע; און אפט ווערט ער פון
זיי צוריבען צוזאמען מיט זיינע ארבייטער.

די קאפיטאליסטישע פראדוקציע איז ענג פארבונדען מיט דער ספע־
קולאציע. אויפ׳ן שטופען־לייטער פון קאפיטאליזם איז דער׳ וואס
ווערט ניט ארייגעצויגען אין ספעקולאציע דורך די באדינגונגען פון
זיין אינדוסטריעלער אונטערנעמונג און פון אפזאץ פון זיינע אר־
טיקלען׳ ממש קיין אונטערנעמער ניט. א ספעקולאנט איז יעדערער׳
וואס זיין אונטערנעמונג איז אפהענגיג פון צוויי פאקטארען׳ וועלכע
הארמאנירען ניט צווישען זיך לגמרי: פון די פאדערונגען פון זיין
מאשינען־אפאראט און מענטשליכען אפאראט פון איין זייט און פון
די פרייזען־וואקלענישען אויפ׳ן וועלט־מארק פון דער צווייטער זייט.
מענטשען אין אן ענליכען מצב׳ וועלכע צאלען אויס פון וואך צו
וואך אין משך פון חדשים און אפט פון יארען הונדערטער אדער
טויזענטער ארבייטער זייערע פעסטע וועכענטליכע שכירות׳ וועלען
ניט איינמאל זיפצען אין די צייטען׳ בעת זיי דערלייגען געלט:
״מיינע ארבייטער איז בעסער פאר מיר!״ אפט קען זיך אזא ארי־
מער גביר׳ וועלכען ס׳פארפאלגען דאגות אָן א שיעור׳ ראטעווען
נאר דורך דעם׳ וואס ער וועט מאכען גליקליכע בערזען־ספעקולאציעס
מיט א טייל פון זיין פארמעגען און וועט אויסגלייכען אויף אזא אופן
זיין אומגליק מיט דער הילף פון דער האנדעלס־ספעקולאציע. ווי
ס׳טרעפט אויך להפך׳ אז איינער׳ וואס זיין געשעפט איז אין א

בליהענדען מצב, רואינירט זיך דורך ספעקולאציע אויף א גאנץ אנדערען געביט. ווער ס'הענגט אפּ פון קאפּיטאליסטישען מארק מוז ספּעקולירען און מוז זיך צוגעוואוינען צו ספּעקולירען און מוז ספּעקולירען אויף די פארשידענסטע געביטען.

שוין צו ווייניג וויים דער ארבייטער, וואס ליידט פון קאפּיטאליזם, אט דעם דאזיגען פאקט, וואס האט אן אנטשיידענדע באדייטונג: אז אלע מענטשען, אלע אָן אויסנאם, האבען צרות אָן א שיעור און ווייניג פרייד, גאר קיין אמ'תע פרייד ניט, אין דער דאזיגער קאפּיטאַליסטישער ארדענונג. שוין צו ווייניג וויים אויך דער ארבייטער וואס פאר א דערנידעריגענדע און דריקענדע זארגען ס'האט דער קאפּיטאליסט, וואס פאר אן אומניציגע, לגמרי אומפּראדוקטיווע פּלאגעניש און יאגעניש ס'איז אים באשערט און דריקט אויף אים, ווי א משא, און שוין צו ווייניג אכט לייגען די ארבייטער אויף דער דאזיגער ענליכקייט צווישען זיי גופא און די קאפּיטאליסטען: אז ניט נאר די קאפּיטאליסטען, נאר אויך א סך הונדערטער טויזענטער פון דער ארבייטערשאפט גופא באקומען זייערע שכירות און זייער הכנסה פאר ארבייט, וואס איז לגמרי אומפּראדוקטיוו, אומנוציג און איבעריג. גראד ערשט געהט א מוראדיגע טענדענץ אין דער פּראדוקציע אויסצוארבייטען אלץ מער לוקסוס־זאכען, דערביי אויך דעם שונד־לוקסוס פאר'ן פּראלעטאריאט, און ממש שוין צו ווייניג — צו פאבריצירען די נויטיגע, ראיעלע פּראדוקטען פאר די אמת'ע באדערפענישען. די נויטיגע פּראדוקטען ווערען אלץ טייערער, דער לוקסוס ווערט אלץ מער א פּשוטער שונד און ווערט אלץ ביליגער, — אט דאס איז די טענדענץ.

לאמיר זיך איצט אומקערען פון דער זייטיגער באמערקונג, וועלכע מיר האבען געווידמעט די מעשים פון די פּראפעסיאנעלע פאראיינען, און לאמיר סוף כל סוף אונטערציהען דעם סך־הכל.

מיר האבען געזעהן, ווי די אונטערנעמער, וואס זיינען פאראינטערעסירט אינ'ם קאפּיטאליזם, די פאבריקאנטען־סוחרים און אזוי אויך די ארבייטער, וואס זיינען פאראינטערעסירט צו פארדינען אויפ'ן לעבען, און צום סוף די מלוכה האבען אלע געזארגט דערפאר, אז די סיסטעם פון דער קאפּיטאליסטישער ווירטשאפט זאל אויפגעהאלטען

ווערען, און זיי באמיהען זיך אויך ווייטער וועגען דעם, אז זי זאל עקסיסטירען. מיר האבען זיך אויך צוגעקוקט צו דעם, ווי אלע מענ־טשען זיינען פארפלאנטערט און אריינגעצויגען אין דער געגענזייטיגער עקספלאטאציע, ווי אלע היטען אפּ בהסכם כלם זייערע באזונדערע אינטערעסען און מוזען ברענגען שאדען דעם כלל, ווי אלע זיינען תמיד באדראהט פון א אומזיכערקייט, אלץ איינס אויף וועלכער מדרגה פון קאפּיטאליזם, זאלען זיך ניט געפינען.

מיר האבען אין דעם געזעהען דעם באנקראט פון מארקסיזם, וועלכער האט זיך איינגעשמועסט, אז דער סאציאליזם גרייט זיך צו פון זיך אליין אין די איינריכטונגען און אינ׳ם אנטוויקלונגס־גאנג פון קאפּיטאליזם אין דער בירגערליכער געזעלשאפט און אז דער קאמף פון די פּראלעטארישע מאסען, וואס וואקסען אלץ מער אין צאל, וואס טרעטען ארויס אלץ מוטיגער, וואס ווירקען אלץ רעוואלו־ציאנערער, — איז א נויטווענדיגער אקט, וואס איז פאראויסגעזעהן אין דער געשיכטע לשם דער אריינפירונג פונ׳ם סאציאליזם. אין דער אמת׳ן אבער איז דער דאזיגער קאמף פון די ארבייטער אין זייער ראליע אלס פּראדוצענטען פארן קאפּיטאליסטישען מארק ניט קיין אנדער זאך ווי נאר זיך־ארומדרעהען אינ׳ם קרייז פון קאפּיטא־ליזם. מ׳קען אפילו ניט זאגען, אז דער דאזיגער קאמף פירט צו אן אלגעמיינער פארבעסערונג פונ׳ם מצב פון ארבייטער־קלאס. נאר דאס זעהט מען יא, אז ער און זיינע ווירקונגען געוואוינען צו דעם ארבייטער־קלאס צו זיין מצב און צום אלגעמיינעם מצב פון דער געזעלשאפט בכלל.

דער מארקסיזם איז איינער פון די פאקטארען, און ניט קיין אומ־באדייטענדער, וואס האלטען אויף די קאפּיטאליסטישע ארדע־נונג, פארפעסטיגען איר און מאכען איר אלץ שרעקליכער אין אירע ווירקונגען אויפ׳ן גייסט פון די פעלקער, די פעלקער, דאס בירגערטום און פונקט אזוי דער ארבייטער־קלאס, זיינען אלץ מער צונויפגעוואקסען מיט׳ן כאראקטער פון דער אומזיניגער ספּעקולאטיווער און אומקולטורעלער פּראדוקציע לשם געלט־פּראפיט. אלץ קלענער ווערט די קלארקייט אין די שיכטען, וועלכע ליידען באזונדערס שטארק פון די פארהעלטנישען, וועלכע לעבען אפּט אין דחקות און

נויט, תמיד אין ארימקייט, אלץ קלענער ווערט דער חשק צום אויפ־
שטאנד און די פרייד פון באנייט־ווערען.

דער קאפיטאליזם איז ניט קיין תקופה פון פראגרעס, נאר א
תקופה פון ירידה.

דער סאציאליזם קומט ניט אויפ׳ן וועג פון א ווייטערדיגער אנט־
וויקלונג פון קאפיטאליזם און קומט ניט דורך דעם קאמף,
וואס די ארבייטער פירען אלס פראדוצענטען אין די רייען פון קאפיטאליזם.

דאס זיינען די רעזולטאטען, צו וועלכע מיר זיינען געקומען.

די יארהונדערטען, צו וועלכע ס׳געהערט אונזער געגענווארט, זיינען
צייטען פון אפלייקענונג. די פארבאנדען און קארפאראציעס,
דער גאנצער געמיינשאפטליכער לעבען פון דער פריהערדיגער קול־
טור-צייט, פון וועלכער מיר קומען ארויס, די גאנצע וועלטליכע
שענע אקטיוויטעט און לעבענסארט איז געווען דעמאלט אזוי ווי
ארומגעוויקעלט און איינגעהילט אין דער הימלישער פאנטאזיע. דריי־
ערליי זאכען זיינען דא געווען ענג פארבונדען: ראשית, דער גייסט
פון לעבען, וועלכער בינדט צונויף; שנית, די שפראך פון בילדער פאר׳ן
געפיל, וועלכער האט קיין נאמען ניט, פון דער איינהייט פון דער רוחניות־
דיגקייט און פון דער באדייטונג פון דעם „עולם ומלואו״ וועלכען די
נשמה פונ׳ם יחיד האט באמת תופס געווען, און ענדליך — דער אבערגלויבען.
אין אונזערע צייטען איז אבער דער אבערגלויבען פון די קריסטליך־
דאגמאטישע פארשטעלונגען, וואס ווערען גענומען פשוטם כמשמעם,
אלץ מער און מער ביז אין סאמע פאלק אריין אפגעשוואכט געווא־
רען און ס׳איז ווי ער וואלט אפגעריסען געווארען פון זיינע וואר־
צלען. די שטערען־וועלטען זיינען ערשט איצט אנדעקט געווארען,
די ערד און דער מענטש אויף איר זיינען גלייכצייטיג געווארען
קלענער און גרעסער. די וועלטליכע אקטיוויטעט וואקסט און צו־
שפרייט זיך. די מורא פאר טייוואלים, הימלישע כוחות, מכשפות און
שדים הויבט אן צו פארשווינדען. מ׳פילט זיך אינ׳ם אומענדליכען

רוים פון די וועלטען אויף דעם שטערנדעל, וואס דרעהט זיך, זיכערער ווי פריהער אויף דער ליבער גאטס וועלט. מ׳לערנט זיך אויס צו וויסען ממשות׳דיג די נאטור־כוחות אין זייער ווירקונג, וועלכע לאזט זיך מיט זיכערקייט בארעכענען, מ׳לערנט זיך אויס צו באדינען מיט זיי און צו פארלאזען זיך אויף זיי אָן א שום מורא. נייע מעטאדען פון ארבייט, פון דער פארענדערונג פון די נאטור־פראדוקטען זיינען אנדעקט געווארען. די ערד איז געווארען אויסגעפארשט אין אלע ווינקעלאך און באזעצט מיט מענטשען אויף דאס ניי. דער פארקער און די קאמוניקאציע געהט מיט א שנעלקייט, צו וועלכער מיר האבען זיך נאך ניט צוגעוואוינט, וועלכע דוכט זיך אונז אויס לעגענדאריש, ארום און ארום פונ׳ם גאנצען ערד־קוגעל, און אין צוזאמענהאנג מיט דאס אלץ האט זיך די צאל פון די מענטשען וואס לעבען אין איין צייט, פארגרעסערט אויף אן אויסערגעוואוינליכען אופן. ס׳זיינען געשטיגען די באדערפענישען אין א ריזיגער הויך אבער ס׳האבען זיך אויך פארגרעסערט די מיטלען זיי צו באפרידיגען.

מ׳קען בשום אופן ניט זאגען, אז אין דער דאזיגער צייט פון אויפקלערונג איז בלויז אונטערגעגראבען געווארען דער אַבערגלויבען. זיין ארט האט פארנומען אויך א פאזיטיווע זאך: דאס וויסען פונ׳ם ממשות׳דיגען באשטאנד פון דער נאטור האט אפגעשאפט דעם גלויבען אין די טייוואלישע שונאים און גוטע פריינד אין דער נאטור, די הערשאפט איבער דער נאטור האט פארנומען דעם ארט פון דער מורא פאר די פלוצלינגע מעשים און בגידות פון דער וועלט פון די שדים און רוחות, און דער דאזיגער טויט פון אזוי פיל שדים האט געפונען זעהר א רעאלען אויסדרוק אינ׳ם אויסערגעוואוינליכען וואקסען פון דער געבורט־ציפער פון די מענטשען.

מיט׳ן פאנטאסטישען הימעל, פון וועלכען מיר האבען פארטריבען די גייסטער, וועלכען מיר האבען באזעצט מיט וועלטען אָן א שיעור, איז אבער געווען צונויפגעוואקסען די גאנצע טיפערע הרגשה, דער גאנצער עקסטאז און יעטוועדע איינהייט און יעדער בונד פון די מענטשען. די שטערען־וועלט, וועלכע מיר האבען אנדעקט, די נאטור־כוחות, וואס מיט זייערע ווירקונגען זיינען מיר גע־

ווארען באקאנט, זיינען זי דרויסען, זיי זיינען נאר ראוי צו ברענ־
גען נוצען און צו דינען דעם אויסערליכען לעבען, זייער איינהייט
מיט אונזער אינערליכען לעבען דריקען מיר אפילו אויס אין כל־
ערליי פילאזאפישע שיטות, נאטור־טעאריעס און דיכטערישע שבחים,
א מאל טיפע, א מאל פלאכע, אבער זי איז ניט געווארען א שטיק פון
אונז, זי איז ניט געווארען קיין לעבעדיגע איינהייט, דאס,
וואס איז אמאל געוועז לעבעדיג, דאס בילד אדער דער גלויבען אדער
דאס שטומע וויסען, אז די וועלט איז אין איר אמת׳ן מהות, אזוי ווי
מיר טראגען איר אין זיך גופא, עפעס א גאנץ אנדער זאך, ווי דאס,
וואס ס׳זאגען אונז אונזערע פראקטישע חושים, און אז די אמת׳ע
געמיינזאמע ארבייט פון די מענטשען אין קליינע פארבאנדען פון פריי־
וויליגקייט, וועלכע איז דערמיט פארבונדען, — דאס אלץ איז חרוב ומוחרב
געווארען צוזאמען מיט׳ן טויט פון אבערגלויבען; דערביי האט דער פרא־
גרעס פון דער נאטורוויסענשאפט אדער פון דער טעכניק בשום אופן
ניט געקענט זיי פארבייטען.

אט פארוואס מיר רופען אָן די דאזיגע צייטען די תקופה פון ירידה,
ווייל ס׳איז געפאלען דאס, וואס איז דער עיקר פון דער
קולטור — דער גייסט, וועלכער פארבינדט די מענטשען.

די פרובען אומצוקערען זיך צוריק צום אלטען אבערגלויבען אדער
צו דעם פאנטאסטישען אופן צו דענקען אין בילדער, וועלכער
האט שוין פארלארען זיין זין, זיינען, הגם זיי ווערען תמיד באנייט,
בלויז געפערליכע מניעות. זיי זיינען פראדוקטען פון דער רעאקציע
און האבען א פארבינדונג מיט דער שוואכקייט און באדענלאזיגקייט
פון זוכענדע מענטשען, אין וועלכע דער געפיל איז שטארקער פאר׳ן
שכל, און בכן שטעלען זיי אויך מיט זיך פאר סוף כל סוף נאר
סימפטאמען פון ירידה. זיי ווערען נאך עקעלהאפטיגער, ווען זיי פאר־
אייניגען זיך, ווי ס׳קומט לייכט פאר, מיט׳ן צוואנגס־רעזשים פון דער
מלוכה, וועלכע איז די ארגאניזירטע גייסטלאזיגקייט.

אז מיר ריידען בכן פון ירידה האט עס גארניט געמיינזאמעס מיט
די מוסר־דרשות פון די פאסטארען אויף דער זינדיגקייט פון
אונזער וועלט און מיט זייערע רופען צו תשובה. די דאזיגע ירידה

איז א תקופה׳ וועלכע געהט אריבער׳ וואס טראגט אין זיך די טענ־
דענצען פון א נייער התחלה׳ פון א פרישען אויפשוואונג צו א
גאנצער קולטור׳

אזוי ווי ס׳איז דרינגענד נויטיג׳ אז מיר זאלען תופס זיין דעם
סאציאליזם׳ דעם קאמף פאר נייע באציהונגען׳ ד׳ ה׳ אז מיר
זאלען פארשטהן׳ אז די נייע פארהעלטנישען צווישען די מענ־
טשען וועלען קומען נאר דעמאלט׳ בעת די מענטשען׳ וואס ווערען גע־
טריבען דורכ׳ן גייסט׳ וועלען זיי באשאפען׳ פונקט אזוי וויכטיג איז׳
אז מיר זאלען זיין מוטיגע מענטשען׳ וואס בענקען ניט און קוקען
זיך ניט ארום נאך דעם׳ וואס איז שוין אוועק׳ בקיצור: אז מיר
זאלען קיין ליגנערס ניט זיין׳

הימלישע פאנטאזיע׳ אמת׳ פילאזאפיע׳ רעליגיע׳ וועלט־אנשוי־
אונג אדער ווי מ׳זאל דארטען ניט אנרופען די פרוי־
בען מצמצם צו זיין דעם וועלט־געפיל אין ווערטער און פארמען׳ זיי־
נען פאראן ביי אונז נאר פאר יחידים׳ יעדער פרוב צו גרינדען
אויפ׳ן יסוד פון אזא גייסטיגער נאָנטקייט געמיינדעס׳ סעקטעס׳ קירכעס׳
פאראייניגונגען פון וועלכען ס׳איז מין אדער כאראקטער׳ פירט אויב
ניט צו שקרים און אויב ניט צו רעאקצ׳יע׳ איז—צו א ריינער פלוי־
דעריי און צו פוסטע בטלנות׳ מיר זיינען געווארען אין אלץ׳ וואס
שטייגט אריבער די וועלט פון די חושים און פון דער נאטור׳ טיף־
איינזאמע מענטשען׳ שטומע און איזאלירטע נפשות׳ דאס באדייט
נאר׳ אז אונזער גאנצע וועלט־אנשויאונג טראגט אין זיך ניט דעם
קלענסטען אלגעמיינעם צווינגענדען כוח׳ דעם מינדעסטען עטישען
צוואנג׳ ניט די מינדעסטע התחיבות פאר דערווירטשאפט און פאר
דער געזעלשאפט׳ דאס מוזען מיר מודה זיין׳ ווייל ס׳איז אזוי׳ און
מיר קענען דאס אנערקענען אויף פארשידענע אופנים׳ מחמת מיר
לעבען אין א צייט פון אינדיווידואליזם: מיר קענען דאס מודה זיין
מיט פרייד אדער מוטלאז׳ פארצווייפעלט אדער מיט בענקשאפט׳
גלייכגילטיג אדער גאר מיט א חוצפה׳

לאמיר דאך אבער איינמאל פארשטעהן׳ אז יעדע פאנטאזיע׳
יעדע דאָגמע׳ יעדע פילאזאפיע אדער רעליגיע האט

אירע ווארצלען ניט אין דער אויסערליכער וועלט, נאר אין אונזער אינערליכער וועלט, נאר אין אונזער אינערליכען לעבען. אט די אלע אלעגאריעס, אין וועלכע די מענטשען פארבינדען אין א הארמאניע די נאטור און דעם איך, זיינען נאר דעריבער בכוח ארייצוטראגען שענקייט און גערעכטיגקייט אינ'ם געמיינשאפטליכען לעבען פון די פעלקער, ווייל זיי זיינען די אפשפיגלונגען פון די גע־זעלשאפטליכע אינסטינקטען פון אונזער אינערליכען וועזען, ווייל זיי זיינען אונזער גייסט גופא, וואס איז געווארען צו א געשטאלט. גייסט איז געזעלשאפטליכער גייסט, און ס'איז ניטא איין יחיד, אין וועלכען ס'זאל ניט רוהען וואָך אדער דרעמלענדיג דער אינסטינקט, וואס טרייבט צום כלל, צום בונד, צו דער געמיינדע, צו גערעכטיגקייט. דער נאטירליכער צוואנג צו דער פרייוויליגער פאראייניגונג פון די מענטשען צווישען זיך צוליב צוועקען פון זייער געמיינשאפט איז פאראן און קען ניט פארטיליגט ווערען. אבער מ'האט אים געגעבען א שווערען קלאפ און ער איז געלעהמט, ווייל ער איז געווען א לאנגע צייט באהעפט מיט דער וועלט־פאנטאזיע, וועלכע איז פון אים גופא ארויסגעדרונגען, וועלכע גוססט אבער איצט אדער געפינט זיך שוין אין א מצב פון צופוילען.

מיר זיינען בכן ניט אנגעוויזען אויף דעם, אז מיר זאלען שאפען איצט פאר'ן פאלק א וועלט־אנשויאונג, וואס וואלט געווען דורך און דורך א קינסטליכער, שטערבליכער, שוועכליכער אדער גאר א ראָמאנטיש־צביעות'דיגער פראדוקט און וואלט היינט זיין דירעקט באהערשט פון דער מאדע. מיר האבען אדרבה אין אונז דיווירקליכקייט פון א לעבעדיג־אינדיווידועלען געמיינשאפטליכען גייסט און מיר דארפען איר נאר לאזען שטייגען און שאפען. דער חשק צו שאפען קליינע גרופעס און געמיינדעס פון א יושר'דיגען לעבען, ניט די הימלישע פאנטאזיע אדער די סימבאלישע געשטאלט, נאר א וועלטליכע געזעלשאפטס־פרייד און גרייטקייט פון יחידים צו ווערען א פאלק, וועט אראפברענגען דעם סאציאליזם, די התחלה פון אן אמת'ער געזעלשאפט. דער גייסט וועט זיך ארויסווייזען בפועל אויף א דירעקטען אופן און וועט באשאפען גייע בולטע פארמען פון לע־

בעדיגע בלוט און פליישׁ. די סימבאָלען פון דאָס אייביגע וועלען פאַרגעשטעלט ווערען דורך די געמיינדעס, די פאַרקערפּערונגען פון גייסט וועלען זיין פאַרגעשטעלט דורך קערפּערשאַפטען אויפ'ן יסוד פון גע־רעכטיגקייט. צו הייליגע געשטאַלטען פון אונזער רעליגיע וועלען ווערען די איינריכטונגען פון אונזערווירטשאַפט.

פון דער רעכטער, ראַציאָנאַלער ווירטשאַפט. מיט'ן גאַנצען מיין איז באַנוצט געוואָרען דער דאָזיגער וואָרט, ראַציאָ, שכל, ווייל מ'דאַרף דערצו נאָך אַ זאַך מוסיף זיין.

מיר האָבען אָנגערופען אונזער צייט די תּקופה פון ירידה, ווייל דאָס סאַמע וועזענטליכע איז אָפּגעשוואַכט און פאַרדאַרבען: דער געזעלשאַפטליכער גייסט, די פּרייוויליגקייט, די שענקייט פונ'ם פאָלקס־לעבען און זיינע געשטאַלטען. אָבער מ'קען דאָך ניט אָפּ־לייקענען, אַז ס'איז פאַראַן אין אונזער צייט אַ וועלכער ס'איז פאָר־שריט. דער פּראָגרעס פון דער וויסענשאַפט, פון דער טעכניק, פון דער אָביעקטיווער עראָבערונג און באַצווינגונג פון דער נאַטור, וועלכע איז געוואָרען צו אַ זאַך, הייסט מיט אַנדערע ווערטער אויפ־קלערונג. דער שכל איז געוואָרען באַוועגליכער און ליכטיגער. און אַזוי ווי מיר האָבען אויסגעקעמפט ביי דער נאַטור די פיזיק — אין סאַמע ווייטען זין פונ'ם אויסדרוק — וואָס האָט איר חשיבות אין דער פּראַקטישער אויסנוצונג; אַזוי ווי מיר האָבען זיך אויסגעלערנט צו באַדינען זיך מיט דער חכמה פון חשבון אין דער אויסנוצונג פון די נאַטור־כּוחות, וועלען מיר אויך אַקאָרשט לערנען צו טאָן דאָס ריכטי־גע און ראַציאָנאַלע אין דער טעכניק פון די מענטשליכע באַציהונגען אויף אַן אויסערגעוועהנליך פאַרברייטערטען פעלד, אַרום און אַרום דעם גאַנצען ערד־קויגעל, ביי אַ פילפאַכיגער אָנווענדונג פון חכמת החשבון, פון צוטיילונג פון דער אַרבייט און פון די וויסענשאַפטליכע מעטאָדען. די טעכניק פון דער אינדוסטריע און די עקאָנאָמיע פון די באַציהונגען, וואָס זיינען ביידע געוואָרען שטאַרק אַנטוויקעלט, זיי־נען ביז אַהער געווען צוגעפּאַסט צום סיסטעם פון אומגערעכטיגקייט, פון שטות און פאַרגוואַלדיגונג. די פיזיקאַליש־אינדוסטריעלע, ווי די עקאָנאָמיש־סאָציאַלע טעכניק וועלען איצט העלפען דער גייער

קולטור, דעם קומענדען פאלק, אזוי ווי זיי האבען געדינט ביז אהער די פריווילעגירטע, די מושלים און די בערזע־ספעקולאנטען.

אנשטאט צו ריידען על כן וועגען א תקופה פון ירידה, אין וועלכער מיר געפינען זיך, קען מען אויך ריידען, אויב מ'וויל, פון א פראגרעס, אין וועלכען ס'איז געמאכט געווארען קודם כל א סוף צום אבערגלויבען, דאן האט זיך אין אים אלץ מער און מער אנטוויקעלט די באטראכטונג איבער דער נאטור און די באהערשונג פון איר, די טעכניק און די ראציאנעלע פאליטישע עקאנאמיע, ביז ס'וועט ווידער אויפשטייגען דער געזעלשאפטליכער גייסט, די פרייוויליגקייט, די געזעלשאפטס־אינסטינקטען, וואס זיינען געווען אין משך פון א פאר הונדערט יאר דערשטיקט. זיי וועלען באהערשען און צוזאמענבינדען די מענטשען און באקומען די ממשלה איבער די נייע מתנות.

נאך דעם, ווי די גלייכע ריכטונג פון גייסט וועט בארהערשען די יחידים מיט איר נאטירליכען צוואנג און וועט זיי האבען אויפגעזאמעלט אין חברות, וועט די אידעע, דער בליק אויף דאס גאנצע, וואס פארוואנדעלט די אינדיווידועלע ערשיינונגען און די אפגעטיילטע זאכען אין צוזאמענגעבונדענע באגריפען און איינהייטען, — וועט די אידעע ארויסטרעטען ווידער אמאל פונ'ם גייסט פון יחידים און וועט ווערען א מענטשליכער בונד, א קערפערשאפט, א געשטאלט, וואס פארבינדט; ווען ס'וועט שוין זיין די דאזיגע ערדיש־קערפערליכע פארם פון גייסט, — דעמאלט איז גאנץ לייכט מעגליך, אז ס'זאל ווידער אמאל נאך קומען אויף די מענטשען א לאנגע תקופה פון א גייסטיגען טריאומף פון א גאנצער וועלט־אנשויאונג אדער פון דער פאנטאזיע. מיר זוכען ניט אזעלכע טריאומפען, מיר וועהרען זיך אנטקעגען דעם און מיר שטרעבען לגמרי ניט צו ווערען פארשקלאפט דורך אבערגלויבענס. צו וועניג ווייסען מיר אויך פון די קרייז־וועגען פון דער מענטשליכער געשיכטע, אז מיר זאלען קענען זאגען מיט וועלכער ס'איז זיכערקייט, אז דער דאזיגער קרייז מוז אמאל ווידער ווערען אפגעשלאסען, און אז ס'מוז זיך ווידער אמאל פארבינדען דער אבערגלויבען מיט דער אידעע און מיט'ן בונד און מיט דער קאסמיש־רעליגיעזער קונסט־געשטאלט און ווידער

אמאל וועט מוזען דעמאלט פארניכטעט ווערען דער געזעלשאפטליכער גייסט צוזאמען מיט'ן אבערגלויבען און ס'וועט ווידער באשאפען ווערען דער אינדיווידואליזם און די איזאלירטקייט און אזוי כסדר תמיד ווייטער. מיר האבען קיין רעכט ניט צו מאכען אזעלכע קאנסטרוקציעס. ס'קען זיין, אז ס'איז א הכרח; די צוקונפט קען אויך אויסזעהען א סך אנדערש. מיר זייגען נאך גארניט אזוי ווייט אוועק. דאס, וואס ס'איז לעת עתה אונזער אויפגאבע, שטעהט קלאר פאר אונז: ניט דער שקר, נאר דער אמת. ניט די קינסטליכקייט פון א רעליגיעזער אימיטאציע, נאר די ווירקליכקייט פון דער סאציאלער שאפונג און א שאדען פאר דער פולער גייסטיגער אומאפהענגיגקייט פון די יחידים.

די נייע געזעלשאפט, וועלכע מיר ווילען צוגרייטען, וואס איר גרונדשטיין שטרעבען מיר צו לייגען, וועט ניט זיין קיין צוריקקער צו וועלכע ס'איז אלטע בנינים. ס'וועט זיין דאס אלטע אין א נייער געשטאלט, ס'וועט זיין א קולטור מיט די מיטלען פון א ציוויליזאציע, וועלכע איז פון דאס ניי אויפגעוואקסען אין די דאזיגע יארהונדערטען.

אבער אזא ניי פאלק קומט ניט פון זיך אליין: ס'איז גאר קיין מוז ניטא, אז ס'וועט קומען, ווי ס'גלויבט אינ'ם דאזיגען מוז די פאלשע וויסענשאפט פון די מארקסיסטען. ס'דארף קומען, ווייל מיר סאציאליסטען ווילען עס, ווייל מיר טראגען שוין אין זיך אזא פאלק אלס א גייסטיגען מאדעל.

ווי הויבען מיר בכן אָן? ווי אזוי קומט דער סאציאליזם? וואס דארף מען טאָן? ראשית כל טאָן? שוין תיכף טאָן? אויף דאס אלץ צו געבען א תשובה איז צום סוף אונזער אויפגאבע.

VI

אין דער געשיכטע פון אונזער צייט איז געווען א מאמענט, וואס איז ראוי לזכרון, בשעת פיער זשאזעף פּרודאָן האט געזאגט צו זיין פאלק, אין צוזאמענהאנג מיט דער פראנצויזישער פעברואר־רעוואלוציע פון 1848, וואס מ׳דארף טאָן, כּדי צו גרינדען די געזעלשאפט פון גערעכטיגקייט און פרייהייט. ווי אלע זיינע רעוואלוציאנערע פאלקס־חברים פון יענער צייט, האָט ער נאך אינגאנצען געלעבט אין דער טראדיציע פון דער רעוואלוציע, וואס האט אויסגעבראכען אין 1789. לויט׳ן געפיל פון יענער צייט איז די גרויסע רעוואלוציע בלויז איבערגעריסען געווארען ביים סאמע אנהויב דורך דער קאנטער־רעוואלוציע און דורך די רעגירונגען, וואס זיינען נאכדעם געקומען, פון וועלכע קיינע האט זיך ניט געקענט פארפעסטיגען אויף לאנג. ער האט געזאגט: די רעוואלוציע האט געמאכט א סוף צום פעאָדאליזם. זי מוז אויפבויען אויף זיין ארט א נייע זאך. דער פעאדאליזם איז געווען א ווירטשאפטליכע ארדענונג און א מלוכה־ארדענונג, ס׳איז דעמאלט געווען א צוגלידערטע מיליטערישע סיסטעם פון שיכטען און פון רשות איבער די מענטשען. שוין פון הונדערטער יארען איז די דאזיגע סיסטעם אפגעשוואכט געווארען דורך פרייהייטען, די בירגערליכע פרייהייט האט געהאט אלץ מער און מער נצחונות און האט זיך פארפעסטיגט. זי האט אבער אויך צושטערט די אלטע ארדענונג און די זיכערקייט אין דער עקסיסטענץ, די אלטע חברות און די פארבאנדען, א קליינער טייל איז נתעשר געווארען אין דער בירגערליכער פרייהייט, די מאסען לעבען אין דחקות און אין אומזיכערקייט מיט׳ן מארגענדיגען טאָג. וואס דארף מען טאָן, כּדי די פרייהייט זאל ווערען פארהיט און פארפעסטיגט, און אזוי איינגעאָרדענט, אז אלע זאלען פון איר געניסען, און ס׳זאל נאך אבער צוקומען דערצו די עקאנאמישע זיכערקייט, די גרויסע גלייכהייט אינ׳ם באזיץ און אין די לעבענס־באדינגונגען, די נייע ארדענונג?

די רעוואלוציאנערען, זאגט ער, ווייסען נאך ניט, אז די אויפגאבע פון דער רעוואלוציע איז: צו מאכען א סוף צום מיליטאריזם, ד. ה. צו דער רעגירונג; אז איר אויפגאבע איז אוועקצושטעלען אויפ'ן ארט פון דער פאליטיק דעם סאציאלען פרינציפ — צו שאפען אנשטאט דעם פאליטישען צענטראליזם די דירעקטע פארבינדונג פון די ווירטשאפטליכע אינטערעסען; דעם ווירטשאפט־ליכען צענטראל־אַמט, וואס דארף מיט זיך פארשטעלען ניט קיין הערשאפט איבער מענטשען, נאר בלויז א רעגולירונג פון די געשעפטליכע באציהונגען.

איר, זאגט ער צו די פראנצויזען, זייט קליינע און מיטעלע פויערים, קליינע און מיטעלע בעלי־מלאכות. איר ארבייט אין פעלד, אין דער אינדוסטריע, אינ'ם טראנספארט און אין מסחר. ביז אהער האט איר זיך גענויטיגט אין קיסרים און באאמטע, כדי זיך צו דערנענטערען איינער צום אנדערען און זיך צו שיצען איינער פון אנדערען. פון א קיסר זייט איר פטור געווארען אין יאר 1793. דעם ווירטשאפטליכען מלך אבער, דאס געלד, האט איר זיך איבערגעלאזען, און מחמת איר האט איבערגעלאזען ביי זיך אין לאנד אט דעם אומגליק און די אומארדענונג און די אומגערעכטיגקייט, האט איר אויך געמוזט ארײנלאזען ווידער צו זיך קיסרים און באאמטע און ארמעיען. שאפט אפ די הערשענדע פארמיטלער, שאפט אפ די צינזען, דעמאלט וועט זיין באשאפען די געזעלשאפט, די יורש'טע פון פעאדאליזם, די יורש'טע פון דער מלוכה.

וואס איז אזוינס געלד? וואס איז אזוינס קאפיטאל? ס'איז ניט קיין זאך, ווי א שוך אדער א הויז. ס'איז ניט קיין געגענ־שטאנד, ס'האט גארניט קיין אמת'ע ממשות. געלד איז בלויז א צייכען פון א פארהעלטניש, קאפיטאל איז עפעס אזוינס, וואס געהט ארום צווישען די מענטשען אלס א באציהונג, איז אזוינס וואס עקסיסטירט בלויז צווישען די מענטשען. קאפיטאל איז קרעדיט; קרעדיט איז געגענזייטיגקייט פון די אינטערעסען. איר געפינט זיך ערשט אין א רעוואלוציאנערע צייט. ס'איז צו אייך

געקומען, ס׳איז צווישען אייך אנטשטאנען די רעוואלוציע, דאס הייסט די התלהבות, דער גייסט פון צוטרוי, דער עקסטאז פון א שטרעבונג צו א גלייכהייט, דער חשק צו מאכען זעהר ראַ־דיקאלע שינוים אויף א גרינדליכען אופן, באשאפט זיך איצט די דירעקטע געגענזייטיגקייט, זארגט פאר יענע אינסטיטוציעס, וועלכע זאלען אייך געבען די מעגליכקייט זיך מְקָרב צו זיין איינער צום אנדערען מיט די פראדוקטען פון אייער ארבייט אָן פאראזיטישע און אויסזייגענדיגע צווישען־פארמיטלער, דעמאלט וועט איר בכלל מער ניט דארפען די אפיטרופסות פון אן אדמיניסטראציע, און ס׳וועט ניט נויטיג זיין, אז די פאליטישע אלמעכטיגקייט פון דער רעגירונג זאל נאך ארומנעמען דעם ווירטשאפטליכען לעבען, פון וואס ס׳ריידען די סאמע נייסטע „פארטאטשעס״: די קאמוניסטען, די אויפגאבע איז: אפצוהיטען די פרייהייט אין דער ווירטשאפט און אינ׳ם געזעלשאפטליכען לעבען און ערשט באשאפען איר כדבעי, זי זאל זיין א ממשות, און דאך זארגען פאר דער גלייכהייט, פאר דער אפשאפונג פון דחקות און פון דער אומזיכערקייט, אפשאפען דאס אייגענטום, וואס איז ניט קיין באזיץ פון טויטע זאכען, נאר א הערשאפט איבער מענטשען אדער אַ שקלאפעריי, און די צינזען, וואס זיינען א מיטעל פון אויסנוצונג און עקספלאטאציע, שאפט פאר זיך די טויש־באנק!

וואס איז די טויש־באנק? דאס איז בלויז די אויסערליכע פארם, די מאטעריעלע אינסטיטוציע פון דער פרייהייט און פון דער גלייכהייט, יעדערער, ווער ס׳ארבייט נאר אויס נוציגע זאכען: דער פויער, דער בעל־מלאכה, דער ארטיעל פון די ארבייטער, זאלען נאר אלע פשוט ווייטער ארבייטען, די ארבייט דארף ערשט גארניט ארגאניזירט ווערען, דאס הייסט אוועקגעשטעלט ווערען אונטער דער אפיטרופסות פון דער אדמיניסטראציע אדער ווערען סאציאליזירט, דו, סטאליאר, מאך מעבעל, דו, שוסטער, מאך שטיוועל, בעקער, באק ברויט און אזוי ווייטער, אלע צוזאמען פראַ־דוצירען אלץ, וואס דאס פאלק דארף האבען, סטאליאר, דו האסט קיין ברויט ניט? געוויס קענסטו ניט געהן צום בעקער און אים

פארלייגען שטולען און שאפעס׳ אין וועלכע ער נויטיגט זיך ניט׳ געה צו דער טויש־באנק און בייט דארט אויס דיינע באשטעלונגען׳ דיינע פאקטורען אויף טשעקען׳ וואס זיינען גילטיג פאר אלעמען׳ פראלעטאריער׳ איר וואלט מער ניט געוואלט געהן צום אונ־טערנעמער ארבייטען פאר שכירות? איר ווילט זיין אומאפהענגיג? אבער איר האט דאך ניט קיין ווארשטאטען׳ קיין געצייג׳ קיין לעבענס־מיטלען? איר קענט ניט רוהיג ווארטען אויף דעם און מוזט זיך תיכף פארדינגען צו אימיצען אויף ארבייט? אבער צו האט איר דען ניט קיין קונים? צו וואלטען די אנדערע פראלעטאריער׳ צו וואלט איר׳ פראלעטאריער אלע צוזאמען׳ ניט אויסגעביטען אליין בעסער איינער ביי דעם אנדערען אייערע פראדוקטען׳ אָן דער אריינמישונג פון א פארמיטלער׳ וואס זוכט בלויז זיין נוצען׳ טא זארגט זשע צו באקומען באשטעלונגען׳ איר טיפשים! די קונדשאפט איז וויכטיג׳ די קונדשאפט איז געלט׳ ווי מ׳זאגט עס היינט. מוז באם כן די קייט תמיד זיין: נויט — שקלאפעריי — ארבייט — פראדוקט — שכירות — פאַרברויך? צו איז שוין פאר אייך גארניט מעגליך אנצוהויבען פון דאס׳ וואס ס׳שטעלט מיט זיך פאר די נאטירליכע התחלה: קרעדיט׳ צוטרוי׳ געגענזייטיגקייט? אזוי אז די קייט זאל זיין: באשטעלונג—קרעדיט אדער געלט—פארברויך—ארבייט—פראדוקט? די געגענזייטיגקייט איז משנה דעם גאנצען סדר. די געגענזייטיגקייט שטעלט אויף צוריק די ארדענונג פון דער נאטור. די געגענזייטיג־קייט שאפט אפּ די הערשאפט פון גאלד. די געגענזייטיגקייט איז נויטיג קודם כל דבר: קודם כל דארף זיין דער גייסט צווישען די מענ־טשען׳ וועלכער גיט די מעגליכקייט צו ארבייטען און צו באפרידיגען די באדערפנישען פאר אלע מענטשען׳ וועלכע ווילען נאר טאָן׳

זוכט ניט קיין שולדיגע׳ זאגט ער׳ אלע זיינען שולדיג: די׳ וואס פארקנעכטען אנדערע און נעמען צו ביי אנדערע דאס נויטיגסטע אדער לאזען זיי טאקע איבער בלויז דאס נויטיגסטע׳ און די׳ וועלכע לאזען זיך פארקנעכטען׳ און די׳ וועלכע דינען צו די הערען׳ וואס פארקנעכטען אלס אויפזעהער און מושלים איבער דער ארבייט פון די שקלאפען. די נייע ווירקליכקייט וועט

מען ניט באשאפען פונ׳ם גייסט פון נקמה׳ פון א ווילדען כעס און פון א תאוה צו צושטערונג׳ צושטערען דארף מען אין א גייסט׳ וועלכער איז אויך בכוח אויפצובויען׳ רעוואלוציאניזירען און איינהייטען פון צושטערונג זיינען ניט קיין הפכים. הערט אויף נאכצומאכען די אלטע רוימער׳ די יאַקאָבינישע דיקטאטאר־פאליטיק האט אפגעשפילט איר ראליע׳ דער גרויסער טעאטער פון דער טריבונע און פונ׳ם שענעם זשעסט וועט אייך נאך ניט באשאפען די געזעל־שאפט. ס׳שטעהט די פראגע וועגען דעם אופן פון א פאַרווירקליכונג. ארבייט אויס נוציגע זאכען אין א גענוגענדער מאס. איר וואלט געוואלט פארברויכען נוציגע זאכען אין א ווירטשאפטליכען סדר מיט א יושר־דיגער פארטיילונג. דארפט איר בכן טוישען צווישען זיך כראוי.

ס׳איז ניטא קיין איין ווערט׳ זאגט ער׳ וועלכען די ארבייט זאל ניט האבען געשאפען. די ארבייטער האבען געשאפען די איבערמאכט פון די קאפיטאליסטען; און זיי האבען איר ניט געקענט האלטען פאר זיך און אויסנוצען׳ מחמת זיי זיינען איזאלירטע קבצנים׳ זיי פארמערען דעם באזיץ פון די פארמעגליכע און באשאפען פאר זיי דאס אייגענטום׳ די מעגליכקייט פון שקלאפען־הערשאפט. אבער ווי קינדעריש איז עס בנאמנות׳ וואלט ער געקענט זאגען׳ בלויז אויסצוקוקען דעם זאפאס פונ׳ם אנגעזאמעלטען באזיץ׳ וואס געפינט זיך אין די הענט פון די פריוויליגירטע מענטשען׳ און נאר קלערען וועגען צונעמען אים דורך פאליטישע אדער רעוואלוציאנערע מעטאדען׳ ער געפינט זיך דאך תמיד אין א פליסיגען מצב׳ תמיד אין א צירקולאציע׳ היינט פליסט ער פון איין קאפיטאליסט צום אנדערען דורך די פארברויכער — די ארבייטער׳ זארגט דורך נייע איינריכטונגען׳ דורך א שינוי אין די פארהעלטנישען פון די מענטשען׳ אז ער זאל פליסען פון קאפיטאליסט צום ארבייטער׳ צו די פארברויכער׳ פון זיי אבער — ניט ווידער צוריק צום קאפיטאליסט׳ נאר אין די הענט אריין פון די זעלביגע ארבייטער׳ פון ארבייטער־פראדוצענטען.

מיט א כוח׳ וואס האט ניט זיינס גלייכען׳ אין וועלכען ס׳האט זיך פאראייניגט א גרויסע ניכטערקייט מיט א וואַרימקייט׳

א ליידענשאפט און א פּראַקטישער שכל, האט פּרודאָן אט דאס אלץ געזאגט. האט ער פאַרגעשלאָגען פאַר׳ן מאמענט פון א רעוואָלוציע, פון דעזאָרגאַניזאַציע, פון איבערגאַנג, פון דער מעגליכקייט פון ברייטע פונדאַמענטאַלע מעשים די איינצעלנע טריט. די דעקרעטען, זיי האבען געזאָלט באַשאַפען דאָס נייע, זיי האבען געזאָלט זיין דער לעצטער אקט פון דער רעגירונג. זיי וואלטען באמת געמאַכט פון דער דאָזיגער דעמאלטיגער רעגירונג, אזוי ווי זי האט זיך אויך א נאָמען געגעבען, א פּראָוויזאָרישע רעגירונג.

דער קול איז געוועזן, ס׳זיינען אבער ניט געוועזן די אויערען צו הערען, דער מאמענט איז געוועזן און איז אוועק, אויף אייביג אוועק.

מ׳האט ניט געפאָלגט פּרודאָנען, דעם מענטש, וועלכער האט געוואוסט דאָס, וואס מיר סאָציאַליסטען ווייסען היינט ווידער: דער סאָציאַליזם איז מעגליך אין יעדער צייט און איז אוממעגליך אין יעדער צייט. ער איז מעגליך, בעת ס׳זיינען פאַראַן די ריכטיגע מענטשען, וואס ווילען אים, דאס הייסט: וואס פאַרווירקליכען אים מיט מעשים; און אוממעגליך איז ער, בעת די מענטשען ווילען אים ניט, אדער ווילען אים סתם מיט׳ן מויל, אבער זיינען ניט מסוגל צו מעשים.

אנשטאט צו פאָלגען אים האט מען זיך צוגעהערט צו אן אנדערען, וועלכער האט געלערנט מיט דער פאַלשער וויסענשאַפט, וועלכע מיר האבען אויסגעפאָרשט און אפּגעוואָרפען דער סאָציאַליזם, איז די קרוינונג פון׳ם קאַפּיטאַליסטישען גרויס־באַטריב, ער קומט ערשט דעמאלט, בעת א גאַנץ קליינע צאָל קאַפּיטאַליסטען וועלען זיין די פּריוואַט־באַזיצער פון אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען שוין כמעט סאָציאַליסטישע און ס׳וועט זיין א לייכטע אויפגאַבע פאַר די פאַראייניגטע פּראָלעטאַרישע מאַסען צו פאַרוואַנדלען דעם פּריוואַט־באַזיץ אין א געזעלשאַפטליכען אייגענטום.

אנשטאט זיך צוצוהערען צו פּ. זש. פּרודאָן, דעם מענטש פון סינטעז, האט מען געהערט קאַרל מאַרקס׳ן, דעם מענטש פון אַנאַליז, און בזה האופן האט מען דערלאָזען, אז

די דעזארגאניזאציע, די צושטערונג, די ירידה זאל זיך ציהען אָן א סוף.

מארקס, דער מענטש פון אנאליז, האט געארבייט מיט פעסטע, פארגליווערטע באגריפען, וואס געפינען זיך ווי די געפאנגענע אין די ווערטער, וואס דריקען זיי אויס; מיט די דאזיגע באגריפען האט ער געוואלט געפינען אן אויסדרוק פאר די אנטוויקלונגס־געזעצען און געוואלט זיי שוין כמעט דיקטירען באפעלען.

פרודאן, דער מענטש פון סינטעז, האט אונז געלערנט, אז די אפגעשלאסענע ווערטער, וועלכע דריקען אויס באגריפען, זיינען נאר סימבאלען פון דער באוועגונג, וועלכע קומט פאר כסדר און הערט ניט אויף; ער האט די באגריפען צושמאלצען אין א שטראם פון קאָנטינואיטעט.

מארקס, דער מענטש פון דער כלומר׳שטער וויסענשאפט, וועלכע איז פול מיט פרעטענזיעס צו וויסען אלץ, איז געוועזען דער געזעצגעבער און דער דיקטאטאר פון דער אנטוויקלונג. ער האט איבער איר געזאגט זיין ווארט. און אזוי, ווי ער האט באשטימט, אזוי האט אויך געמוזט זיין איינמאל פאר אלעמאל: דאס, וואס קומט פאר, דארף אויסזעהען ווי א פארטיגער, אפגעשלאסענער, טויטער „זיין". מהאי טעמא איז פאראן א מארקסיזם, וועלכער איז א דאקטרינע און איז שוין כמעט א דאגמע.

פרודאן, וועלכער האט ניט געוואלט פארענטפערען קיין פראגע מיט ווערטער, וועלכע זאלען זיין פעסט ווי טויטע זאכען, האט אויף׳ן ארט פון גרייטע, פארענדיגטע געגענשטאנדען אוועקגעשטעלט באוועגונגען, באציהונגען, אויפ׳ן ארט פון דאס כלומרשטע „זיין" דאס „ווערען", אויפ׳ן ארט פון גראבע, בולט׳ע זאכען דאס אומבאמערקבארע „אהין און אהער". סוף כל סוף האט ער פארוואנדעלט — אין זיינע רייפסטע ווערק — די סאציאל־עקאנאמיע אין פסיכאלאגיע, די פסיכאלאגיע אבער האט ער פארוואנדעלט פון דער פארגליווערטער אינדיווידואל־פסיכאלאגיע, וועלכע מאכט פון יעדען איינצעלנעם מענטשען אן

איזאלירטע זאך׳ — אין א סאציאל־פסיכאלאגיע׳ וועלכע איז תּופס דעם מענטשען אלס א גליד פון א שטראם פון „ווערען״ וואס איז אומענדליך׳ קען ניט צוטיילט ווערען און האט קיין נאמען ניט. עס איז על כּן ניטא קיין פּרודאָניזם׳ נאר בלויז איין פּרודאָן׳ דעריבער קען דאס אמת׳ע ווארט׳ וואס פּרודאָן האט געזאגט פאר א באשטימטען מאמענט׳ ניט מער טויגען היינט׳ בעת מ׳האט געלאזען די זאכען געהען ווייטער פון זיך אליין שוין אין משך פון צענדליגער יארען׳ גילטיג קען בלויז זיין דאס אייביגע׳ וואס פּרודאָן האט פארשטאנען׳ ס׳קען ניט געמאכט ווערען דער שקלאפישער פּרוב אומצוקערען זיך צוריק צו אים׳ צו א פארגאנגענעם היסטארישען מאמענט.

די מארקסיסטען האבען געזאגט אויף פּרודאָנען׳ אז זיין סאציאליזם איז א קלייינבירגערליכער סאציאליזם. ס׳איז׳ לאמיר עס איבערחזר׳ן׳ לגמרי ריכטיג און ס׳איז זיין העכסטער שבח און כּבוד. אנדערש אויסגעדריקט באווייזט עס׳ אז זיין סאציאליזם פון 1848—1851 איז געווען דער סאציאליזם פונ׳ם פראנצויזישען פאלק פון 1848 ביז 1851. ס׳איז געווען דער סאציאליזם׳ וועלכער איז געווען מעגליך און נויטיג אין יענעם מאמענט. פּרודאָן איז ניט געווען קיין אוטאפּיסט און ניט קיין צוקונפטס־טרעפער; ניט קיין פוריע און ניט קיין מארקס; ער איז געווען א מענטש פון מעשים און פון א פארווירקליכונג.

מיר ריידען דא אבער בפירוש פון פּרודאָנען — דעם מענטשען פון 1848—1851. דער דאזיגער מענטש האט געזאגט׳ און דער מאמענט איז געווען דערצו צוגעפּאסט׳ וואס מ׳האט געמוזט זאגען: רעוואלוציאנערען׳ אויב איר וועט עס טאָן׳ וועט איר באשאפען א גרויסע איבערקערעניש.

ס׳איז ניט געווען קיין אנגענעמע זאך פאר דעם מענטשען פון די שפּעטערדיגע יארען׳ פון וועלכען מיר קענען פונקט אזוי פיל לערנען׳ ווי פון פּרודאָן פון 1848׳ איבערצוחזר׳ן אויך נאך דער רעוואלוציע די ווערטער פון דער רעוואלוציע־צייט אין א פּוסטער קאמעדיאנטישער אדער פּאָנאָגראפישער זעלבסט-

קאַפּירונג. אַלץ האָט זײַן צײַט. און תּמיד איז די צײַט נאָך אַ רעוואָלוציע — אַ צײַט פון פאַר דער רעוואָלוציע פאַר די אַלע, וואָס זײַער לעבן איז ניט געבליבן שטעהען אין׳ם גרויסען מאָמענט פון׳ם עבר. פּרודאָן האָט געלעבט ווײַטער, הגם ער האָט געהאַט אויפ׳ן לײַב אַ סך אָפענע וואונדען; איצט ערשט האָט ער זיך געשטעלט די פראַגע: איך האָב געזאָגט, "אויב איר וועט עס טאָן, אָבער הלמאי האָבען זיי עס ניט געטאָן?" ער האָט געפונען די תּשובה און האָט איר אויסגעטײַטשט אין אַלע זײַנע שפּעטערדיגע ווערק, די תּשובה, וואָס באַדײַט אויף אונזער לשון:

מחמת ס׳איז ניט געווען דער גײַסט.

ער איז ניט געווען דעמאָלט און ער האָט פון יענער צײַט אָן געפעלט אין משך פון זעכציג יאָר און איז אַלץ טיפער געפאַלען און געזונקען. אַלץ, אויף וואָס מיר האָבען אָנגעוויזען ביז אַהער, קען מען אויסדריקען אין איין זאַץ: מ׳האָט געוואַרט אויפ׳ן פּאַסיגען מאָמענט, וואָס איז כּלומרשט פאָראויסגעזעהען אין דער געשיכטע, און דאָס האָט אָפּגערוקט אַלץ ווײַטער און ווײַטער דעם דאָזיגען ציל, אָפּגעשטויסען אים אַלץ ווײַטער אין דער טונקעלער און דער מטושטשידיגער צוקונפט אַרײַן. מ׳האָט זיך פאַרלאָזען אויף דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג (אַזוי האָט מען אַ נאָמען געגעבען דעם מצב פון ירידה) און די דאָזיגע „אַנטוויקלונג" האָט צוגעפּאַסט די אויסערליכע און די אינערליכע פאַרהעלטנישען אַלץ מער צום מצב פון ירידה און אַלץ שטאַרקער דערווײַטערט פון זיי די רעוואָלוציע, מיט זײַער לאָזונג: „ס׳איז נאָך ניט געקומען די צײַט!" ווען די מאַרקסיסטען האָבען רעכט כּל זמן די מענטשען וועלען זיי גלויבען אין דעם, און זיי וועלען תּמיד אַלץ מער זײַן גערעכט. איז עס ניט, באמנות, די שווינדעריכסטע אילוזיע, וועלכע ס׳האָט ווען ס׳איז עקסיסטירט און משפּיע געווען, אַז אַ וואָרט זאָל זײַן אמת בלויז דערפאַר, ווײַל מ׳זאָגט אים אַרויס און מ׳נעמט אים אויף באמונה שלמה? און איז ניט באמת קלאָר פאַר יעדערען, אַז דער פּרוב אויסצודריקען דאָס „ווערען" פּונקט אַזוי, ווי דאָס וואָלט געווען אַ פאַרענדיגטער

„זיין" אויב ער באקומט נאר א מאכט איבער דעם גייסט פון אַ מענטשען, מוז באמת פירען צו דעם, אז ס'זאלען פאראליזירט ווערען די כוחות פון דער געשטאלטונג פון לעבען און די שאפונגס־קראפט ?

אט פארוואס מיר ווערען ניט מיד אין אונזער אנגריף קעגען מארקסיזם, אט פארוואס מיר קענען פון אים כמעט ניט פטור ווערען, אט פארוואס מיר זיינען אים א דם־שונא, מחמת ער איז ניט קיין באשרייבונג און ניט קיין וויסענשאפט, ווי מ'וויל אונז איינשמועסען, נאר — א רוף, וואס מאכט ווילענסלאז, רעזיגנירט און אומטעטיג, די בינען־פלייסיגע קליין־ארבייט פון דער סאציאל־דעמאקראטיע — וואס איז שוין אגב ניט קיין מאַרקסיזם — איז נאר די צווייטע זייט פון דער שוואכקייט און באווייזט נאר, אז דער סאציאליזם איז ניט פאראן, ווייל דער סאציאליזם אין א קליינעם אדער אין א גרויסען מאַסשטאב, פירט אויס זיין ארבייט גרינדליך און ניט אין קלייניגקייטען, ניט די קליינארבייט גופא דארף מען אפוואַרפען, נאר יענעם מין קליינארבייט, וועלכער דרעהט זיך אין קרייז פון דער עקסיסטירענדער משוגעת, ווי א פארוועלקטע בלאט אין א ווינט־שטורעם.

די אזוי גערופענע רעוויזיאניסטען, וועלכע זיינען גאר באזונדערס פלייסיג און פלינק אין דער קליינאר ארבייט און וועלכע שטימען איין מיט אונז גאנץ אפט און זייער קריטיק פונ'ם מארקסיזם — ס'איז אויך קיין וואונדער ניט, זיי האבען איר גענומען צום גרעסטען טייל פונ'ם אנארכיזם, פון עייגען דיורינג און אנדערע אומאפהענגיגע סאציאליסטען, — האבען זיך ביסלאכווייז פארליבט אין עפעס אַזוינס, וואס מ'וואלט געקענט אנרופען די פרינציפיעלע טאקטיק, אזוי אז זיי האבען צוזאמען מיט'ן מארקסיזם ארויסגעוואָרפען פון זיך כמעט ביז צום לעצטען האר אויך דעם סאציאליזם, זיי האלטען ביים גרינדען א פארטיי, וואס דארף אונטערשטיצען דעם ארבייטער־קלאס אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט אויף פארלאמענטארישע און ווירטשאפטליכע אופנים, אויב די מארקסיסטען געהערען צו די מאמינים אין דער אנטוויקלונג לויט דער שיטה פון העגעל, זיינען

די רעוויזיאניסטען אנהענגער פון דער אנטוויקלונג עפ״י שיטת דאַרווין, זיי גלויבען ניט מער אין דער קאטאסטראפע און אין די זאכען, וועלכע קומען פאר פלוצלינג. דער קאפּיטאליזם, מיינען זיי, וועט ניט פארוואנדעלט ווערען אויף א רעוואלוציאנערען אופן אין א סאציאליזם, נאר ער וועט ביסלאכווייז אננעמען אזא געשטאלט, אז ער וועט אלץ מער און מער זיין צו דערליידען.

עטליכע פון זיי וואלטען גאר אפען מודה געווען גאנץ גערן, אז זיי זיינען ניט קיין סאציאליסטען, און זיי געהען אוועק אזוי ווייט אין זייער צופאסען זיך צום פארלאמענטאריזם, צו דער פארטיי־חריפות און פראקציע־פקחות, צום געיעג נאך וועלער און צום מאנארכיזם, אז ס'איז נשתומם צו ווערען. אנדערע האלטען זיך נאך דורכויס פאר סאציאליסטען. זיי גלויבען, אז ס'קומט פאר א כסדר'דיגע, לאנגזאמע אבער א זיכערע פארבעסערונג פון דעם פריוואטען מצב פון די ארבייטער, אז ס'פארגרעסערט זיך דער אנטייל פון די ארבייטער אין דער פראדוקציע דורך דעם אזוי גערופענעם אינדוסטריעלען קאנסטיטוציאנאליזם, אז ס'פארבעסערען זיך די עפענטליך־רעכטליכע פארהעלטנישען דורך די דעמאקראטישע איינ־ריכטונגען אין אלע לענדער. זיי ציהען אונטער דעם סך הכל אין דער קאטאסטראפע פון דער מארקסיסטישער דאקטרינע, וואס איז אויך דורך זיי דייטליך פארשטאנען געווארען און איז אין א באשטימטער מאס אויך אונטער זייער ווירקונג פארגעקומען, — אז דער קאפּיטאליזם געפינט זיך שוין אויפ'ן בעסטען וועג צום סאציאליזם, און די אויפגאבע פון די סאציאליסטען איז ענערגיש מיטצוהעלפען און אונטערשטיצען די דאזיגע אנטוויקלונג. מיט דער דאזיגער אויפאסונג זיינען זיי שוין גארניט ווייט אוועק פון דעם, וואס ס'האט לכתחילה כולל געווען אין זיך דער מארקסיזם, און די אזוי גערופענע ראדיקאלען זיינען פון תמיד אָן שוין געווען אויף די זעלביגע וועגען און טראגען נאר דעם וואונש, אז מ'זאל דעם דאזיגען אמת ניט אויסזאגען די מאסען פון די וועלער, אין וועלכע מ'וועקט כסדר די רעוואלוציאנערע שטימונג, ווייל נאר דורכ־דעם האלט מען זיי איין אין געשלאסענע רייען.

די אמת׳ע פארהעלטניש פון די מארקסיסטען צו די רעוויזיאניסטען איז די פאלגנדע: מארקס און די בעסטע פון זיינע תלמידים האבען נאך אזוי צי אזוי תופס געווען מיט זייער אויג אונזערע פארהעלטנישען אלס א מין גאנצעס אין דעם היסטארישען צוזאמענהאנג און האבען געפרובט סיסטעמאטיזירען די פרטים פון אונזער געזעלשאפטליכען לעבען אונטער אלגעמיינע באגריפען. די רעוויזיאניסטען זיינען סקעפטישע עפיגאנען, וועלכע זעהען טאקע, אז די גרייטע פאראלגעמיינערונגען אנטשפרעכען ניט די ווירקליכקייטען, וואס זיינען אנטשטאנען פון דאס ניי, זיי האבען אבער שוין בכלל מער ניט די באדערפניש תופס צו זיין אונזער צייט אלס א גאנצעס אויף אן אופן, וועלכער זאל זיין בעצם אנדערש.

דער מארקסיזם האט פארבייגעהענדיג לכל הפחות געבראכט גרויסע טיילען פון די באזיצלאזע דערצו, אז זיי זאלען שפירען זייער נויט, אז זיי זאלען זיין אומצופרידען מיט זייער מצב און אידעאליסטיש געשטימט פאר א שינוי אינ׳ם גאנצען לעבען. דאס האט אבער קיין לאנגען קיום ניט געהאט, מחמת אונטער דער השפעה פונ׳ם דאזיגען וויסענשאפטליכען שווינדעל האבען זיך די מאסען פארהאלטען פאסיוו און אפווארטענדיג און זיינען געווען אומפעהיג צו וועלכע ס׳איז סאציאליסטישע מעשים. אזוי ארום וואלט שוין פון לאנג די טעמפקייט און די רוה ביסלאכווייז ווידער באהערשט די מאסען, אויב מ׳וואלט זיי נאכאנאנד ניט געוועקט דורך פאליטיש־דעמאגאגישע מעטאדען. די רעוויזיאניסטען זעהען אקארשט, אז די סאמע ערגסטע בארבארישע מעשים פונ׳ם קאפיטאליזם ביי זיין התחלה זיינען שוין אפגעטאן געווארען און וועלען זיך שוין מער ניט איבערחזרן, אז די ארבייטער האבען זיך אלץ מער צוגעוואוינט צו די פראלעטארישע פארהעלטנישען און אז דער קאפיטאליזם האט זיך בשום אופן ניט דערנענטערט צו זיין קאטאסטראפע. אין די אלע זאכען זעהען מיר בלי ספק די אומגעהייערסטע סכנה פון דער פארפעסטיגונג פונ׳ם קאפיטאליזם. אין דער אמת׳ן האט זיך — אין גאנצען גענומען — ניט פארבעסערט דער מצב פון ארבייטער־קלאס; דאס לעבען איז נאך אדרבה אלץ שווערער

געוואָרען און טרויעריגער. ס'איז אזוי טרויעריג געוואָרען, אז די אַרבייטער זיינען געוואָרען מענטשען, וועלכע ווייסען ניט פון קיין פרייד און קענען ניט קיין האָפענונג; זיי זיינען פאַראָרימט אין גייסט און אין כאַראַקטער. אָבער קודם כל שטאַמט דער סאָציאַליסטישער קאַמף, דער אמת'ער קאַמף, בכלל ניט פון קיין רחמנות־געפילען און דרעהט זיך ניט דוקא און דער עיקר אַרום דעם גורל פון אַ באַשטימטער שיכט פון מענטשען. ס'האַנדעלט זיך וועגען אַ פאַלשטענדיגען איבערבוי פון די פונדאַמענטאַלע יסודות פון דער געזעלשאַפט. ס'האַנדעלט זיך וועגען אַ נייער שאַפונג.

די דאָזיגע שטימונג (ווייל מער ווי שטימונג איז עס קיינמאָל ביי זיי ניט געווען) איז אַלץ מער און מער נעלם געוואָרען ביי אונזערע אַרבייטער, מחמת די עלעמענטען פון צושטערונג און שוואַכקייט זיינען אין'ם מאַרקסיזם לכתחילה געווען שטאַרקער ווי די כוחות פון אַ רעוואָלוציע, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין פּאָזיטיווען אינהאַלט. די ערשיינונג פון רעוויזיאָניזם מיט זיין צופרידענעם סקעפּטיציזם איז נאָר דער „אידעאָלאָגישער אויבערשטער בנין” איבער דער אומטעטיגקייט, אומבאַהאָלפענקייט פון די מאַסען, וועלכע שטעלען זיך צופרידען מיט זייער מצב. ס'באַווייזט פאַר די אַלע, וועלכע האָבען עס ביז אָהער ניט געוואוסט, אַז די אַרבייטערשאַפט איז ניט קיין אויסדערוועהלטער פאָלק פון גאָט, פון דער אַנטוויקלונג אויפ'ן גרונד פון דער היסטאָרישער נויטווענדיגקייט, נאָר אדרבה — דער טייל פון פאָלק, וואָס ליידט צום שטאַרקסטען, און וועלכען ס'איז זעהר שווער צו מאַכען באַוואוסטזיניג, מחמת די גייסטיגע שינוים, וועלכע ס'ברענגט מיט זיך דער דלות. די בעסטע זאַך איז, אַז מ'היט זיך אָפּ פון אַלע פאַראַלגעמיינערונגען אויפ'ן דאָזיגען געביט. ס'איז פאַראַן כל־ערליי אַרבייטערשאַפט און צרות האָבען פון תמיד משפיע געווען אויף פאַרשידענע מענטשען אויף אַ זעהר פאַרשידענעם אופן. קודם כל געהערט צו דעם מענטשנס ליידען דער געפיל פון אומערטרעגליכקייט פונ'ם אייגענעם מצב, און וויפיל פּראָלעטאַריער ליידען אין דעם דאָזיגען פּרט ממש אַ האָר אויך ניט!

מיר ווייסען ווי ס׳האבען זיך אנטוויקעלט אין דער אמת׳ן די פארהעלטנישען אין די דאזיגע צייטען נאך דער מפלה פון דער רעוואלוציע (1848), אין די זעכציג יאר, וועלכע מיר האבען שוין דורכגעמאכט ביז אהער און אין וועלכע ס׳האט געזאלט פארקומען די רעוואלוציע. דאס זיינען געווען צענדליגער יארען פון צופאסען זיך צו דער פראלעטאריזירונג, און ס׳איז באמת א צופאסונג, וועלכע איז אין אנדערע טיילען שוין געווארען אזא זאך, וואס קומט בירושה. ס׳איז א צייט, אין וועלכער ס׳האבען זיך פארערגערט די באציהונגען צווישען די מענטשען, און זעהר א סך מענטשליכע לעבענס זיינען פשוט אונטערגעגאנגען.

דא ווערט גערעדט וועגען אן אומגעהייערע סכנה. מיר האבען געזאגט: ס׳איז ניטא קיין מוז, אז דער סאציאליזם וועט קומען, ווי ס׳מיינען די מארקסיסטען. מיר זאגען ערשט: ס׳קען קומען א מאמענט, אויב די פעלקער וועלען זיך נאך לאנג וואקלען, ווען ס׳וועט זיך ארויסשטעלען: פאר אט די דאזיגע פעלקער קען שוין דער סאציאליזם בכלל ניט קומען מער. ווי נאריש און געמיין ס׳זאלען זיך ניט פארהאלטען צווישען זיך די מענטשען, צו ווערען זיי פארשקלאפט, אדער זיי געוואוינען זיך צו דער אייגענער גראבקייט, — דאס איז אלץ עפעס אזוינס, וואס עקסיסטירט צווישען די מענטשען, א זאך, וואס פונקציאנירט, וואס קען זיך שוין אין צווייטען דור פארענדערען און אפילו — תיכף פאר די מענטשען, וועלכע לעבען איצט, אויב ס׳קומט איבער זיי אן אנטשיידענדע דערשיטערונג. כל זמן ס׳האנדעלט זיך בלויז וועגען די דאזיגע סאציאלע באציהונגען, ד. ה. בעצם דאס, וואס מ׳רופט געוואוינליך פסיכיק, איז נאך דער מצב ניט אזא שלעכטער. ס׳איז אמת פאראן א גרויסער דלות אין די מאסען, דחקות, הונגער, היימלאזיגקייט, גייסטיגע אפגעלאזענקייט און דעמאראליזאציע; און פונקט אזוי אויך אין די אויבערשטע שיכטען: די תאוה צו תענוגים, אן אומפארשעמטער לוקסוס, מיליטאריזם, גייסטלאזיגקייט — דאך קען מען דאס אלץ היילען, ווי שלעכט דאס זאל ניט זיין. דאס ווערט געהיילט בעת ס׳קומט דער גרויסער רופא: די גרויסע רעוואלוציע און די אויפלעבונג, וואס

קומט ארויס פון גייסט, וועלכער באשאפט מעשים. אבער די אלע צרות און די משא, וואס דריקט אויף די מענטשען, און דער אומ־גייסט קענען אבער זיין בנוגע צו זייער אפשטאמונג און השפעה ניט בלויז אזוינס, וואס לעבט צווישען די מענטשען, ניט בלויז א מניעה אין דער מענטשליכער נשמה, וועלכע מאכט קאליע די באציהונגען צווישען די מענטשען, אדער בעסער געזאגט: ניט בלויז אזוינס, וואס מאכט קאליע דעם גאנצען סכום פון די מענטשליכע באציהונגען, וועלכען מיר רופען אָן נשמה, אלס פועל־יוצא פון א כראנישער שלעכטער דערנערונג, פון שיכרות, פון דער פארגרעבונג פון די זיטען, וועלכע האלט אָן, פון א כסדרדיגער אומצופרידענקייט, פון א שטארקער גייסטלאזיגקייט, וועלכע איז פארשפרייט איבער אלע געביטען, קענען חלילה פארקומען שטארקע שינויים אינ׳ם אינדיווידועלען גוף, וועלכער פארהאלט זיך אין זיין באדייטונג צו דער נשמה און צו דער סאציאלער סטרוקטור, ווי די שפין צו איר נעץ, דעמאלט קענען שוין מער ניט העלפען קיין תרופות, דעמאלט קען מען קומען צו אזא מצב, אז אויף גרויסע פאלקם־טיילען, אויף גאנצע פעלקער זאל קומען די קללה פון אונטערגאנג. זיי וועלען אונטערגעהן אויפ׳ן גלייכען אופן ווי ס׳זיינען תמיד אונטערגעגאנגען פעלקער: אנדערע געזונטע פעלקער וועלען ווערען די הערען איבער זיי און ס׳קומט פאר א פעלקער־מישונג, אמאל אפילו א טייל־ווייזדיגע אויסראָטונג, אויב ס׳עקסיסטירען, פארשטעהט זיך, אנדערע געזונטע פעלקער. מ׳דארף זיך אבער לייכט ניט שפילען מיט אנאלאגיעס פון די פריהערדיגע תקופות פון דער געשיכטע פון די פעלקער. אויב ס׳וועט אוועקגעהען אזוי ווייט, איז גארניט געדרונגען, אז ס׳וועט פארקומען דאס זעלביגע, וואס איז געשעהען אין די פריהערדיגע צייטען, אין דער תקופה פון די גרויסע פעלקער־וואנדערונגען. מיר לעבען אין צייטען, בעת ס׳הויבט זיך אָן א נייע מענטשהייט, און ס׳איז לגמרי ניט אויסגעשלאסען, אז די דאזיגע מענטשהייט, וואס הויבט זיך ערשט אָן, זאל זיין בלויז נאר דער אנהויב פונ׳ם סוף פון דער מענטשהייט. אפשר איז נאך אין קיין צייט די סכנה פון דאס, וואס מ׳רופט אָן דער אונטערגאנג פון דער

וועלט׳ ניט געשטאנען אזוי בולט פאר די אויגען׳ ווי אין אונזער־

ס׳אין נאך ביז צו דעם היינטיגען טאג ניטא קיין אמת׳ע מענטשהייט אין א זין פון א ווירקליכען קאמפלעקס פון מענטשליכע באציהונגען אין א געזעלשאפט׳ וואו די מענטשען דאר־פען זיך מְקַרב זיין איינער צום אנדערען דורך אויסערליכע פארבינ־דענדע פעדים און דורך אן אינערליכע צוציהונג און א דראנג׳ אזא וועלטליכע געזעלשאפט פון די מענטשען׳ וועלכע שטייגט אריבער די גרעניצען פון א פאלקס־לעבען׳ ס׳זיינען פאראן אנשטאט דעם סוראגאטען׳ וועלכע וואלטען געקענט דאס מאל זיין מער ווי „ערזאץ־מיטלען״׳ וואלטען געקענט זיין א התחלה: דער וועלט־מארק׳ די אינטערנאציאנאלע אפמאכען אין דער מלוכה־פאליטיק׳ אינטערנאציא־נאלע פאראיינען און קאנגרעסען מכל המינים׳ א פארקער און קאמו־ניקאציע איבער׳ן גאנצען ערד־קוגעל׳ דאס אלץ באשאפט כסדר מער אויב ניט קיין גלייכקייט׳ איז אן ענליכקייט פון די אינטערעסען, פון די זיטען׳ פון דער קונסט אדער פון אירע היינט־מאדיש פאַליאַטיוועןֿ פון דעם שפראכען־גייסט׳ פון דער טעכניק׳ פון די פאליטישע פאר־מען׳ אויך ארבייטער ווערען אלץ מער און מער געבארגט פון איין פאלקביים צווייטען׳ אלץ׳ וואס איז גייסטיגע ווירקליכקייט: רע־ליגיע׳ קונסט׳ שפראך׳ א געמיינזאמער גייסט בכלל׳ האט א טאפעלע עקסיסטענץ׳ אדער ס׳דוכט זיך אונז אויס מיט א נאטירליכען מוז׳ אז ס׳איז א טאפעלע זאך: איינמאל איז עס פאראן אין דער אינדיווידועלער נשמה׳ אלס אן אייגענשאפט אדער אלס א קראפט׳ דעם צווייטען מאל — דרויסען ווי עפעס אזוינס׳ וואס וועבט די באציהונגען צווישען די מענטשען און שאפט ארגאניזאציעס און פארבאנדען׳ דאס אלץ איז אויסגעדריקט ניט קלאר׳ אויף וויפיל ס׳לאזט זיך פארבייגעהענדיג נאך עפעס פארבעסערען׳ מוז עס תיכף געשעהען׳ אבער מיר קענען זיך ערשט ניט אראפלאזען ביז צו די טיפענישען פונ׳ם דאזיגען תהום פון דער שפראך־קריטיק און פון דער לערע וועגען אידעען (וועלכע זיינען פארבונדען צווישען זיך)׳ דאס אלץ איז דא נאר אנגעוויזען געווארען ווידער ברמז׳ כדי צו זאגען: דאסווארט הומאניטעט — מענטשהייט אין אלע שפראכען — וואס אנשטאט אים באנוצען מיר

דעם ווארט מענטשליכקייט׳ וואס איז א בלייכער און א פלאכער אויסדרוק פון א פאלשען רחמנות־געפיל׳ וועלכען מען דריקט אויס מיט א נעבאכדיגען טאָן׳ — האט זיך לכתחילה באצויגען נאר אויף דער מענטשהייט׳ וואס לעבט און הערשט אינ׳ם אינדיווידואום׳ זי האט אמאל עקסיסטירט אין זעהר א שטארקער מאס׳ מ׳האט איר געשפירט זעהר לעבעדיג׳ דערהויפט אין די הויכע תקופות פון די קריסטליכע פעלקער׳ און צו אן אמת׳ער מענטשהייט אין אויסערליכען׳ צווייטען זין וועלען מיר קומען נאר דעמאלט׳ ווען צווישען דער מענטשהייט׳ וואס איז קאנצענטרירט אינ׳ם יחיד׳ און דער מענטשהייט׳ וואס איז אויסגאוואקסען צווישען די יחידים׳ וועט פארקומען א געגענזייטיגע ווירקונג׳ אדער בעסער נאך — אן אידענטיפיצירונג׳ ווייל דאס אלץ׳ וואס זעהט אויס ווי א געגענזייטיגע ווירקונג איז אן אידענטישע געמיינשאפט׳ אין א זאמען ליגט דער געוויקס׳ מחמת דער זאמען איז בלויז די קווינטעסענץ פון דער אומענדליכער קייט פון די געוויקסען־אבות׳ די מענטשהייט באקומט איר אמת׳ע עקסיסטענץ פונ׳ם מענטשענ־טום אין דעם יחיד׳ ווייל דאס דאזיגע אינדיווידועלע מענטשענטום איז דאך נאר די ירושה פון אומענדליכע דורות פונ׳ם עבר און פון אלע זייערע געגענזייטיגע באציהונגען׳ א געוועזענע זאך איז א זאך׳ וואס ווערט כסדר; דער מיקראקאסמאס איז דער מאַקראָקאסמאס׳ דער יחיד איז דאס פאלק׳ דער גייסט איז די געמיינשאפט׳ די אידעע איז דער בונד׳

אבער צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון די עטליכע טויזענט יאר׳ וואס מיר קענען׳ וויל די מענטשהייט ווערען אן אויסערליכע זאך אין א פולקאמענעם זין און פארנעם׳ די ערד איז שוין אזוי גוט ווי אינגאנצען אויסגעפארשט׳ זי איז שוין כמעט אינגאנצען באזעצט און באהערשט׳ ס׳האנדעלט זיך ערשט וועגען א באנייאונג׳ פון וועלכער מ׳האט נאך ביז אהער אין דער מענטש־ליכער וועלט׳ גארניט געהערט׳ ווי אונז איז באקאנט׳ אט דאס איז דער אנטשיידענדער שטריך פון אונזער צייט׳ דאס נייע׳ וואס ס׳וואלט געדארפט אונז מוראדיג באהערשען: די מענטשהייט ארום דעם גאנצען ערד־קוגעל וויל זיך באשאפען אין א מאמענט׳ בעת ס׳מוז קומען איבער דער מענטשהייט אן אומגעהייערע באנייאונג

אויב דער אנהויב פון דער מענטשהייט זאל ניט פארשטעלען מיט זיך איר סוף. פריהער האט זיך אזא באנייאונג אידענטיפיצירט מיט נייע פעלקער, וועלכע פלעגען ארויסקומען פון א רוה און פון א קולטור־מישונג אדער אויך — מיט נייע לענדער, אין וועלכע מ׳פלעגט אויסוואנדערען. וואס מער די פעלקער ווערען ענליכער איינער צום אנדערען, וואס גיכער ס׳ווערען באזעצט די לענדער אלץ געדיכטער, ווערט אלץ שוואכער די האפענונג, אז אזא באנייאונג וועט קומען פון דרויסען אדער וועט פארקומען אין דרויסען. ס׳זיינען פאראן אזעלכע מענטשען, וועלכע ווילען מיאש ווערען אינגאנצען אין אונזערע פעלקער, אדער וועלכע ווילען לפחות גלויבען, אז דער אויסערליכער שטויס צו דער ראדיקאלער באנייאונג פון די געמיטער און פון דער לעבענס־קראפט מוז קומען מן החוץ, מוז קומען פון די אלטע פעלקער, וועלכע האבען זיך אויפגעכאפט פון א שלאף, וואס איז געווען פאר זיי א ישועה. אנדערע בויען זייערע האפענונגען אויף דעם כינעזישען, דעם אינדישען, אפשר נאך אויך אויף דעם רוסישען פאלק. מעגען אנדערע זיך האל־טען ביי דער איבערצייגונג, אז אונטער דער נבזה׳דיגער צפון־אמערי־קאנישער בארבארישקייט דרעמעלט נאך עפעס א פארבארגענער אידעא־ליזם און אן איבערפלוס פון קראפט, וועלכע איז התלהבות און גייסט, וואס קען קומען צו אן אויפרייס אויף א וואונדערליכען אופן. אבער מ׳קען גלויבען, אז מיר פערציג־ און פופציג־יעריגע וועלען נאך דער־לעבען די צייט, אין וועלכער די דאזיגע ראמאנטישע ערווארטונג וועט מיט חרפה ווערען בטל ומבוטל, מחמת די כינעזער וועלען געהן אויפ׳ן וועג פון די יאפאנער, ווי די מאלפעס, מחמת די אינדוסען וועלען זיך אויפהויבען נאר בכדי זיך צוראפגליטשען נאך שנעלער אויף די ווע־גען פון ירידה און אזוי ווייטער. ס׳קומט פאר זעהר גיך, אז די פעל־קער ווערען ענליך איינער צום אנדערען, אז אלע ווערען „ציווי־ליזירט״, און בשותפות מיט דער ציוויליזאציע געהט פארויס די פויל־שטענדיגע, די אמתע און קערפערליכע דעקאדענץ.

מיר מוזען זיך אראפלאזען אינ׳ם דאזיגען אפגרונד, כדי צו שע־פען דעם מוט און דעם אינעווענינגסטען פעסטען דראנג, וועלכען מיר דארפען. די באנייאונג מוז געשעהן אין א גרעסערער

פארם און אויף אן אנדער אופן, ווי זי איז געשעהן אין יענע צייטען, וואס
זיינען אונז באקאנט. ניט בלויז קולטור און מענטשליכע שענקייט פון א
געמיינשאפטליכען לעבען זוכען מיר. מיר זוכען א תרופה, מיר זוכען
א ישועה. די גרעסטע אויפבוי זאך, וואס איז נאך אויף דער וועלט ניט גע־
ווען, מוז באשאפען ווערען און הויבט שוין אָן פארווירקליכט צו ווערען
ביי יחידים פון די פריווילעגירטע שיכטען: די מענטשהייט אלס בונד פון
אלע פעלקער (די ערד-מענשהייט). זי קען אבער ניט ארא‎פקומען
דורך אן אויסערליכער פארבינדונג. דורך אפמאכען, אדער דורך א
מלוכה׳שען בנין אדער דורך דער מיאוסער ערפינדונג פון א וועלט־מלוכה,
נאר בלויז—אויף די וועגען פון דעם אינדיווידועלסטען אינדיווידואליזם
און בעת ס׳וועלען פון דאס ניי אנטשטעהן די קלענסטע קערפערשאפטען:
קודם כל די געמיינדע. ס׳האנדעלט זיך וועגען אויפבויען עפעס אזוינס,
וואס ס׳האט דעם גרעסטען פארנעם, און בויען מוז אנגעהויבען ווערען
פון דאס קלענסטע. מיר מוזען זיך פארשפרייטען איבער׳ן גאנצען
ערד־שטח און מיר וועלען נאר דעמאלט דאס קענען טאָן, אויב מיר
וועלען זיך ארא‎פלאזען אין די טיפסטע טיפענישען. און קיין ישועה
קען שוין דאס מאל ניט קומען פון דרויסען און ס׳איז שוין ניטא
קיין פרייעס לאנד, וואס זאל רופען צו זיך די פעלקער, וועלכע זיי־
נען צונויפגעפרעסט אין זייערע איצטיגע מושבים, זיך צו באזעצען
אויף אים. מיר מוזען גרינדען די מענטשהייט און מיר קענען זי בלויז
געפינען אין מענטשענטום, מיר קענען זי בלויז שאפען פונ׳ם פריי־
וויליגען בונד פון די אינדיווידואומען און פון דער געמיינדע, וועלכע איז צו־
זאמענגעשטעלט פון די דורך און דורך זעלבסטשטענדיגע יחידים, וועלכע
זיינען אויף א נאטירליכען אופן געצוואונגען געווארען זיך צו פאראייניגען,
באַר אט ערשט קענען מיר סאציאליסטען פריי אפאטעמען און
נעמען אויף זיך די צווינגענדע אויפגאבע, פון וועלכער מיר
קענען זיך ניט אויסדרעהען, ווי פון א שטיק פון אונזער אייגענעם
לעבען: בעת מיר פילען און טראגען אין זיך לעבעדיגערהייט
דעם באוואוסטזיין, אז אונזער אידעע איז ניט קיין מיינונג, פון
וועלכער מיר האלטען, נאר—א געוואלדיגער אינעווענינסטער צוואנג,
וואס שטעלט אונז אוועק פאר א בחירה: אדער אין פאַרויס איבער־

צולעבען דעם אמת'ן אונטערגאנג פון דער מענטשהייט און זעהן ארום זיך ווי ס'ווערען פארדארבען אירע ערשטע התחלות, אדער — באשאפען דעם ערשטען אנהויב פון דער אויפבליהונג מיט אונזערע אייגענע מעשים.

דער אונטערגאנג פון דער וועלט, וועלכער ערשיינט דא ווי א דראהענדער בילד פון א ווירקליכקייט, וואס קען ווערען מעגליך, באדייט ניט, נאטירליך, אז מ'ועט פלוצלינג אויסשטארבען. מיר זיינען נאר מתרה פאַר אַנאַלאָגיעס, ווייל מ'איז נוטה צו זעהן א „חוק ולא יעבור" אין דעם פראצעס, וועלכען מיר קענען פון פריהערדיגע צייטען, אז נאך א תקופה פון ירידה זיינען געקומען עפאכעס פון אויפבליהונג. לאמיר זיך נאר צוקוקען און זעהן: אין אונזער תקופה פון דער קאפיטאליסטישער ציוויליזאציע וואקסט אומגעהייער שנעל די ענליכקייט צווישען די פעלקער און זייערע קלאסען, די פראלעטאריער ווערען טעמפ, רעזיגנירט, גראב, אויבערפלעכליך און אלץ מער און מער פארדארבען דורך שיכרות, זיי הויבען אָן צו פארלירען צוזאמען מיט דער רעליגיע יעדער הארציגקייט און פאראנטווארטליכקייט און אלץ ווערט גשמיות'דיג. אין די אויבערשטע שיכטען ווערט נעלם די קראפט צו פאליטישע מעשים, צו א באטראכטונג, וועלכע איז תופס דאס גאנצע און צו א ממשות'דיגער טעטיגקייט. דעם ארט פון קונסט פארנעמט דער פוסטער שונד, מאדישע נארישקייטען און אן ארכעאלאגישע אדער א היסטארישע אימיטאציע; צוזאמען מיט'ן אלטען גלויבען און מיט דער אלטער מאראל געהט פארלארען ביי די ברייטע שיכטען יעדע אחיזה, יעדע הייליגקייט, יעטוועדע פעסטקייט פון כאראקטער. די פרויען ווערען ארייגעצויגען אין שטורעם פון דער אויבערפלעכליגער סענסואליטעט, פון דער פארביג־דעקאראטיווער תאוה צו תענוגים. די נאטירליכע ניט־אויסגערעכענטע פאלקס־פארמערונג הויבט אָן צו פארשווינדען אין אלע שיכטען פון דער באפעלקערונג און איר ארט פארנעמט דאס געשלעכטליכע לעבען אָן קינדער, וואס ווערט אנגעפירט דורך דער וויסענשאפט און טעכניק. די ציגיינעריי באהערשט גראד די בעסטע עלעמענטען צווישען די פראלעטאריער און בירגער, וועלכע קענען מער ניט אריבערטראגען די כסדרדיגע ארבייט אָן א סימן פון

פרייד אונטער די היינטיגע באדינגונגען, בעת מיר זעהען ווי דאס אלץ הויבט אָן צו באשאפען אין אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט נעווראסטעניע און היסטעריע, איז ערלויבט צו שטעלען די פראגע און זי איז אפילו דרינגענד נויטיג: וואו איז דאס פאלק, וואס זאמעלט אויף אלע זיינע כחות, כדי צו ווערען א געזונט פאלק כדי צו שאפען די נייע געזעלשאפט? איז עס באמת איינגאנצען זיכער, זיינען טאקע פאראן ריכטיגע סימנים, אז מיר וועלען ווידער הויך שטייגען, פונקט אזוי ווי ס׳איז אמאל געקומען א נייער אנהויב דורך דעם זיווג פון א ראפינירטער (גריכיש־רוימישער) ציוויליזאציע, וועלכע איז געפאלען, מיט דאס פרישע בלוט (פון די אנגעקומענע יונגע פעלקער)? איז עס זיכער, אז די מענטשהייט באדייט ניט קיין דערוויילינגען, ניט גענוג קלארען נאמען פאר א זאך, וואס וועט שפעטער אנגערופען ווערען: דער סוף פון די פעלקער? מ׳הערט שוין איצט קולות פון די דעגענערירטע, אויסגעלאסענע, באדענלאזע ווייבלאך און פון זייער מענער־סוויטע, וואס פראקלאמירען זנות, וואס ווילען האבען אנשטאט דעם פאמיליען־לעבען דעם פארגניגען פון דער אפוועקסלונג, אנשטאט דער פרייווילליגער בינדונג — די הפקרות, אנשטאט דער פאטערשאפט — די מלוכה׳שע פארזיכערונג פון דער מוטערשאפט. דער גייסט דארף האבען פרייהייט און טראגט די פרייהייט אין זיך, וואו דער גייסט שאפט פארבאנדען, וואס זיינען ענליך צו דער משפחה, חברה, פראפעסיאנעלע גרופע, געמיינדע אדער נאציע, דארט איז פרייהייט און דארט קען שוין ווערען די מענטשהייט. אבער איצט הויבט אָן צו בושעווען אנשטאט דעם גייסט, וועלכער פעלט אין דער געזעלשאפט פון צוואנג און פון הערשאפט, וועלכע פארנעמט זיין ארט, די פרייהייט אָן א גייסט, די פרייהייט פון די חושים, די פרייהייט פון דער תאוה, וואס ווייס ניט פון קיין אחריות־געפיל. צו ווייסען מיר טאקע אויף זיכער, אז מיר וועלען איר אריבערטראגען? אז דער פועל־יוצא פון דאס אלץ וועט ניט זיין די שרעקליכסטע יסורים און די וויסטע אומפרוכטבארקייט, קרענקליכע שוואכקייט און די טעמפע קראפטלאזיגקייט זיך צו דערהייבען? וועט נאך קומען אמאל פאר אונז מענטשען א רגע

פון א גליהענדער דערשיטערונג׳ פון א ווידערגעבורט׳ פון דער בליהונגס־צייט פונ׳ם בונד פון קולטור־געמיינדעס? די צייטען׳ אין וועלכע ס׳רוישט א געזאנג איבער די פעלקער׳ טורעמס טראגען די איינהייט און די דערהויבונג צום הימעל און ס׳ווערען געשאפען גרויסע ווערק פון ריזיגע מענטשען׳ וואס טרעטען ארויס אלס רעפרעזענטאנטען פון דער גרויסקייט פון פאלק׳ וואס איז קאנצענטרירט אין זייער גייסט? מיר ווייסען עס ניט און מהאי טעמא ווייסען מיר׳ אז דער פרוב איז אונזער אויפגאבע. איצט איז לגמרי באזייטיגט געווארען יעדער כלומרשטע וויסענשאפט פון דער צוקונפט. ניט נאר מיר קענען ניט קיין אנטוויקלונגס־געזעצען׳ מיר קענען אדרבה די געוואלדיג־גרויסע סכנה׳ אז מיר זיינען שוין אפשר געקומען צו שפעט׳ אז ס׳קענען שוין אפשר מער ניט העלפען אונזערע מעשים און אונזערע פרובען. און בזה האופן האבען מיר זיך באפרייט פון די לעצטע קייטען: מיט אונזער גאנצען וויסען ווייסען מיר קיין זאך ניט. מיר שטעהען׳ ווי די ערשטע מענטשען׳ פאר אומבאשריבענע און אומבאשרייבליכע זאכען. פאר אונז שטעהט קיין זאך ניט. אלץ איז אין אונז. אין אונז לעבען די ווירקליכקייט אדער די ווירקליכע מעשים ניט פון דער קומענדער מענטשהייט. נאר פון דער געוועזענער און בכן — פון דער מענטשהייט׳ וועלכע איז אין אונזער וועזען. אין אונז לעבט די טאט, אין אונז — דאס בילד פון דאס׳ וואס מוז פארווירקליכט ווערען. אין אונז איז דער דראנג זיך ארויסצורייסען פון „עמק הבכה” פון דער געפאלענקייט. אין אונז לעבט גערעכטיגקייט׳ וואס ווייס ניט פון קיין ספקות און טעות׳ן. אין אונז לעבט די חרטה׳ וואס שטרעבט צו א געגענזייטיגקייט פון די מענטשען. אין אונז לעבט דער שכל׳ וואס איז תופס די אינטערעסען פון אלעמען, — אלע׳ וואס פילען וואס דא שטעהט געשריבען׳ בייוועמען ס׳וואקסט אויף פון דער נויט די גרעסטע גבורה׳ וועלכע ווילען פרובען צו שאפען די באנייאונג׳ ניט קוקענדיג אויף קיין זאך׳ — די אלע זאלען זיך אקארשט צונויפזאמלען׳ די אלע ווערען דא גערופען׳ זיי אלע זאלען זאגען די פעלקער׳ וואס מ׳דארף טאָן׳ זיי זאלען ווייזען די פעלקער׳ ווי אזוי מ׳דארף אנהויבען.

די צייטען זיינען געווארען אנדערע, אנדערש ווי פרודאן האט זיי געקענט זעהן אין יאר 1848. די עקספראפריאירונג, די פאראַרימונג, האט זיך אין אלע היגזיכטען פארגרעסערט; מיר זיינען היינט ווייטער פון סאציאליזם ווי מיט זעכציג יאר צוריק.

מיט זעכציג יאָר צוריק האט פרודאן, אין א צייט פון רעוואלוציע, בעת ס׳קומט דער חשק משנה צו זיין אלץ, געקענט זאגען זיין פאלק, וואס מ׳האט געדארפט טאָן אין דעם מאמענט.

היינט, אויב אפילו ס׳וואלט יא געווען אן אויסזיכט, אז דאס פאלק זאל אויפשטעהן, איז שוין ניט מער בלויז דער אויסגאנגס־פונקט וויכטיג, פון וועלכען מ׳וואלט געדארפט אנהויבען; אויך איז היינט ניטא קיין גאנץ פאלק, אין א צווייפאכער באציהונג איז עס ניטא: דאס, וואס ס׳רופט זיך אָן פראלעטאריאט, וועט קיינמאל מיט זיך ניט פארשטעלען די פארקערפערונג פון א פאלק. שנית, זיינען די פעלקער אזוי אפהענגיג איינער פונ׳ם אנדערען אין דער פראדוקציע און אין מסחר, אז איין איינציג פאלק איז ניט מער קיין פאלק, די מענטשהייט איז נאך אבער ווייט ניט קיין איינהייט און וועט עס קיינמאל ניט זיין, כל זמן ס׳וועלען ווידער ניט אויפקומען נייע קליינע איינהייטען, געמיינדעס און פעלקער.

פרודאן איז געווען פולקאם גערעכט, בפרט אין דער צייט ווען ס׳שטייגט דאס גייסטיגע אין לעבען פון די מענטשען, ווען ס׳וואקסט דאס לעבען פון דער געזעלשאפט און די אריגינאליטעט און די אנטשלאסענקייט פונ׳ם יחיד, וואס ס׳ברענגט מיט זיך יעדע רעוואלוציע. ער איז געווען גערעכט ביי די באזונדערע פארהעלטנישען פון דער דעמאלטיגער פראנקרייך, וואס איז שוין אגב געווען אויף א בולטען אופן א לאנד פון געלט־ און בערזע־קאפיטאליזם, אבער ניט א לאנד פון א קאפיטאליסטישער גרויס־אינדוסטריע און פון א גרויסען גרונד־באזיץ. ס׳איז לגמרי ריכטיג געווען, אז פאר אים האט דוקא די צירקולאציע פון די פראדוקטען

און די אפשאפונג פון דער בארייכערונג דורך צינזען באדייט דעם אויסגאנגס־פונקט פון יעדער אומגעשטאלטונג, וואו מ'קען אנהויבען צום שנעלסטען, צום גרינדליכסטען און גאר אָן שמערצען.

אין דער אמת'ן האבען אונזערע פארהעלטנישען דריי מקורים, ביי וועלכע ס'אנטשטעהט די ניט־בארעכטיגטע בארייכערונג, די עקספלאטאציע, די ארבייט פונ'ם מענטשען ניט פאר זיך, נאָר פאר אנדערע, דער הויפט־עיקר איז די אנטשטעהונג, וועלכע קומט פאר כסדר, די סיבה וועלכע ווירקט תמיד, אומעטום: אין דער באוועגונג פון די געזעלשאפטליכע פראצעסען אזוי גוט ווי אין די באוועגונגען פון דער מעכאַניק, פון כעמיזם אדער פון די הימעל־קערפערס, ס'וועט שטענדיג זיין פאלש און פרוכטלאז צו זוכען די איינמאליגע סיבה אין וועלכען ס'איז עבר אדער אין א פריהערדיגען מצב: קיין זאך איז ניט אנטשטאנען פאר א מאל, אלץ אנטשטעהט אין א שטענדיגען ווערען און ס'זיינען ניט בנמצא קיין קדמון־זאכען, נאר שטענדיגע באוועגונגען, שטענדיגע באציהונגען. די דריי אויסגאנגס־פונקטען פון דער ווירטשאפטליכער שקלאפעריי זיינען פאלגענדע:

ראשית, דער אייגענטום אויפ'ן באדען, פון אים שטאמט די בעטלערישע, אפהענגיגע האלטונג פון דעם באַזיצלאזען, וואס וויל לעבען, לגבי דעם, וועלכער נעמט ביי אים צו די ארבייטס־מעגליכקייט אויפ'ן באדען און ארום די באדען־פראַדוקטען, וואס זיינען באשטימט צו א דירעקטען אדער אומדירעקטען פארברויך, פון באדען־אייגענטום און פון זיין פועל־יוצא, דער באדענלאזיגקייט, אנטשטעהט די פארשקלאפונג, די אפהענגיגקייט, דער שטייער, די ארענדע, דער צינז, דער פראלעטאריאט.

שנית, די צירקולאציע פון די סחורות אין דער טויש־ווירטשאפט מיט דער הילף פון א טויש־מיטעל, וואס דינט אומפארמיידליך און אייביג פאר דער באפרידיגונג פון יעטוועדער באדערפניש, א גאלדענע צירונג־זאך, הגם זי בלייבט במשך פון הונדערטער יארען אומפארענדערט, האט אבער א ווערט נאר פאר דעם, וואס שאצט איר אזוי טייער, כדי צו באפרידיגען זיין הצטרכות אין

צירונג אדער אין גאוה, אז ער גיט אוועק פראדוקטען פון זיין אייגענער ארבייט, כדי דאס צו דערגרייכען. ס׳רוב חפצים פארלירען אויך מאטעריעל אין זייער ווערט דורכ׳ן ליגען אדער דורך דעם פארברויך און ווערען גיך פארנוצט. זיי ווערען פראדוצירט מיט׳ן טויש-צוועק, כדי אויסטוישען זיי אויף אנדערע פארברויכס-ארטיקלען, וועלכע זיינען אויך אנטשטאנען צום גלייכען צוועק. דאס געלט האט אבער זיין משונהדיגע און געפערליכע אייגענשאפט: וואס ס׳ווערט פארטאָן נאר אין טויש, אבער אין דעם אמת׳ן פארברויך—גארניט. דער באוואוסטזיין פון דער אייגענער שולד לאזט זיך הערען פון די השערות פון די געלט-טעארעטיקער, וועלכע זיינען זיך סותרי. אפשר וועט דאך נויטיג זיין אויך אין דער גערעכטער טויש-ווירטשאפט, וואו דער פראדוקט טוישט זיך נאר געגען א גלייכווער-טיגען פראדוקט, לכל הדעות א צירקולאציע-מיטעל, וואס זאל אנטשפרעכען אונזער געלט, וועלכער וועט אפשר אויך הייסען געלט. ער וועט אבער דאן דאָך ניט קענען האבען די באזונדערע און די וויכטיגע אייגענשאפט פון אונזער געלט, די אייגענשאפט צו האבען אן אַבסאליוטען ווערט און צו קענען דינען צום שאדען פון אנדערע מענטשען פאר דעם אפילו, וועלכער האט דאס געלט ניט באשאפען זיך דורך ארבייט. ניט די מעגליכקייט פון גנבה ווערט דא אויסגעשלאסען: גנבה איז מעגליך ביי יעדער מין געלט, ווי ביי אלע אנדערע חפצים, און א חוץ דעם איז גנבה אויך א מין ארבייט און א גאנץ שווערע דערצו און בכלל א ווינציג פראדוקטיווע, ווי אויך דוקא ניט קיין אנגענעמע אין א גוטער געזעלשאפט. דא דארף אדרבה אנגעוויזען ווערען אויף דעם, אז די שעדליכקייט פון דאס היינטיגע געלט ליגט ניט בלויז אין זיין פארצינזונג, ד״ה אין זיין וואקסען נאר שוין אין דער אייגענשאפט, וואס ס׳ווערט ניט פארברויכט, בכן — אין דער טבע צו בלייבען כסדר, ניט צו ווערען אפגענוצט און ניט צו פארשווינדען דורך א קאנסום. די אידעע, אז געלט קען געמאכט ווערען אומשעדליך דורך דעם, וואס ס׳וועט ווערען בלויז אן ארבייטס-צעטעל און בכן ניט מער קיין סחורה, איז לגמרי פאלש און וואלט געקענט האבען א זין נאר

פאר א מלוכה־שקלאפעריי׳ וואו ס׳טרעט אריין אנשטאט דעם פרייען פארקער די אויבערמאכט פון דער אדמיניסטראציע׳ וועלכע באשטימט וויפיל יעדערער דארף ארבייטען און וויפיל ער מעג פארברויכען׳ אין דער פרייער טויש־ווירטשאפט מוז דאס געלט׳ גראד פארקערט׳ ווערען גלייך מיט אלע אנדערע חפצים׳ פון וועלכע ס׳אונטערשיידט זיך היינט בעצם׳ און וועט דאך מוזען זיין אן אלגעמיינער טויש־מיטעל׳ מ׳קען ניט אוועקמאכען מיט דער האנט די מעגליכ־קייט צו קומען צו א שעדליכען גרויסען באזיץ און דורכדעם אויך צו דער באשאפונג פון א פאראזיטיזם (דורך שטייערען) אין וועלכער ס׳איז פארם אויך אין א געזעלשאפט פון א גערעכטען אויסטויש׳ אויב דער טויש־מיטעל וועט נאר זיין ניט פארברויכבאר און וועט מיט דער צייט ניט פארלירען פון זיין ווערט׳ מ׳מוז אבער צוגעבען׳ אז אין דער ביז איצטיגער געשיכטע שפילען די אפשפארונגען׳ ירושות וכדומה נאר א קלענערע ראליע ביי דער אנטשטעהונג פון א גרויסען באדען־באזיץ׳ און בכן אויך ביי דער אנטשטעהונג פון יעדער מין עקספלאטאציע׳ אין פארגלייך מיט דער מלוכה־מאכט און איר צוואנג־שוץ׳ שטארק חשוב זיינען דעריבער די פארשלאגען׳ וועלכע ס׳האט געמאכט ס י ל וו י א ג ע ז ע ל׳ כדי אויסצוגעפינען אזא מין געלט׳ וואס ניט נאר ס׳באקומט ניט מיט דער צייט א „יתור״ אין ווערט׳ ווי דאס היינטיגע געלט׳ נאר להפך: ס׳פארלירט פון אנהויב אָן פראגרעסיוו פון זיין ווערט׳ בזה האופן וועט דער׳ וואס איז געקומען צום באזיץ פון טויש־מיטעל דורך דעם׳ וואס ער האט אוועקגעגעבען א פראדוקט פון זיין ארבייט׳ צום שטארקסטען זיין פאראינטערעסירט אויסצוטוישען עס וואס שנעלער אויף אנדערע פראדוקטען און אזוי תמיד ווייטער׳ סילוויא געזעל איז איינער פון דער גאנץ קליינער צאל נאכפאלגער פון פרודאן׳ וועלכע האבען געלערנט פון אים און זיינען משיג זיין גרויסקייט און זיינען געקומען׳ זייענדיג פארבונדען מיט אים׳ צו א זעלבסטשטענדיגען ווייטערדיגען דענקען. זיין באשרייבונג ווי דאס נייע געלט וועט ברענגען דעם צירקולאציע־שטראם אין א לעבעדיגער באוועגונג׳ ווי יעדער וועט ביי דער פראדוקציע

און ביים באקומען דעם טויש־מיטעל קיין אנדער אינטערעס ניט האבען ווי דעם פארברויך, — איז לגמרי דורכגעדרונגען מיט פרודאנס גייסט. פרודאן האט אונז דער ערשטער געלערנט, ווי די גיכע צירקולאציע ברענגט אריין אין פריוואטען און אין געזעל־שאפטליכען לעבען שמחה און לעבעדיגקייט, בעת די טויטקייט אויפ׳ן מארק און די פארזומפונג פון דעם שטעהעדיגען געלט ברענגען אויך אונזערע זאפטען צו א פארגליווערונג און לייגען ארויף אויף אונזערע נשמות טויטקייט און אפאטיע. ס׳האנדעלט זיך אבער דא ניט וועגען דער צוקונפטס־פראגע, צי ס׳זיינען בנמצא די מא־טעריאלען, כדי צו געפינען צווישען זיי אזא טויש־אינסטרומענט, וואס זאל ניט כולל זיין אין זיך די סכנה פון גזלה, — א פראגע, פאר וועלכער ס׳איז קודם כל וויכטיג, וואס זי איז בכלל געשטעלט געווארען. דא האנדעלט זיך וועגען דעם, צי די צירקולאציע איז אדער צי זי קען זיין דער אויסגאנגס־פונקט, פון וועלכען מ׳וואלט געקענט אנהויבען, בכדי צו באריהרען אויף א ראדיקאלען אופן די אנדערע צוויי אויסגאנגס־פונקטען, און דא איז נאך דערצו נויטיג צו זאגען, אז אויב די געגענזייטיגקייט אין דער טויש־ווירטשאפט וואלט איינגעפירט געווארען אין א באשטימטען היסטארישען מאמענט, ווי ס׳האט אים למשל באשאפען דער יאר 1848 אין פראנקרייך, וואלט געקומען מיט דעם אויך די גסיסה פון דעם גרויסען גרונד־באזיץ און פונ׳ם מערווערט.

דער דריטער אויסגאנגס־פונקט פון דער ווירטשאפטליכער שקלאפעריי איז על כן דער מערווערט. דא איז נויטיג קודם כל דבר צו זאגען, אז מ׳שאפט נאר א תהו ובהו מיט׳ן ווערט־באגריף, אויב מ׳ערקלערט ניט שארף, וואס מ׳באצייכענט מיט אים און מ׳האלט זיך ניט שטרענג אָן דעם דאזיגען זין פון זיין בא־דייטונג. „ווערט״ אנטהאלט אין זיין זין א פאדערונג: דער דאזיגער זין ווערט קלאר, בעת מ׳דערמאנט זיך, אז בעת מעשה, ווען מ׳גיט א זאג דעם מקח ענטפערט דער, וואס וויל קויפען: „אזוי פיל איז די זאך ניט ווערט״. ווערט וויל בכן אויסשליסען קודם כל הפקרות. נאך מער פארשמעלערען מיר דעם באגריף, בעת מיר באנוצען „ווערט״ נאר אין זין פונ׳ם ריכטיגען ווערט, דעם אמת׳ן ווערט.

ווערט איז דאס, וואס ס׳האט געזאלט זיין דער מקח, נאר ער איז עס אבער ניט, די דאזיגע פארהעלטניש שטעקט אין דער פרייז־פאר־העלטניש פון יעטוועדער סחורה, און אין דעם ווארט „ווערט״ איז אנטהאלטען, ווי ס׳וועט באמערקען יעדערער, וואס לייגט נאר אכט אויפ׳ן געברויך פון דעם ווארט, די אידעעלע אדער סאציאליס־טישע פאדערונג, אז דער פרייז זאל זיין גלייך מיט׳ן ווערט. דאס קען אויך אויסגעדריקט ווערען אנדערש, אז דער גאנצער סכום פון גאנצען ווירקליכען ארבייטס־לוין דארף זיין גלייך מיט דער גאנצער סומע פון די פרייזען פון די פראדוקטען אין זייערע אלע סטאדיעס פון אומלויף אין מסחר, ווען זיי ווערען אפט איבער־געארבייט ביים אריבערגעהן פון האנט צו האנט, ווייל אבער די מענטשען, וועלכע שטעהען, אלס יחידים און צוליב זייער געלט־פראפיט, איינער געגען דעם אנדערען, נוצען, פארשטעהט זיך, אויס יעטווידער אייגענשאפט ניט בלויז פון פריוואט־אייגענטום, נאר אויך פון דער „יקר־המציאות״ פון די ארטיקלען, וועלכע ווערען געפאדערט, פון דער שטייגענדער נאכפראגע א דאנק באזונדערע סיבות, פון דער אומפארזיכטיגקייט פון די קאנסומענטען וכדו׳, — איז אין דער אמת׳ן די סומע פון די אויבענדערמאנטע פרייזען א סך, א סך העכער ווי די סומע פון דעם ארבייטס־לוין, אויך באשטימטע קאטעגאריעס פון די ארבייטער האבען אפילו א חלק ביי באזונדערע אומשטאנדען אין די דאזיגע „עקסטרא־רווחים״ אין דער פארם פון א העכערען לוין, וועלכער איז אין פארגלייך מיט׳ן לוין פון די ארבייטס־ברידער, וואס ארבייטען אין א גלייכער מאס, ווי זיי, ניט בלויז א לוין, נאר אויך פראפיט, — בייט דאס אבער ניט די לאגע קיין איינציגער פרט פונ׳ם פילפאכיגען ווירטשאפטליכען לעבען קען ניט ענדערען דעם פאקט, אז די ארבייט קען מיט איר לוין ניט קויפען אלץ, וואס זי פראדוצירט: א באדייטענדער טייל בלייבט איבער לטובת פונ׳ם אונטערנעמער און סוחר. ס׳בלייבען דערביי ניט באטראכט, ווי ס׳איז אויבען אנגעמערקט, די צווישען־סטאדיעס פון דער פראדוקציע, פון וועלכע די ארטיקלען געהען שוין אריין אין האנדעל אלס סחורות, ווייל די דאזיגע סחורות ווערען בעצם ניט דורך

לוין און ניט דורך פראפיט אפגענומען פון איין קאפיטאליסטישען פראדוצענטביים צווייטען, נאר דורך קאפיטאל, ד׳ ה׳ עפעס אזוינס, וואס האט זיך איינגענעסטיגט, ווי מיר וועלען באלד זעהן נאך קלארער, אויפ׳ן ארט פון קרעדיט אדער געגענזייטיגקייט. סוף כל סוף באשאפט די ארבייט אויך די צינזען פונ׳ם דאזיגען קאפיטאל, זיי שטעקען אין די פרייזען און זיינען שוין אנגערופען געווארען פריהער אין זייער אנדער געשטאלט אלס פראפיט דורך דאס איי־גענטום־רעכט; ווייל דער קאפיטאל איז די צירקולאציע־פארם פונ׳ם גרונד־אייגענטום, וואס איז געווארען פליסיג און באוועגליך, און פון זיינע פראדוקטען, וועלכע זיינען געשאפען געווארען דורך ארבייט, און איז אויך פאר אזעלכע, וועלכע זיינען למראית עין ניט קיין באדען־אייגענטימער, דער מיטעל אויסצולייגען ארבייטס־לוין פאר א פראדוקט, וועלכער דארף ערשט באשאפען ווערען, אדער אויסצאלען ארבייטס־לוין ביים איבערגאנג פון א פראדוקט פון איין סטאדיע פון דער אויסארבייטונג אין א צווייטער, אדער צו קויפען פראדוקטען אין האנדעל און האלטען זיי אויף לאגער. פון די דאזיגע פארשידענע פארמען פון קאפיטאל און פון חילוק צווישען קאפיטאל אין זיין ממשות׳דיגער ווירקליכקייט, וואס איז אן אמת׳ע ווירקליכקייט פון גייסט, און דעם פאלשען קאפיטאל, וועלען מיר באלד הערען מער.

דאס, וואס מיר רופען אָן ווערט, אנטשטעהט בכן אויסשליסליך נאר דורך דער ארבייט ביים פארבעסערען דעם באדען אדער ביים ארויסקריגען און ווייטער־באארבייטען די באדען־פראדוקטען, אויב די ארבייטער זיינען היינט געצוואונגען זיך אנ־צודינגען, ד׳ ה׳ צולאזען אז אנדערע זאלען אויסנוצען די פרוכט פון זייער ארבייט געגען א באשטימטער באלוינונג, באשאפט זיך א פאלשע פארהעלטניש צווישען דעם ווערט פון די פרא־דוקטען, וועלכע זיי האבען באשאפען, און דעם פרייז פון די פראדוקטען, וועלכע זיי קענען קויפען מיט זייער לוין פאר זייער פארברויך, מ׳קען לאזען די פראגע אפען, אויף וועלכען ארט ס׳הויבט זיך אָן זייער בארויבונג: צו בעת זייער באלוינונג – דער לוין

איז צו נידעריג, אדער בעת זייער איינקויף — די סחורות זיינען צו טייער. דער עיקר איז מ׳זאל ניט דענקען אין אבסאלוטע גרויסען, נאר אין א פארהעלטניש, וועלכע איז אין דעם פאל א פאלשע פארהעלטניש, און אז מ׳זאל גוט באמערקען, אז דורך דעם אפצוג פון א טייל פון דעם פראדוקט פון זייער ארבייט, וועלכען די ארבייטער מוזען צולאזען צוליב זייער דחקות, אנטשטעהט דער גאנצער פראפיט פון די קאפיטאליסטען, ד. ה. אז דער אפצוג פון ארבייטס-לוין, אדער די פארמינדערונג פון זיין ווערט, דער "מינדערווערט" איז גלייך צו דעם פראפיט פון די קאפיטאליסטען— צום מערווערט. דא ווערט אויך ניט אויסגעפארשט אין וועלכען ארט ס׳פליסט אריין דער פראפיט צו די קאפיטאליסטען, ס׳ווערט אויך ניט באהאנדעלט, צו איז די דאזיגע פראגע ניט פאלש געשטעלט, בעת זי מאכט ווידער דעם פרוב אוועקצושטעלען אן אבסאלוטע זאך אנשטאט דער פארהעלטניש אינ׳ם פראצעס פון די געהעריגע ערשיינונגען. דא ווערט נאר אנגעוויזען אויף דעם, אז דער פראפיט ווערט פארטיילט אין פארשידענע חלקים צווישען באדען-באזיצער, געלט-קאפיטאליסטען, אונטערנעמער, סוחרים און אלע זייערע משרתים: באאמטע, "גייסטיגע ארבייטער" און אלע, וואס זיינען אויף וועלכען ס׳איז אנדער אופן פריווילעגירט און איינגעפלאכטען געווארען אין קאפיטאליזם. ס׳מוז אויך דאס באטאנט ווערען, אז ביים דאזיגען אויסדרוקס-אופן, ווי אויך ביים ווערט גופא, האנדעלט זיך וועגען קינסטליכע קאנסטרוקציעס, וואס זיינען אגב דורכויס נויטיג: ניט די גאנצע הכנסה פון די פערזאָנען, וואס זיינען באטייליגט אין קאפיטאליזם, איז פראפיט, אויך זיי טוען אן ארבייט, און ניט אלע, וואס "ארבייטער" פאר- ברויכען, איז ארבייטס-לוין, זיי זיינען אויך באטייליגט אין דער פראפיט-ווירטשאפט, הגם אפט אפילו מיט גאנץ אומבאדייטענדע חלקים. צו ווייט וואלט עס אונז אוועקגעפירט, אויב מיר וואלטען צוטיילען איצט ווידער די ארבייטער אין פראדוקטיווע און אומפראדוקטיווע און — וואס ס׳איז ניט די זעלבע זאך — מאכען א חילוק אין די פראדוצירטע חפצים צווישען נויטיגע און לוקסוס-

זאכען. דא מוז נאר אנגעוויזען ווערען אויף דעם, אז א סך פריווילעגירטע אין קאפיטאליזם טוען ניט נאר סתם ארבייט, נאר בלי שום ספק אויך פראדוקטיווע ארבייט, ווי פון דער אנדערער זייט טוען אויך ארבייטער זעהר פיל לגמרי אדער טיילווייז אומפראדוקטיווע ארבייטען, און אז, שנית, געהען אריין אינ'ם קאנסום פון די ארבייטער ניט בלויז נויטיגע, נאר אויך לוקסוס־זאכען. די אלע פרטים, וועלכע האבען די גרעסטע באדייטונג פאר'ן ווירקליכען לעבען פון אונזער צייט, האבען מיר דא געקענט דערמאנען. ס'האנדעלט זיך דא וועגען אנווייזען אויף דעם, אז די איינזייטיגע באטאנונג פון דער לוין־פראגע מצד די ארבייטער און זייערע פראפעסיאנעלע פאראיינען שטעהט אין א צוזאמענהאנג מיט דער פאלשער אויפאסונג פון דעם מערווערט מצד די מארקסיסטען. מיר האבען פריהער געזעהען, ווי לוין און פרייז געפינען זיך אין א געגענזייטיגער פארבינדונג; מיר האבען אנגע־וויזען דא ערשט אויף דעם, אז די אויפאסונג איז לגמרי א פאלשע, לויט וועלכער דער אזוי גערופענער מערווערט איז אן אבסאליוטע גרויס, וואס אנטשטעהט ביים קלאס פון די אונטער־נעמער און פליסט אפ פון דארט צו די אנדערע קאטעגאריעס פון די קאפיטאליסטען. מערווערט איז, גענוי ווי דער פרייז אדער דער לוין, — א פארהעלטניש און ער אנטשטעהט אינ'ם גאנצען שטראם פון דעם ווירטשאפטליכען פראצעס, און ניט אין א באשטימטען ארט. פון דעם טעות, וואס איז דא אקארשט באטראכט געווארען, קומט ארויס דער קלאגעדיגער פועל־יוצא, אז די מארקסיסטען לייגען דעם שווער־פונקט פון גאנצען ענין אויף דעם קלאס פון די אונטערנעמער, באזונדערס אויף די אינדוסטריע־אונטערנעמער, די פאבריקאנטען. דא, האבען זיי געגלויבט, האבען זיי געפונען דעם ארכימעדישען פונקט פון קאפיטאליזם. אמת איז נאר, אז יעטוועדער פראפיט ווערט אראפגענומען פון דער ארבייט, אנדערש גערעדט: ס'עקסיסטירט ניט קיין פראדוקטיוויטעט פון קאפיטאל, ס'איז פאראן נאר א פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט. די דאזיגע דערקענטניש איז בכל אופן די גרונד-אנשויאונג פון סאציאליזם

און אויסשליסליך א דאנק דעם, וואס די מארקסיסטען האבען איר אנערקענט צוזאמען מיט אלע אנדערע סאציאליסטען, — פּרודאָן האט איר געגעבען דעם קלאסישען אויסדרוק אין זיין פּרעכטיגער פּאלעמיק מיט באַסטיאַ און אין א סך אנדערע ערטער, — נאר צוליב דעם מעגען אויך די מארקסיסטען אנרופען זיך אין ברייטסטען זין פוןווארט סאציאליסטען, דאס ווייסען אויך זיי: די רענטאַ־בילִיטעט פון אייגענטום אין די רענטאבּיליטעט פון קאפּיטאל זיינען נאר א פארשטעלטע פארם פון דאס, וואס איז אין דער אמת׳ן נאר גזלה ביי דער פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט, פון דער דאזיגער גרונד־דערקענטניש האבען אבער די מארקסיסטען אין זייער טעאריע און די סינדיקאליסטען אין זייער פּראקטיק געמאכט אויספירען, וואס זיינען חוצפּהדיג פאלש אויפ׳ן גרעסטען אופן, די מארקסיסטען האבען געגלויבט, אז ווייל זיי האבען א סיבה, האבען זיי מיט דעם שוין די לעצטע, אן אור־ערשטע, די אבּסאלוטע סיבה: די ארבייט, די ארבייטס־באדינגונגען, דער פּראדוקציאנס־פּראצעס זיינען בכן געווען פאר זיי דאס לעצטע ווארט, וואס האט אלץ דערקלערט; און בכן איז באשאפען געווארען די לעכערליכע פאלשקייט פון זייער אזוי גערופענער מאטעריאליסטישער אויפאסונג פון דער געשיכטע, פון זייערע אנטוויקלונגס־געזעצען, זייער אפּווארטען אויף דער וואַק־סענדער קאנצענטראציע און אויפ׳ן גרויסען קריזיס, אויף דער גרויסער קאטאסטראפע וכד׳, זיי האבען געזאלט פרעגען אלץ ווייטער כסדר: פון וואנען זשע קומט דער דלות פון די ארבייטער? און זיי וואלטען זיך אנגעשטויסען אויפ׳ן באדען־אייגענטום און אויף דער שטענדיגער גילטיגקייט און אומפארברויכבארקייט פון דאס געלט און דאן אויף דער מלוכה און אויפ׳ן גייסט און אויף זיין ״ארויף און אראפּ״, זיי וואלטען דערזעהען, אז די פארהעלטנישען, צו וועלכע ס׳געהערט די מלוכה און דער קאפּיטאל און דאס אייגענטום, זיינען בעצם דאס — ווי אזוי מיר פאר־האלטען זיך צווישען זיך און ווי מיר פירען זיך און אז אלץ איז סוף כל סוף אפּהענגיג פון דער פירונג פון יחידים און פון דער פארהעלטניש פון זייערע כוחות בנוגע צו די איינ־

ריכטונגען, וואס ליגען, ווי א משא, אויף א צייט, אלס פֿאַרגליווערטע שיריים פֿון א קראפֿט און בעיקר — פֿון דער קראפֿטלאָזיגקייט פֿון די מענטשען פֿון די פֿריהערדיגע דורות. ס'הענגט אָפּ פֿון'ם אופֿן פֿון באטראכטען, פֿון'ם באנוצען א בילדליכען אויסדרוק, צו זאָל מען אנרופֿען די ווירטשאפֿטליכע צושטאנדען, די פּאָליטישע פֿארהעלטנישען, די רעליגיע וכדומה, אלץ ארום און ארום, אלס דעם שווערען אויבערשטען בנין, אדער אלס פֿונדאמענט פֿון'ם לעבען פֿון די יחידים אין א באשטימטער תּקופֿה. אבער תּמיד וועט יענע אנשויאונג זיין אן אבסורד, לויט וועלכער די ווירטשאפֿטליכע אדער געזעלשאפֿטליכע „פֿארהעלטנישען" זיינען דער מאטעריעלער פֿונדאמענט פֿון א צייט און דער גייסט און זיינע געשטאלטונגען זיינען אנטקעגען דעם זייער אידעאלאגישער אויבערשטער בנין אדער א מין פֿארטאפּעלדיגע אפּשפּיגלונג. ווי געוואלדיג גרויס ס'זאל ניט האבען געווען די דערקענטניש פֿון מערווערט, ד. ה. די דעמאסקירונג פֿון דעם אייגענטום און פֿון געלט־קאפּיטאל, אלס א גזלן פֿון דער ארבייט, גראד אזוי געפֿערליך איז געווען דער פֿאלשער גלויבען, אז מ'האט אנדעקט דעם ארט, וואו ס'אנטשטעהט דער מערווערט. דער מערווערט שטאמט פֿון דער צירקולאציע: ער אנטשטעהט ביים קויפֿען פֿון אַ סחורה פּונקט אזוי פֿיל און פּונקט אזוי ווייניג ווי ביי דער באלוינונג פֿון אן ארבייטער. נאך אַנדערש אויסגעדרוקט — ווייל מיר קענען דא ריידען נאר אין בילדער, מוז דער אמת ארומגערינגעלט ווערען פֿון פֿארשידענע שטאנדפּונקטען מיט שילדערונגספּרובען און מיר מוזען אלץ מער באנוצען דעם דאזיגען מיטעל, וואס מער קאמפּליצירט, צושפּליטערט ס'זיינען די ערשיינונגען, וועלכע מיר ווילען אריינעמען אין אונזערע גרויסע אלגעמיינע בילדער: — די סיבה פֿון מערווערט איז ניט די ארבייט, נאר די נויט, אין וועלכער ס'לעבט די ארבייט; און די נויט פֿון די ארבייטענדע מענטשען ליגט, ווי מיר האבען שוין געזאגט, מחוץ פֿון'ם פּראדוקציאנס־פּראצעס, און ערשט לגמרי אינדרויסען ליגט די סיבה פֿון דער דאזיגער נויט און אזוי תּמיד ווייטער ארום אין

דעם קרייז, אין דער צירקולאציע פון דער גאנצער פראפיט־הירט־שאפט און פון באדען־אייגענטום מחוץ און דאן מפנים: פון די דאזיגע אויסערליכע פארקערפערונגען צו זייערע סיבות אריין, צו דער טבע פון די מענטשען, וואס באוועגען זיך אין זיי און ווערען דורך זיי באוועגט און לאזען זיך געשטערט ווערען דורך זיי אין די באוועגונגען, און דאן פון די דאזיגע מענטשען צוריק צו די מענטשען פון די פריהערדיגע דורות. ניט דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאנס־פראצעס איז די לעצטע סיבה פון דער אנטשטעהונג פון מערווערט; יענע געלערטע, וואס דארפען האבען די לעצטע סיבה פאר די מענטשליכע פארהעלטנישען, זאלען וויסען זיין איין מאל פאר אלע מאל, אז די פארלעצטע סיבה איז אדם הראשון און די סאמע לעצטע און וואונדערליך־פרעכטיגע אבסאלוטע סיבה איז דער כביכול. און אפילו ער בכבודו ובעצמו איז געווארען אומטריי זיין אבסאלוטיזם במשך פון גאנצע זעקס טעג, ווייל אן אמתער אבסאלוטיסטישער „איך" שאנעוועט זיך פון ארבייט, ער זיצט אויפ'ן טראָן, ד' ה' אויף זיך גופא, און זאגט צו זיך און מיט זיך אליין: די וועלט בין איך!

דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאנס־פראצעס איז נאר אין א נעגאטיווער באציהונג אן אויסגאנגס־פונקט פון דער עמאנסיפאציע פון דער ארבייט. ניט דורך זיין ווייטערדיגער אנטוויקלונג און זיינע אינעווייניגסטע געזעצען פירט ער צום סאציאליזם, ניט דורך דעם קאמף פון די ארבייטער אין זייער ראליע אלס פראדוצענטען קען ער גרינדליך איבערגעבויט ווערען לטובת דער ארבייט; אלא נאר דורך דעם, וואס די ארבייטער וועלען אויפהערען צו שפילען זייער ראליע אלס פראדוצענטען פון די קאפיטאליסטען, וועלען אויפהערען צו באשאפען די קאפיטאליסטען, וואס די ארבייטער זאלען ניט טאָן, וואס ווער ס'איז זאל ניט טאָן אין דער סטרוקטור פון קאפיטאליזם, דאס אלץ פארוויקעלט אים אלץ נאך טיפער און פעסטער אין קאפיטאליסטישען פלאנטער. אין דער דאזיגער ראליע זיינען די ארבייטער שותפים פון קאפיטאליזם, אויך אפילו אויב זייערע אינטערעסען ווערען אויסגענוצט ניט דורך זיי אליין, נאר דורך די קאפיטאליסטען, אויך אויב זיי אליין געניסען בעצם ניט די טובות,

נאר די רעות פונ׳ם אומרעכט׳ אין וועלכען זיי זיינען זיך משתתף׳

א באפרייאונג איז מעגליך נאר פאר די׳ וועלכע זיינען בכוח אינערליך און אויסערליך ארויסצוטרעטען פון קאפיטאליזם׳ פאר די וואס הע־רען אויף צו לעבען אויף אן אומנאטירליכען אופן און הויבען אָן צו זיין מענטשען׳ מיט דעם אבער הויבט מען אָן צו זיין א מענטש׳ וואס מ׳ארבייט ניט מער פאר דאס פאלשע׳ פאר דעם פראפיט און פאר׳ן פראפיט־מארק׳ נאר פאר די אמת׳ע מענטשליכען באדערפענישען; דורך דעם׳ וואס די דערשטיקטע אמת׳ע באציהונג צווישען באדארף און ארבייט׳ די באציהונג צווישען דעם הונגער און די הענט׳ ווערט אויפ־געבויט אויף ס׳ניי׳ מ׳מוז ארויסגעהענדיג פון דער סאציאליסטישער גרונד־דערקענטניש: נאר די ארבייט באשאפט ווערטען! אפלערענען די רעכטע לערע: אוועק פון דעם מארק פון רענטע און פראפיט! דער מארק פון ארבייט מוז ערשט געגרינדעט ווערען פריהער׳ און פאר אים׳ — ראשית כל׳ דער גייסט׳ די באציהונגס־פארהעלטניש צווישען ארבייט און פארברויך׳ און דער באדען פון דער ארבייט׳

היינט געהט ארויס דער אויפרוף צום סאציאליזם צו אלע ניט מיט׳ן גלויבען׳ אז אלע קענען אים פארווירקליכען׳ ווייל זיי ווילען׳ נאר מיט׳ן וואונש צו ברענגען יחידים צום באוואוסטזיין פון זייער צו־זאמענגעבונדענקייט׳ אויפצופאדערען זיי צום בונד פון די אנפאנגער׳ פון די פיאנערען׳

די מענטשען׳ וועלכע קענען און ווילען עס מער ניט אויסהאלטען׳ זיי זיינען עס׳ וועלכע ווערען גערופען׳

צו די מאסען׳ צו די פעלקער פון דער מענטשהייט׳ צו די מושלים און רעגירטע׳ יורשים און די׳ וועלכע מ׳האט מעביר נחלה געווען׳ פריווילעגירטע און אפגענארטע׳ וואלט מען געדארפט זאגען: ס׳איז א חרפת־עולם׳ אן אומגעהייער גרויסע שאנד׳ וואס קען ניט פארגעסען ווערען במשך פון הונדערטער יארען׳ אז ס׳ווערט געפירט אווירט־שאפטס־לעבען לשם פראפיט׳ אנשטאט צו פארזארגען די באדערפעני־שען פון מענטשען׳ וואס זיינען פאראייניגט אין קבוצות׳ אייער גאנ־צער קריגס־מצב׳ אייער גאנצער מלוכה־וועזען׳ אייער פולשטענדיגע אונטערדריקונג פון דער פרייהייט׳ אייער גאנצע קלאסען־שנאה קומט

ארויס פון דער דאזיגער ברוטאלער שטות, וועלכע געוואלטיגט איבער אייך. ווען ס׳וואלט געקומען היינט פאר אייך אלע, איר פעלקער, מיט א מאל די גרויסע שעה פון דער רעוואלוציע, וואס וואלט איר אנגעהויבען צו טאָן? ווי וואלט איר באשאפען א מצב, אז אין קיין שום ארט אויף דער וועלט, אין קיין לאנד, אין קיין פראווינץ, אין קיין געמיינדע זאל קיינער מער ניט ליידען פון הונגער און פון קעלט, אז קיין מאַן און קיין פרוי און קיין קינד זאל ניט שאמאכטען מער? אויב מ׳זאל ריידען דא נאר וועגען דאס גראב־גשמיותדיגע! און ווי, אז די רעוואלוציע וועט גאר אויסברעכען אין אן איינצעלנעם לאנד? וואס וואלט זי דעמאלט געקענט נוצען? און וואוהין, צו וועלכען ציל, וואלט זי געקענט פירען?

ס׳איז שוין ניט מער אזוי, ווי ס׳איז געווען, מ׳זאל קענען זאגען די מענטשען פון א פאלק: אייער באדען טראגט אייך דאס, וואס איר דארפט האבען אין שפייז און אין רוי־שטאפען פאר דער אינדוסטריע: אַרבייט און טוישט! פאראייניגט זיך, ארימע לייט, און קרעדיטירט זיך געגענזייטיג; קרעדיט, געגענזייטיגקייט איז קאפיטאל; איר דארפט ניט האבען קיין געלט־קאפיטאליסטען און קיין אונטערנעמער־בעלי־בתים; ארבייט אין שטאדט און אין דארף; ארבייט און טוישט!

אזוי איז עס ניט מער, אפילו ווען מ׳וואלט געקענט אפווארטען יענעם מאמענט, בעת ס׳איז מעגליך אויפצוטאָן גרויסע און ברייטע מעשים.

אין אומגעהיירער מישמאש, א באמת בהמה׳שער תהו ובהו, א קינדערשע הילפלאזיגקייט, וואלט אנשטאנען היינט אין א מאמענט פון א רעוואלוציע. קיינמאל זיינען די מענטשען ניט געווען אזוי אומזעלבסטשטענדיג, אזוי שוואך ווי היינט — בעת דער קאפיטאליזם האט דערגרייכט צו זיין בליהונג: צום וועלט־מארק פון פראפיט און צום פראלעטאריאט. קיין וועלט־סטאטיסטיק און קיין וועלט־רעפובליק קען אונז ניט העלפען. נאר א ווידערגעבורט פון די פעלקער אינ׳ם גייסט פון דער געמיינדע קען אונז ברענגען די רעטונג.

די גרונד־פארם פון דער סאציאליסטישער קולטור איז דער בונד פון קבוצות, וואס פירען די ווירטשאפט זעלבסטשטענדיג

און טוישען צווישען זיך די פראדוקטען פון זייער ארבייט.

אונזער מענטשליכער וואוילשטאנד, אונזער עקסיסטענץ הענגט ערשט אפ דערפון, צו די איינהייט פונ׳ם יחיד און די איינהייט פון דער משפחה, וואס זיינען אונז נאך איבערגעבליבען די איינציגע פון די נאטירליכע פארבאנדען, וועט ווידער אויפשטייגען צו דער איינהייט פון דער געמיינדע — דער גרונד־פארם פון יעטוועדער געזעלשאפט.

איבער מיר ווילען האבען די געזעלשאפט, מוזען מיר איר אויפבויען, איר אויספרובען.

די געזעלשאפט איז א געזעלשאפט פון געזעלשאפטען פון געזעלשאפטען; א געמיינדע פון געמיינדעס פון געמיינדעס; א קבוץ פון קבוצים פון קבוצות; א רעפובליק פון רעפובליקען פון רעפובליקען. נאר דארט איז פרייהייט און ארדענונג, נאר דארט איז גייסט; א גייסט, וועלכער איז זעלבסטשטענדיגקייט און געמיינשאפט, פארבינדונג און אומאפהענגיגקייט.

דער זעלבסטשטענדיגער יחיד, וועמען קיינער האט קיין דעה ניט צו זאגען אין דאס, וואס ס׳איז בלויז זיין זאך; די הויז־געמיינשאפט פון דער משפחה פאר וועלכער די היים און דער הויף זיינען די וועלט; די אוטאנאמע ארט־געמיינדע, דער אמט אדער דער פארבאנד פון די געמיינדעס און אזוי תמיד אלץ ווייטער — מער אין דער ברייט אומפאסענדע פארבאנדען מיט אלץ א קלענערער צאל אויפגאבעס,—אזוי זעהט אויס א געזעלשאפט, נאר דאס איז דער סאציאליזם, פאר וועלכען ס׳איז כדאי צו ארבייטען, וועלכער קען אונז ארויסראטעווען פון אונזער ירידה. אומזיסט און פאלש זיינען די פרובען צו אנטוויקלען אין די מלוכות און אין די פארבאנדען פון מלוכות דעם צוואנג־רעזשים, וואס איז היינט א סוראָגאט פון א פרייגייסטיגער פארבינדונג, וועלכע פעלט, און נאך ברייטער מאכען זייער ווירקונגס־פעלד אויפ׳ן ווירטשאפטליכען געביט, ווי ער איז ביז ערשט געוועזען, דער דאזיגער פאליציייאישער סאציאליזם, וואס דערשטיקט יעטוועדע אריגינאליטעט און די אייגענע נאטירליכע איניציאטיוו, וואלט נאר געוועזען

דער חותם אויף דער פולקאמער ירידה פון אונזערע פעלקער, וואלט נאר געווען א פרוב צונויפהאלטען די אַטאָמען, וואס לויפען זיך לגמרי פאנאנדער אין פארשידענע זייטען, דורך א מעכאניש־אייזערנעם רייף. נאר דארט אנטשטעהט פאר אונז, מענטשען, א נאטירליכער קבוץ, וואו מיר זיינען צוזאמען אין א נאטירליכער נאנטקייט, אין א ממשות׳דיגער בארירונג. דער גייסט, וואס פארבינדט, דער בונד פון א סך לשם א גע־מיינזאמען אויפטו, וואס זאל ארויסגעהן פון א געמיינזאמען מקור, האט אין דער פאמיליע א צו שמאלע און א צו קארגע פארם פאר א געמיינשאפטלי־כען לעבען. אין דער פאמיליע שפילען א ראליע נאר די פריוואטע אינטערעסען, מיר דארפען א נאטירליכען קערן פונ׳ם געזעלשאפטליכען גייסט פאר׳ן געזעלשאפטליכען לעבען, כדי דאס לעבען פון כלל זאל ניט זיין מער אנגעפילט און אנגעפירט, ווי ביז ערשט, פון דער מלוכה און פון דער קאלטקייט, נאר — פון ווארימקייט, וואס איז ענליך צו דער פאמיליען־ליבע. דער דאזיגער קערן פון יעדער אמת׳ען געמיינשאפטס־לעבען איז די געמיינדע, דיווירטשאפט־קבוצה, וואס פון איר וועזען האט קיין שום השגה ניט דער, וועלכער וויל איר באאורטיילען לויט דעם, וואס ס׳רופט זיך אָן היינט געמיינדע.

דער קאפיטאל, וואס ווערט באנוצט צום אומזאץ, צו דער באארביי־טונג פון די רוי־שטאפען, צום טראנספארט פון סחורות און מענ־טשען, איז אין דער ווירקליכקייט קיין שום אנדער זאך ניט, ווי דער געזעלשאפטליכער גייסט. הונגער, הענט און ערד — אלע דריי זאכען זיינען פאראן א דאנק דער נאטור; פאר׳ן הונגער באשאפען די הענט מיט פלייס דעם נויטיגען שפייז־פראדוקט פון דער עדד; דערצו קומט נאך צו די באזונדערע איינאיבונג פון באשטימטע געגענדען אין פראפעסיעס, וואס זיינען שוין אלט הונדערטער יארען, די באזונדערע אייגענשאפט פון דער ערד, אז באשטימטע רוי־שטאפען געפינען זיך נאר אין באשטימטע ערטער: די נויטיגקייט און נוצליכקייט פון אויסטויש־זאלען זשע מענטשען טוישען פון געמיינדע צו געמיינדע דאס, וואס ס׳קען אדער ס׳דארף ניט געארבייט ווערען אויפן ארט, אזוי גוט, ווי זיי טוישען אין דער געמיינדע פון יחיד צום יחיד; זאלען זיי טוישען א פראדוקט אויף א גלייכווערטיגען פראדוקט, און אין יעדער געמיינדע וועט יעדערער

האבען נאר אזוי פיל צו זיין פארברויך, וויפיל ער וויל, ד. ה. וויפיל ער ארבייט אויס.

הונגער, הענט און ערד זיינען דא, אלע דריי זיינען דא פון דער נא־טור, און א חוץ זיי דארפען די מענטשען נאר ווי געהעריג איינארדענען דאס, וואס קומט פאר צווישען זיי, און זיי וועלען האבען וואס ס'איז נויטיג, אזוי אז יעדערער זאל ארבייטען אינגאנצען נאר פאר זיך, כדי אז אלע זאלען עקספלאטירען די נאטור, אבער ניט איי־נער דעם אנדערען.

דאס איז די אויפגאבע פונ'ם סאציאליזם: אזוי איינצואורדענען די טויש־ווירטשאפט, אז אויך אונטער דער טויש־סיסטעם זאל יע־דער ארבייטען נאר פאר זיך; אז מענטשען זאלען זיך געפינען צווי־שען זיך אין א טויזענט־פאכיגער פארבינדונג און דאך זאל קיינער ניט באעול'ט ווערען אין דער דאזיגער פארקניפונג, נאר יעדערען זאל עפעס געגעבען ווערען, געגעבען ניט אין דעם זין, אז איינער זאל דעם אנדערען שענקען; דער סאציאליזם שטעלט ניט ארויס קיין התחיבות מותּר צו זיין אויף אייגענע חפצים, ווי ער פראקלאמירט ניט קיין רויב, יעדערער באקומט א הכנסה פון זיין ארבייט און געניסט א חלק פון דער באררייכערונג פון אלע דורך דעם ארויסקריגען די פראדוקטען פון דער נאטור, וועלכע אנטשטעהט דורך דער פאר־טיילונג פון דער ארבייט און דורך דעם טויש און דורך דער ארבייטס־געמיינשאפט.

הונגער, הענט און ערד זיינען דא, אלע דריי זאכען זיינען דא א דאנק דער נאטור.

ס'איז משונה'דיג, אז מ'מוז עס היינט ערשט זאגען צו די מענטשען אין שטאדט און אין דארף, ווי עפעס א נייס, אז אלץ, וואס געהט נאר אריין אין אונזער פארברויך, און אויף וויפיל דאס איז ניט לופט, קומט עס פון דער ערד און פון די פלאנצען, וואס וואקסען אויף דער ערד, און פון די חיות.

הונגער, הענט און ערד זענען דא; אלע דריי זיינען דא פון דער נאטור.

דעם הונגער שפירען מיר טעגליך און זוכען אין קעשענע דאס געלט כדי ארויסצונעמען דעם מיטעל צו קויפען די מיטלען צו בא־

פרידיגען דעם הונגער; דאס, וואס ס׳ווערט דא גערופען הונגער, איז יעטוועדער מין אמת׳ער באדארף: כדי יעטוועדען באדארף צו באפרי־
דיגען, זוכען מיר אין אונזערע טאשען דאס געלט.

כדי צו קומען צו געלט, פארקויפען מיר זיך אדער מיר דינגען זיך אָן;
מיר באוועגען די הענט, און דאס, וואס ס׳ווערט דא גערופען הענט, זיינען כל ערליי מוסקולען און נערוועו און מארך, איז גייסט און קערפער, איז ארבייט. ארבייט אויף דער ערד, ארבייט אונטער דער ערד, ארבייט פאר דער וויטערדיגער באארבייטונג פון די באדען פראדוקטען; ארבייט אין טויש־ און טראנספארט־באטריב; ארבייט צו בארייכערען די רייכע; ארבייט צו פארוויילונג און צו באלע־רונג, ארבייט פאר דער ערציהונג פון דער יוגענט, ארבייט, וואס פראדוצירט דאס שעדליכע, ניטנוציגע, איבעריגע; ארבייט, וואס פראדוצירט גארניט און שטעלט זיך אפען ארויס, כדי די ליידיג־געהער זאלען איר אנקוקען. א סך מינים זאכען הייסען היינט ארבייט, אלץ הייסט היינט ארבייט, וואס ברענגט א געלט־הכנסה.

הונגער, הענט און ערד זיינען דא; אלע דריי זאכען זיינען דא א דאנק דער נאטור.

וואו איז די ערד? די ערד, אין וועלכער ס׳נויטיגען זיך אונזערע הענט, כדי צו שטילען אונזער הונגער?

א קליינער הייפעל מענטשען באזיצען דעם באדען און אלץ ווענ־ניגער אין צאל ווערען זיי. דער קאפיטאל, האבען מיר געזאגט, איז ניט קיין זאך, נאר ער איז א שטיק גייסט צווישען אונז; מיר וואלטען געהאט די מיטלען צום אומזאץ און צום טויש, אויב מיר וואלטען גע־פונען זיך גופא און אונזערע מענטשליכע נאטור; די ערד אבער איז א שטיק אויסערליכע נאטור, איז נאטור ווי לופט און ליכט; די ערד געהערט צו אלע מענטשען; און די ערד איז גע־ווארען אן אייגענטום; אן אייגענטום פון א קליינער צאל יחידים!

יעטוועדער אייגענטום אויף זאכען, יעטוועדער אייגענטום אויף באדען, איז אין דערווירקליכקייט אן אייגענטום אויף מענטשען, דער, וועלכער נעמט צו פון אנדערע, פון די מאסען

די ערד, דער צווינגט זיי צו ארבייטען פאר אים. אייגענטום איז
גזלה און אייגענטום איז פארשקלאפונג.

ערשט א דאנק דער געלט־ווירטשאפט זיינען א סך זאכען גע־
ווארען באדען־אייגענטום, וואס זיינען עס למראית־עין ניט:

אין דער גערעכטער טויש־ווירטשאפט האב איך לויט דער ווירקונג א חלק אינ׳ם באדען אויך דעמאלט, בעת איך באזיץ אפילו ניט קיין ברעקעל ערד; אין דער געלט־ווירטשאפט, אין דער געזעלשאפט פון פראפיט, פון שפעקולאציע, פון צינזען, ביסטו אין דער אמת׳ן א לאנד־רויבער אויך דעמאלט, בעת דו באזיצט אפילו קיין ברעקעל באדען ניט, אויב דו האסט נאר געלט אדער ווערט־פאפירען. אין דער גערעכטער טויש־ווירטשאפט, וואו א פראדוקט טוישט זיך געגען א גלייכווערטיגען פראדוקט, ארבייט איך אויסשליסליך נאר פאר זיך גופא, אפילו אויך דעמאלט, בעת פון מיר אליין ווערט ניט פאר־ברויכט לכתחילה קיין זאך, וועלכע איך ארבייט אויס; אין דער געוואלט־ווירטשאפט, אין דער געזעלשאפט פון פראפיט, ביסטו א שקלאפען־הער, אויך אז די באשעפטיגסט אפילו ניט קיין איינציגען ארבייטער, אויב דו לעבסט גאר פון אן אנדער זאך, ווי פון יגיעת כפים. און אפילו אויך דעמאלט, ווען איינער לעבט נאר פון יגיעת כפיו, האט ער א חלק אין דער אויסנוצונג פון די מענטשען, אויב זיין ארבייט איז א מאנאפאליזירטע אדער א פריווילעגירטע און זי דער־
שלאגט זיך צו א העכערען פרייז, ווי זי איז ווערט.

הונגער, הענט, ערד זיינען דא; אלע דריי זאכען זיינען דא פון
דער נאטור.

די ערד מוזען מיר ווידער האבען, די סאציאליסטישע געמיינדעס
מוזען אויף דאס ניי פאנאנדערטיילען דעם באדען, צו וועט
ניט אנטשטעהען דורך דעם אויף ס׳ניי אייגענטום?

איך ווייס גאנץ גוט, אז אנדערע שטעלען זיך פאָר דאס געלט־איי־
גענטום אדער די באפרייאונג פונ׳ם יאך פון די בעלי־בתים גאנץ
אנדערש. זיי זעהען אלץ אין נעפעל; איך באמיה זיך צו זעהן קלאר; זיי זעהען אלץ אין דער פולקאמענקייט פון א באשריבענעם אידעאל; איך וויל אויסדריקען, וואס מ׳דארף טאן איצט און צו יעדער צייט.

איצט און צו יעדער צייט וועט אויף דער וועלט טפשות קיין קיום ניט האבען, דער סאציאליזם מוז פארווירקליכט ווערען; ווער ס׳וויל אים פארווירקליכען, מוז וויסען זיין וואס ער וויל ערשט, ערשט און תמיד וועט דער ראדיקאלער איבערבויער ניט געפינען קיין שום אנדער זאך איבערצובויען ווי דאס, וואס ס׳איז שוין פאראן, און בכן וועט עס ערשט און תמיד זיין גוט, אז די לאקאלע געמיינדעס זאלען באזיצען זייער באדען־שטח און דאס רעכט אויף זיין פאנאנדערטיילונג; אז איין חלק זאל זיין געמיינדע־לאנד און דער אנדער חלק — א פאמיליען־באזיץ פאר א הויז, הויף, גארטען און פעלד.

אויך וועט די אפשאפונג פון באדען־אייגענטום מוזען זיין אין עצם אן אומוואנדלונג פון אונזער גייסט; פון דער דאזיגער ווידערגעבורט וועט ארויס אלס פועל־יוצא א מעכטיגע ניי־פארטיילונג פון באזיץ; און אין פארבינדונג מיט דער דאזיגער ניי־פארטיילונג וועט אנטשטעהן דער ווילען אין צוקינפטיגע צייטען ווידער און ווידער צו פאנאנדערטיילען דעם באדען תמיד און מיט באשטימטע אדער אומבאשטימטע הפסקות צווישען איין פארטיילונג און דער צווייטער. **גערעכטיגקייט** וועט תמיד זיין אפהענגיג פון גייסט, וואס וועט הערשען צווישען די מענטשען, און דער, וואס מיינט, אז ס׳איז ערשט נויטיג און מעגליך א גייסט, וואס דארף זיך אזוי קריסטאליזירען צו א געשטאלט, אז ער וועט דורכפירען עפּעס א זאך, וואס איז דאס לעצטע און בעסטע און וועט גארניט איבערלאזען פאר׳ן עתיד, פארשטעהט לגמרי פאלש דעם סאציאליזם. דער גייסט געפינט זיך תמיד אין א באוועגונג און אין א שאפען; און דאס וואס ער שאפט, וועט תמיד זיין ניט־פולקאם, און בלויז אין דער געשטאלט אדער אין דער אידעע ווערט די פולקאמקייט פארווירקליכט. ס׳וואלט געווען אן אומזיסטע און פאלשע טרחה צו וועלען שאפען איין מאל פאר אלעמאל פאטענטירטע איינריכטונגען, וואס וואלטען אווטאמאטיש אויסשליסען יעטוועדע מעגליכקייט פון עקספלאטאציע און שפעקולאציע. אונזערע צייטען האבען באוויזען דעם רעזולטאט דערפון, וואס ס׳ווערען אוועקגעשטעלט

אווטאמאטיש־ווירקענדע אינסטיטוציעס אנשטאט דעם לעבעדיגען גייסט· זאל יעדער דור זארגען מוטיג און ראדיקאל פאר דאס· וואס ס׳אנט־שפרעכט פאר זיין גייסט; ס׳מוז נאך אויך אין דער צוקונפט זיין א גרונד פאר רעוואלוציעס· און זיי ווערען דעמאלט נויטיג· ווען א נייער גייסט מוז קעמפען געגען די פארגליווערטע שיריים פון א גייסט· וואס איז אראפ פון וועג· אזוי וועט אויך דער קאמף געגען דעם אייגענטום פירען צו גאנץ אנדערע רעזולטאטען· ווי אנדערע· צ· ב· די אזוי גערופענע קאמוניסטען· גלויבען· אייגענטום און באזיץ זיינען ניט קיין גלייכע באגריפען· און איך זעה פארויס אין דער צוקונפט פּריוואט־באזיץ· א קאָאָפּעראטיווען באזיץ· געמיינדע־באזיץ אין דער שענסטער בליהונג; ניט בלויז קיין באַזיץ פון זאכען· וואס ווערען דירעקט פארברויכט אדער פון די אייג־פאכסטע מכשירים; באזיץ אויך אויף פראדוקציאנס־מיטלען פון כל המינים· פון הייזער און באדען· געגען וועלכען אנדערע מענטשען האבען עפּעס א מין אבערגלויבישע מורא· ס׳דארפען ניט געמאכט ווערען קיין אנטגילטיגע חוקים פאר דער אייביגקייט· נאר — א גרוי־סער און אומפאסענדיגער אויסגלייך אין פעריאדישע צייטען·

„והעברת שופר תרועה בחדש הראשון בעשור לחדש ביום הכפורים תעבירו שופר בכל ארצכם·

„וקדשתם את שנת החמשים שנה וקראתם דרור בארץ לכל יושביה· יובל היא תהיה לכם ושבתם איש אל אחזתו ואיש אל משפחתו תשבו·

„בשנת היובל הזאת תשבו איש אל אחזתו·

ווער ס׳האט אויערען צום הערען· זאל הערען!

״און דו זאלסט לאזען בלאזען דעם שופר איבער אייער גאנצען לאנד״·

די שטימע פון גייסט איז דער שופר· וואס וועט תמיד ווידער און ווידער בלאזען· כל זמן מענטשען וועלען לעבען צוזאמען· תמיד וועט אומרעכט זיך וועלען איינווארצלען און תמיד· כל זמן מענטשען וועלען זיין באמת לעבעדיג· וועט געגען דעם אויסברעכען אן אויפשטאנד·

דער אויפשטאנד אלס אן אנגענומענע קאנסטיטוציע, דער איבער־
בוי און די איבערקערעניש אלס א כלל, וואס איז איינמאל
פאר אלעמאל פאראויסגעזעהן געווארען, די ארדענונג דורכ׳ן גייסט
אלס די גרונד־כונה — דאס איז געווען דאס גרויסע און דאס הייליגע
אין דער געזעלשאפטס־ארדענונג פון תורת־משה.

אט דאס דארפען מיר האבען ווידער: א ניי־רעגולירונג און א
רעוואלוציע דורכ׳ן גייסט, וועלכער זאל ניט באשטימען קיין
זאכען און מוסדות עד סוף כל הדורות, נאר וואס זאל זיך
גופא ערקלערען פאר פערמאנענט. די רעוואלוציע מוז
ווערען א נויטווענדיגער גליד פון אונזער געזעלשאפטליכער ארדע־
נונג, מוז ווערען דער גרונד־כלל פון אונזער לעגאלער קאנסטיטוציע.

דער גייסט וועט זיך שאפען פארמען, פארמען פון באוועגונג, ניט
פון פארגליווערטקייט; באזיץ, וואס ווערט ניט קיין אייגענ־
טום, וואס באשאפט נאר ארבייטס־מעגליכקייט און זיכערקייט, אבער
ניט קיין עקספלאטאציע און גאוה; אנשטאט געלט — א טויש־מיטעל, וואס
איז ניט קיין ווערט פאר זיך גופא, נאר בלויז—בנוגע צום טויש, און וואס
אנטהאלט אין זיך ניט בלויז דעם טויש־מיטעל, נאר אויך דעם תנאי,
אז ער וועט פארנוצט ווערען צום אייגענעם געברויך; א טויש־מי־
טעל, וואס איז פעהיג אפצושטארבען און איז גראד דעריבער פעהיג צו
באלעבען, בעת היינט איז ער אומשטערבליך און מערדעריש.

אנשטאט, אז צווישען אונז זאל זיין לעבען, האבען מיר אנגע־
פילט מיטן טויט די לופט, מיט וועלכער מיר אטע־
מען. אלץ איז געווארען א ממשות׳דיגער אפגאט: צוטרוי און גע־
גענזייטיגקייט האבען זיך פארוואנדעלט אין מלוכה; אונזער אויפ־
פירונג, אונזערע באציהונגען האבען זיך פארוואנדעלט אין פארגליווערטע
פארהעלטענישען און, ווארפענדיג זיך אין מורא׳דיגע קרעמפען און
דערשיטערונגען, ס׳ברעכט אויס נאך לאנגע צייטען דא און דארט
א רעוואלוציע, וואס ברענגט מיט זיך ווידער טויט און טויטע איינ־
ריכטונגען און פעסטע בנינים, "איינמאל פאר אלעמאל אומ־
פארענדערליכעס", און שטארבט אפ, נאך איידער זי באוויזט נאך
קומען צום לעבען.

לאמיר אויפטאן אקארשט א פארענדיגטע און א גרויסע זאך דורך דעם, וואס מיר וועלען איינפירען אין אונזער ווירטשאפט דעם איינציגען פרינציפ, וועלכער דארף פארפעסטיגט ווערען, — דעם פרינציפ, וועלכער אנטשפרעכט דער סאציאליסטישער גרונד־דערקענטניש: אז אין קיין הויז זאל ניט ארייננקומען מער ווערטען אויף פארברויכט צו ווערען, וויפיל ס'איז אין דעם דאזיגען הויז אויסגעארבייט געווארען, ווייל קיין ווערט קען אין דער מענטשליכער וועלט אנדערש ניט באשאפען ווערען, ווי נאר דורך ארבייטדער, וואס וויל זיך אפזאגען פון זיינע חפצים און זיי פארשענקען, וועט עס קענען טאָן, דאס רעכט נעמט מען פון אים ניט צו, און דאס האט בכלל קיין שייכות ניט צו דער ווירטשאפט, אבער קיינער זאל ניט זיין געצוואונגען דורך די פארהעלטנישען צו ליידען דחקות. די מיטלען דורכצופירען אבער דעם דאזיגען פרינציפ תמיד און שטענדיג פון דאס ניי וועלען אומעטום און צו יעדער צייט זיין אנדערע; און נאר אזוי לאנג וועט דער דאזיגער פרינציפ לעבען, כל זמן ער וועט באנוצט ווערען כסדר.

די מארקסיסטען האבען באטראכט דעם באדען אלס א מין „נאכשלעפעניש" פון קאפיטאל און האבען קיינמאל ניט געוואוסט וואס מ'הויבט אן מיט אים צו טאן. אין דער אמת'ן איז קאפיטאל צוזאמענגעשטעלט פון צווייערליי פארשידענע זאכען: ראשית, פון באדען און באדען־פראדוקטען: גרונד־שטיקער, געביידעס, מאשינעס, געצייג, וועלכע דארפען ניט אנגערופען ווערען קאפיטאל, ווייל זיי זיינען באדען; שנית, פון באציהויגען צווישען מענטשען, דעם גייסט, וועלכער בינדט צונויף, דאס געלט, אדער א טויש־מיטעל, איז ניט מער, ווי אן איינגעפירטער צייכען פאר די אלגעמיינע סחורות, מיט דער הילף פון וועלכע אלע באזונדערע סחורות טוישען זיך לייכט, ד. ה. אין דעם פאל — אויף אן אומדירעקטען אופן, נאר דאך איין סחורה אנטקעגען דער צווייטער.

דאס האט לכתחילה גאר קיין שייכות ניט מיט'ן קאפיטאל. קאפיטאל איז ניט קיין טויש־מיטעל און ניט קיין צייכען, נאר א מעגליכקייט. דער באשטימטער קאפיטאל פון א יחיד, וועלכער ארבייט, אדער

פון א גרופּע אַרבייטענדע מענטשען, איז זייער מעגליכקייט צו פּראָדוּ־
צירען באַשטימטע פּראָדוקטען אין א באַשטימטער צייט. די ממשות־
דיגע זאַכען, וועלכע ווערען דערצו באַנוצט, זיינען, ראשית־כל, די מאַ־
טעריאַלען — באָדען און די באָדען־פּראָדוקטען; שנית, די געצייג, מיט
וועלכע מ'אַרבייט, על כן אויך באָדען־פּראָדוקטען; דריטענס, די לע־
בענס־מיטלען, וואָס ווערען פאַרבּרויכט דורך די אַרבייטער אין משך
פון דער אַרבייטס־צייט. ווידער באָדען־פּראָדוקטען. כל זמן א מענטש
אַרבייט נאָר אויף איין פּראָדוקט, קען ער אים נאָך ניט אויסטוישען גע־
גען אַן אַנדערען, וועלכען ער דאַרף האָבען בעת דער פּראָדוקציע און פאַר
איר; אינ'ם דאָזיגען מצב פון אָפּוואַרטען און אָפּהענגיגקייט געפינען
זיך אָבער אַלע מענטשען, וועלכע אַרבייטען.

קאַפּיטאַל איז בכן ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די רעאַליזירונג און
די פאַרוואַרטונג פונ'ם פּראָדוקט, וועלכען מ'ערוואַרט.
דאָס איז גענוי די זעלביגע זאַך, וואָס ס'איז קרעדיט אָדער געגענזיי־
טיגקייט, אין דער גערעכטער טויש־ווירטשאַפט באַקומט יעדער מענטש,
אָדער יעדער פּראָדוקציאָנס־גרופּע, וועלכע האָט א קונדשאַפט, די מאַ־
טעריעלע מיטלען: ערד און באָדען־פּראָדוקטען פאַר זייער הונגער און
פאַר זייערע הענט, ווייל אַלע האָבען די געהעריגע גשמיותדיגע באַדערפני־
שען און יעטווידער שטעלט צו דעם צווייטען די זאַכען, וואָס זיינען פריהער
אַרויסגעקומען פון אָפּוואַרטען און אָפּהענגיג זיין פון אַנדערע מענטשען
כדי די מעגליכקייט צו באַשאַפען אַרטיקלען און די גרייטקייט צו אַר־
בייטען זאָלען זיך אויך דעם מאָל פאַרוואַנדלען אין ממשותדיגע זאַכען:
פּראָדוקטען און אַזוי כסדר ווייטער. קאַפּיטאַל איז על כן ניט
קיין זאַך; דער באָדען און זיינע פּראָדוקטען זיינען עס די
ממשותדיגע זאַכען; די אָנגענומענע אַנשויאונג, שאַפט לגמרי
א ביטערע און געפערליכע פאַרטאָפּעלונג פון דער מאַטעריעלער
וועלט, וואָס איז ממש ניט צו דערלאָזען, ווי ס'וואָלט כלומרשט זיין
אויף דער איינציגער באָדען־וועלט נאָך די קאַפּיטאַל־וועלט, אַלס
א ממשות'דיגע זאַך, מיט דעם מאַכט מען צו א ווירקליכקייט דאָס,
וואָס איז נאָר בעצם א מעגליכקייט, וועלכע איז בלויז א פאַרהעלטע־
ניש פון פאַרבונדענקייט צווישען פאַרשידענע מענטשען. ס'איז פאַראַן

נאר די איינציגע מאטעריעלע ווירקליכקייט פון באדען, אלץ, וואס מ׳רופט נאך דערצו קאפיטאל, איז באציהונג, באוועגונג, צירקולאציע, מעגליכקייט, אפהענגיקייט, קרעדיט אדער, ווי מיר רופען עס דא, דער פארבינדענדער גייסט אין זיין ווירטשאפטליכער טעטיגקייט, וועלכער וועט זיך נאטירליך ניט אנטפלעקען אין דער ווירקליכקייט באופן „כאפ לאפ" אלס ליבע און הילף, נאר וועט זיך באנוצען מיט פאסיגע ארגאנען, ווי למשל ס׳האט איינעם פון זיי שוין פרודאן באשריבען אלס טויש־באנק.

ווען מיר רופען בכן אָן די היינטיגע צייט „קאפיטאליסטישע" דארף מיט דעם אויסגעדריקט ווערען, אז אין דער ווירטשאפט הערשט ניט מער דער פארבינדענדער גייסט, נאר דער מאטעריאליזירטער אפגאט, עפעס אזוינס, וואס איז ניט קיין זאך, נאר בלויז א „גארניט" וואס ווערט געהאלטען פאר א זאך.

דער דאזיגער „נישט", וואס גילט פאר א זאך, ברענגט ערשט אלס פועל־יוצא פון דער דאזיגער גילטיגקייט (ווייל גילטיגקייט איז געלט) פאר די גבירים א סך ממשותדיגע זאכען אין שטוב אריין און גיט זיי אוועק אין זייער רשות, און די דאזיגע חפצים קומען שוין אלע ארויס ניט פון דעם „נישט", נאר פון באדען און פון דער ארבייט פון די ארימע לייט. ווייל תמיד ווען די ארבייט וויל באקומען צוטריט צום באדען, תמיד ווען א פראדוקט וויל אריבערגעהען פון איין סטאדיע פון דער ארבייט אין אן אנדערער און איידער ער דארף אריינגעהן אין פארברויך אריין, אינ׳ם גאנצען ארבייטס־פראצעס בכלל, שטופט זיך אריין דער פאלשער קאפיטאל און נעמט ניט נאר שכירות פאר זיינע פאלשע ארבייטען, נאר אויך א חוץ דעם צינזען דערפאר, וואס ער האט געטאן די טובה ניט צו בלייבען אומבאוועגליך, נאר צו צירקולירען.

א „נישט", וואס גילט פאר א זאך און פארבייט דעם גייסט פון פארבינדונג, וואס איז ניטא, איז אויך די מלוכה, ווי ס׳איז דא שוין אפט דערמאנט געווארען, אומעטום טרעט זי אריין אויף אן אופן, וואס שטערט, וואס שטויסט אפ, אויסזייגענדיג און דריקענדיג צווישען מענטש און מענטש, ווי צווישען די מענטשען און דעם באדען, אומעטום וואו ס׳איז פארלאזען און טויט

דאס אמתע, וואס איז דא צווישען זיי פון דער נאטור: די צוציהונג צווישען מענטש און מענטש, די באציהונגען, דער פרייער גייסט. דאס האט אויך א שייכות מיט דעם, וואס דער פאלשער קאפיטאל, וואס האט פארנומען דעם פלאץ פון דעם אמת׳ן געגענזייטיגען אינטערעס און געגענזייטיגען צוטרוי, וואלט גארניט געקענט אויסנוצען זיין אויסזייגענדע און רויבערישע מאכט און דער באדען־אייגענטום וואלט בכלל ניט געקענט נעמען קיין שטייער פון דער ארבייט, אויב זיי וואלטען ניט געשטיצט געווארען דורך דער מאכט, דורך דער מלוכה־מאכט, דורך דער מאכט פון אירע געזעצען, איר אדמיניסטראציע און אירע אויספיר־ארגאנען. מ׳דארף ניט פארגעסען, אז דאס אלץ: מלוכה, געזעצען, פארוואלטונגען און אויספיר־ארגאנען זיינען נאר נעמען פאר מענטשען, וועלכע מאטערען אויס און פארגעוואלטיגען זיך איינער דעם צווייטען, ווייל ס׳פעלט זיי די לעבענסמעגליכקייט. דאס זיינען על כן נעמען פאר דער פארגעוואלטיגונג און מאכט צווישען די מענטשען.

מיר זעהען איצט דא, אז נאך דער ריכטיגער ערקלערונג פון קאפיטאל, וועלכע איז דא געגעבען געווארען, איז די באצייכנונג „קאפיטאליסטיש" ניט אינגאנצען א געלונגענע, ווייל מיט איר איז אין תוך געמיינט ניט דער אמת׳ער קאפיטאל, נאר דער פאלשער. אבער בעת מ׳וויל פאנאנדערפלאנטערען פאר די מענטשען די אמת׳ע צוזאמענהאנגען און פארהעלטנישען, לאזט זיך ניט פארמיידען צו באנוצען לעת עתה די אנגענומענע ווערטער און דאס איז אויך דא געשעהען.

באם כן, בעת די ארבייטער האלטען, אז זיי פעלט קאפיטאל, זיינען זיי גערעכט גאר אין אן אנדער זין, ווי זיי מיינען. זיי פעלט דער קאפיטאל פון די קאפיטאלען, זיי פעלט דער איינציגער קאפיטאל, וואס איז א ממשות, הגם ס׳איז ניט קיין מאטעריעלע זאך: זיי פעלט דער גייסט און ווי ס׳קומט פאר מיט אלע, וואס האבען זיך אפגעוואוינט פון דער דאזיגער מעגליכקייט און גרונד־תנאי פון יעדער מין לעבען, איז ביי זיי נאך

דערצו אפגענומען געווארען פון אונטער די פיס די מאטעריעלע
לעבענס־באדינגונג: דער באדען׳

על כן איז דער לאזונג פון סאציאליזם — ל א נ ד א ו ן ג י י ס ט׳
די, וועלכע וועלען באהערשט ווערען פונ׳ם סאציאליסטישען גייסט׳
וועלען ראשית כל זוכען פאר זיך דעם באדען׳ אלס דעם איינ־
ציגען אויסערליכען תנאי׳ וועלכער איז פאר זיי נויטיג׳ כדי צו בוי־
ען די געזעלשאפט׳

מיר ווייסען גוט׳ אז בעת די מענטשען טוישען אויס אין זייער
וועלט־ווירטשאפט און זייער פאלקס־ווירטשאפט די פראדוקטען
צווישען זיך׳ ווערט דורך דעם אויך דער באדען געמאכט „מאביל״׳
דער באדען איז שוין פון לאנג געווארען א בערזע־אביעקט׳ א פא־
פירענער ווערט׳ מיר ווייסען׳ אז אין זייער וועלט־ווירטשאפט׳ אין
דער פאלקס־ווירטשאפט וועלען די מענטשען דארפען אויסטוישען א
פראדוקט אויף א גלייכווערטיגען פראדוקט און ס׳וועלען על כן מוזען
באשאפען ווערען ברייטע פארבאנדען׳ וועלכע וועלען זיין ביכולת
דורך דער פאראייניגונג פון זייער פארברויך און דורכ׳ן אויסערגע־
וואוינליכען קרעדיט׳ וואס וועט דורך דעם זיי געגעבען ווערען׳ אויס־
ארבייטען׳ ראשית כל׳ אלץ מער אינדוסטריע־פראדוקטען פאר זייער
אייגענעם געברויך׳ זיי וועלען בכן אויסמיידען דעם קאפיטאליסטי־
שען מארק און וועלען דאך אויסנוצען די רוי־שטאפען און מיר ווי־
סען על כן׳ אז זיי וועלען דאן במשך פון דער צייט קענען קויפען
ניט נאר די באדען־פראדוקטען׳ נאר אין א באדייטענדער מאס
אויך דעם באדען גופא׳ מיר ווייסען׳ אז אין רשות פון אזעלכע גע־
וואלדיגע קאנסום־פראדוקציאנס־קאאפעראטיוון וועט מוזען שטעהן
ניט נאר זייער אייגענער געגענזייטיגער קרעדיט׳ נאר סוף כל סוף
אויך א באדייטענדער געלט־קאפיטאל׳ וואלטען אבער די מענטשען
אלץ געשטעלט נאר אויף דעם׳ וואלטען זיי דאן נאר אפגעצויגען מיט דעם
די לעצטע אנטשיידונג לעתיד לבוא׳ די באדען־באזיצער האבען א מא־
נאפאל אויף אלץ׳ וואס וואקסט אויפ׳ן באדען און ווערט פון אים
ארויסגעבראכט: אויף די לעבענס־מיטלען פונ׳ם גאנצען פאלק און
די רוי־שטאפען פון דער אינדוסטריע׳ די מלוכה און צוזאמען מיט

איר א טייל פון געלט־קאפיטאל, וועלכער איז תמיד א גאנץ גרויסער, פון וועלכען ס׳וועט צוגענומען ווערען דער באדען (פשוטו כמשמעו) פון אונטער די פיס און וועלכען ס׳וועט פארשטיקט ווערען דער אטעם, אויב ס׳וועט מער ניט זיין קיין ערד־אייגענטום, אבער ס׳וועט שוין עקסיסטירען די געגענזייטיגקייט אלס דער סאציאליסטישער קאפיטאל, — זיי וועלען, נאך איידער ס׳וועט אזוי ווייט דערגעהען, ווערען אלץ שטארקערע אנהענגער פון די באדען־מאגנאטען, וואס מער ס׳וועט דורך די קאנסום־פראדוקציאנס־קאאפעראטיווען באזייטיגט ווערען דער קאפיטאליסטישער האנדעל און די קאפיטאליסטישע אינדוסטריע. דער באדען וועט פון זיך אליין ניט קומען צו די קאאפעראטיווען, וועלכע ארבייטען פאר זייער אייגענעם געברויך, ער וועט גיכער אויפהויבען דעם פרייז פון זיינע פראדוקטען אדער אפילו — ניט געבען זיי לגמרי די דאזיגע קאאפעראטיווען. דער באדען איז נאר למראות עין פליסיג אדער—א פאפירענער ווערט, אזוי ווי להפך דער קאפיטאל איז נאר בתור פיקציע א רעאלע ממשות: ווי ס׳וועט נאר קומען צו דער אנטשיידונג וועט דער באדען ווערען דאס, וואס ער איז: א שטיק פיזישע נאטור, וואס מ׳באזיצט און מ׳וויל ניט אוועקגעבען.

די סאציאליסטען וועלען ניט פארמיידען דעם קאמף געגען באדען־אייגענטום. דער קאמף פון סאציאליזם איז א קאמף פאר׳ן באדען; די סאציאלע פראגע איז אן אגראר־פראגע.

אט ערשט נאר קען מען זעהן, וואס פאר אן אומגעהייערער טעות ס׳איז געווען די פראלעטאריאט־טעאריע פון די מארקסיסטען. קיין שיכט פון דער באפעלקערונג, ווען ס׳זאל היינט קומען א רעוואלוציע, וואלט ניט האבען אזא קליינע השגה דערפון, וואס מ׳דארף טאָן ווי אונזערע אינדוסטריע־פראלעטאריער. א שטארקע צוציהונגס־קראפט פאר זייער בענקשאפט נאך דער אויסלייזונג איז געווען דער אלטער שפרוך פון הערוועג (ווייל זיי בענקען מער נאך דער אויסלייזונג און אומאפהענגיגקייט, איידער זיי ווייסען קלאר, וועלכע

נייע באציהונגען און פארהעלטנישען זיי ווילען באשאפען):

„מענטש פון ארבייט אויפגעכאפט!
און דערזעה שוין דו דיין מאכט!
אלע רעדער שטעהען שטיל,
ווען דיין שטארקע האנט עס וויל".

צוציהענדיג איז דאס דאזיגע ווארט ווי אלץ, וואס גיט פאר פאקטען פון לעבען אן אלגעמיינעם אויסדרוק, און וואס איז בכן לאגיש. דאס, אז דער גענעראל־שטרייק קען שאפען א מוראדיגען תהו ובהו, אזוי אז די קאפיטאליסטען וועלען מוזען קאפיטולירען, אויב די ארבייטער וועלען נאר קענען אויסהאלטען א גאנץ קורצע צייט, — איז לגמרי ריכטיג. דאס איז אבער א גרויסער „אויב", און די ארבייטער גיבען זיך היינט ניט אפ אויף א געהעריגען אופן א קלארען דין וחשבון איבער די געוואלטיגע שוועריקייטען פון זייער פארשפייזונג אין פאל פון א רעוואלוציאנערען גענעראל־שטרייק.

ניט קוקענדיג אויף דעם אבער, וואלט א ברייטער און שטורמישער גענעראל־שטרייק מיט א העפטיגער שטויס־קראפט געקענט בלי שום ספק געבען אן אנטשיידענע מאכט די רעוואלוציאנערע פראפעסיאנעלע פאראיינען. אויפ'ן צווייטען טאג נאך דער רעוואלוציע וואלטען די פראפעסיאנעלע פאראיינען פארנומען די פאבריקען און ווארשטאטען אין די גרויסע שטעדט און אין די אינדוסטריע־צענטרען, זיי וואלטען געמוזט אויך ווייטער פראדוצירען די זעלביגע ארטיקלען פאר'ן וועלט־מארק פון פראפיט, זיי וואלטען פאנאנדער געטיילט צווישען זיך דעם אונטערנעמער־פארדינסט, וועלכער וואלט פארבליבען — און וואלטען נשתומם געווארען, וואס ס'קומט נאר ארויס א פארערגערונג פון זייער מצב, א שטילשטאנד פון דער פראדוקציע און א לאגע, וואס איז לחלוטין אומערטרעגליך.

ס'איז לגמרי אוממעגליך געווארען איינצופירען די טויש־ווירטשאפט פונ'ם פראפיט־קאפיטאליזם גלייך אין דער סאציאליסטישער טויש־ווירטשאפט ארייַן. אז מיט איין מאל לאזט זיך עס ניט מאכען — פארשטעהט זיך פון זיך אליין; וואלט מען געפרובט

עס פארווירקליכען ביסלאכווייז׳ וואלט מען דערגאנגען צו א מוראדיגען בראך פון דער רעוואלוציע׳ צו די ווילדסטע קאמפען פון פארטייען׳ וועלכע וואלטען תיכף אנטשטאנען׳ צום ווירטשאפטליכען כאָאָס און צום פאליטישען צעזאריזם׳

צך שטארק זיינען מיר דערווייטערט פון גערעכטיגקייט און פונ׳ם שכל הישר אין דער פראדוקציע און אין דער פארטיילונג פון די ארטיקלען׳ יעדערער׳ וואס פארברויכט׳ איז היינט אנגעוויזען אויף דער גאנצער וועלט־ווירטשאפט׳ ווייל די פראפיט־ווירטשאפט האט זיך פארפעסטיגט צווישען אים און זיינע באדערפנישען׳ די אייער׳ וואס איך עס׳ קומען פון גאליציע׳ די פוטער פון דענעמארק׳ דאס פלייש פון ארגענטינע׳ און אויך די קארן פאר דאס ברויט פון אמעריקע׳ די וואל פון מיין אנצוג פון אויסטראליע׳ די באוועל פאר מיין העמד פון אמעריקע און פונקט אזוי דאס לעדער און די נויטיגע גארבעריי־ארטיקלען פאר מיינע שיך׳ דאס האלץ צו די טישען׳ שאפעס און שטולען און אזוי כסדר׳

היינט זיינען די מענטשען געוואָרען פריי פון נאנטע באציהונגען צווישען זיך און פון אחריות׳ באציהונג איז צוציהונג׳ וועלכע ברענגט מענטשען איינעם צום אנדערען און צו דער ארבייט פאר דער באפרידיגונג פון זייערע באדערפנישען׳ די דאזיגע באציהונג׳ אָן וועלכער מיר זיינען ניט מער קיין לעבעדיגע נפשות׳ איז געווארען פאראויסערליכט׳ פארמאטעריאליזירט׳ פארמאסקירט דורך דער פארהעלטניש פון זאכען׳ דעם סוחר איז גאנץ גלייכגילטיג מיט וואס צו האנדלען׳ דעם פראלעטאריער איז קיין נפקא מינה ניט ביי וואס ער ארבייט; די פאבריק־אונטערנעמונג האט ניט דעם נאטירליכען צוועק צו באפרידיגען די באדערפנישען׳ נאר דעם קינסטליכען — צו באשאפען זיך איין איינציגען ארטיקעל און וואס מעגליך גרעסערע מאסען און אָן שהיות און לאנגע קלערערייען און ווי מעגליך אָן ארבייט — געלט׳ נאר אזוי ווי ס׳איז דאך קיין כשוף און קיין נסים ניטא׳ מוז מען באשאפען דורך דער ארבייט פון אנדערע׳ אונטערדריקטע מענטשען אט דעם דאזיגען ארטיקעל׳ וואס מיט זיין הילף לאזען זיך באפרידיגען אלע באדערפנישען׳ — געלט׳

דאס געלט האט איינגעשלונגען אין זיך די באציהונגען און ס׳איז בכן א סך מער איידער א זאך, דער גרונד־סימן פון א זאך, וועלכע האט א באשטימטען צוועק, וועלכע איז קינסטליך ארויסגעקריגען געווארען פון דער נאטור, איז דאס, וואס זי וואקסט שוין ניט מער און איז ניט ביכולת אריינצונעמען אין זיך שטאפען אדער כוחות פון דער ארומיגער וועלט. נאר זי ווארט רוהיג אויף איר טויט דורכ׳ן פארברויך און ווערט אין א קירצערער אדער לענגערער צייט קאליע, אויב זי ווערט ניט פארברויכט. דאס, וואס ס׳האט דעם כוח פון וואקסען, פון זעלבסט־באוועגונג, פון זעלבסט־באשאפונג איז שוין אן ארגאניזם; און אויף אזא אופן איז געלט בכן א קינסטליכער ארגאניזם; ס׳וואקסט, ס׳האט קינדער, ס׳פארמערט זיך אומעטום, וואו ס׳איז נאר דא, און ס׳איז אומשטערבליך.

פריץ מאוטנער („ווערטערבוך פון דער פילאזאפיע") האט באוויזען, אז דאס ווארט „גאט" איז לכתחילה געווען אידענטיש מיט „געטש" און אז ביידע באדייטען דער „אויסגעגאסענער". גאט איז א יצירה, וועלכע דער מענטש האט באשאפען, וואס באקומט לעבען, ציהט צו זיך צו דאס מענטשליכע לעבען און ווערט צום סוף מעכטיגער ווי די גאנצע מענטשהייט.

דער איינציגער „אויסגעגאסענער" דער איינציגער „געטש" דער איינציגער גאט, וועלכען די מענטשען האבען ווען ס׳איז קערפערליך געשאפען איז דאס געלט; געלט איז קינסטליך און איז לעבעדיג, געלט שאפט געלט און געלט, געלט האט כל הכוחות פון דער וועלט.

ווער זעהט אבער ניט, ווער באמערקט אבער היינט נאך אלץ ניט אז דאס געלט, אז דער דאזיגער גאט, איז ניט קיין אנדער זאך, ווי נאר דער גייסט, וואס איז ארויסגעגאנגען פון די מענטשען און איז געווארען א לעבעדיגער געגענשטאנד, א פארזעהעניש, אז דאס איז געווארען אונזער לעבענס־זין ביז צו א שגעון?

געלט באשאפט ניט קיין רייכטום, געלט איז רייכטום, איז עשירות מיט און דורך זיך אליין; ס׳איז ניטא קיין גרעסערער גביר, איידער דאס געלט. געלט מוז דאך אבער שעפען פון ערגעץ־וואו

זיינע כּוחות און זיין חיות; ס׳קען זיי באקומען נאר פון אונז. און פונקט אזוי רייך און מעכטיג אין דער שאפונג ווי מיר האבען גע־מאכט דאס געלט, פונקט אזוי האבען מיר, מיר אלע, זיך גופא ארים געמאכט און אויסגעצויגען פון זיך די עצמות. ס׳איז כּמעט ווערט־ליך ריכטיג משער צו זיין, אז הונדערטער־טויזענטער מוטערס קענען שוין בלויז נאר צוליב דעם ניט ווערען מער מוטערס, ווייל דאס גבזהדיגע געלט ווארפט פרוכטען פון זיין לייב, און דער הארטער מעטאל זייגט אויס, ווי א וואמפּיר, פון די אדערען ביי די מענער און פרויען זייער קערפּערליכע ווארימקייט און זייער בלוט. מיר זיינען בעטלער און טיפּשים און שוטים, ווייל געלט איז געווארען גאט, איז געווארען א מענטשען־פרעסער.

סאציאליזם איז תשובה; סאציאליזם איז א התחלה פון דאס נײ; סאציאליזם באדייט: זיך ווידער באהעפטען מיט דער נאטור, זיך ווידער אנפילען מיט גייסט, ווידער באקומען די נאטיר־ליכע פארבינדונג.

ס׳איז קיין אנדער וועג צום סאציאליזם ניטא, ווי דער: צו לערנען און צו איבען זיך אין דעם, פאר וואס מיר ארבייטען, מיר ארבייטען ניט פאר׳ן גאט אדער טייוועל, וועלכען די מענטשען האבען זיך היינט פארקנסט, נאר פאר אונזערע באדערפנישען. ווי־דער אוועקשטעלען אויף זייער פלאץ די פארבינדונגען צווישען אר־בייט און פארברויך — דאס איז סאציאליזם. דער אפּגאט איז שוין ערשט געווארען אזוי געוואלטיג און אלמעכטיג, אז מ׳קען אים שוין מער ניט אפּשאפען דורך א רעפארם פון דער טויש־ווירטשאפט.

די סאציאליסטען ווילען על כּן אויפזאמלען זיך ווידער אין געמיינ־דעס, און אין די דאזיגע געמיינדעס מוז פּראדוצירט ווערען נאר דאס, וואס ס׳דארפען האבען די געמיינדע־מיטגלידער.

מיר קענען ניט ווארטען אויף דער מענטשהייט. מיר קענען אויך ניט ווארטען, ביז די מענטשהייט וועט זיך פאראייניגען צו א בשותּפותדיגער ווירטשאפט, צו א גערעכטער טויש־ווירטשאפט. כּל זמן מיר האבען ניט געפונען און אויף דאס נײ ניט באשאפען אין אונז, אין די יחידים, דאס מענטשענטום.

אלץ הויבט זיך אָן פון יחיד און אלץ הענגט אפּ פון יחיד׳ דער סאציאליזם איז אין פארגלייך מיט דאס׳ וואס רינגעלט און שנורעוועט אונז היינט ארום׳ די אומגעהייערסטע אויפגאבע׳ וועלכע די מענטשען האבען זיך ווען ס׳איז אוועקגעשטעלט; מיט אויסענווענינסטע רפואות און תּרופות פון כּוח אדער פון חכמה איז אוממעגליך צו מאכען אים צו א ווירקליכקייט׳

ס׳זיינען דא א סך זאכען׳ מיט וועלכע מיר וואלטען זיך געקענט באהעפ־טען׳ וועלכע אנטהאלטען נאך לעבען אויך אין די אויסער־ליכע פארקערפּערונגען פונ׳ם לעבעדיגען גייסט׳ די דארף־געמיינדעס מיט די שיריים פון דעם אוראלטען געמיינדע־באזיץ׳ מיט די זכרונות ביי די פּויע־רים און דארף־ארבייטער פון דער אמאליגער ערד־פארטיילונג פון באדען׳ וואס איז מיט הונדערטער יארען צוריק איבערגעגאנגען אין א פּריי־וואט־באזיץ; איינריכטונגען פון דער שותּפות׳דיגער ווירטשאפט פאר פעלד־ארבייט און האנטווערקעריי׳ דאס פּויעריש בלוט רוישט נאך אין די אדערען פון א סך שטאדט־פּראלעטאריער; זאלען זיי לערנען זיך צוצוהערען צום דאזיגען רויש׳ דאס ציל׳ וואס ליגט גאנץ ווייט איז לכל הדעות דאס׳ וואס ס׳רופט זיך היינט אָן גענעראל־שטרייק; דאס אפּזאגען זיך פון צו ארבייטען פאר אנדערע׳ פאר דעם גביר׳ פאר׳ן געטש און פאר דער פּארזעהעניש׳ גענעראל־שטרייק — אבער אַוודאי אַן אנדערער ווי דער פּאסיווער גענעראל־שטרייק מיט די פארלייגטע הענט׳ מיט וועלכען מ׳טראגט זיך היינט ארום און וועלכער זאגט צו די קאפּיטאליסטען מיט א טאָן פון צו להכעיס (בעת דער גיכער ערפּאלג איז נאך תּלוי בספק און זיין סוף כּל סוף׳דיגער דורכפאל איז לגמרי בלתּי ספק): מיר וועלען זעהן ווער ס׳וועט לענגער אויסהאלטען! גענעראל־שטרייק׳ יא אוודאי׳ אבער אַן אקטיווער׳ און געמיינט איז דא אַן אנדער אקטיוויטעט׳ ווי די׳ וואס ווערט אפילו אפּט געשטעלט אין א פארבינדונג מיט׳ן רעוואלו־ציאנערען גענעראל־שטרייק און הייסט מיט׳ן אמת׳ן נאמען: גזלה׳ דער אקטיווער גענעראל־שטרייק וועט קומען און מנצח זיין ערשט דעמאלט׳ בעת די ארבייטענדע מענטשען וועלען זיין בכּוח ניט אפּ־צוגעבען קיין טראפּען פון זייער אקטיוויטעט׳ פון זייער ארבייט׳ פאר

אנדערע, נאר וועלען ארבייטען בלויז פאר דער באפרידיגונג פון זייערע
באדערפנישען. דאס האט פאר זיך גוטע וועגען און וועט נאך
לאנג דויערען. אבער ווער ווייס עס ניט, אז מיר שטעהען ניט
ביים סוף און ניט ביי דער העלפט וועג פון סאציאליזם, נאר ביים
סאמע „בראשית"? דעריבער זיינען מיר דם־שונאים דעם מארקסיזם
פון יעטווידער שאטירונג, ווייל ער האט אפגעהאלטען די ארבייטענ־
דע מענטשען פון צו מאכען א התחלה מיט'ן סאציאליזם. דאס כשוף־
ווארט, וואס וועט אונז ארויספירען פון דער פארשטיינערטער וועלט
פון תאוה צו געלט און פון נויט, הייסט ניט שטרייק,
נאר — ארבייט.

לאנדווירטשאפט, אינדוסטריע און האנטווערק, גייסטיגע און
קערפערליכע ארבייט, פראפעסיאנעלע אויס־
בילדונג פון לערן־אינגלאך מוז ווידער פאראייניגט ווערען;
זעהר חשובע זאכען איבער די מעטאדען צו דער פארווירקליכונג
האט אונז געזאגט פעטער קראפאטקין אין זיין בוך: „דאס פעלד,
די פאבריק און דער ווארשטאט".

מיר דארפען זיך בשום אופן ניט אפזאגען פון דער האפענונג
אויפ'ן פאלק, אויפ'ן גאנצען פאלק, אויף אלע אונזערע פעל־
קער, זיי זיינען היינט געוויס ניט קיין פעלקער; אויפ'ן ארט פון
פאלק, פון די מענטשען, וואס זיינען פארבונדען דורכ'ן גייסט, האט זיך
אוועקגעשטעלט די מלוכה און דאס געלט. דא האבען געקענט אויף דער
אנדערער זייט איבערבלייבען נאר צופאלענע שטיקער פון דער מענטשהייט.

ס'קען ערשט ווידער ווערען א פאלק, ווען די יחידים, די פיאנערען,
די גייסטיגע מענטשען, וועלען זיין אנגעפילט מיט'ן פאלק,
ווען דער פארבילד פונ'ם פאלק וועט לעבען אין די שעפפערישע
מענטשען און וועט זיך רייסען ארויסצוגעהען פון זייערע הערצער,
קעפ און הענט, כדי צו ווערען א ווירקליכקייט.

דער סאציאליזם איז ניט קיין וויסענשאפט, ווי מ'איז זיך נוהג צו
זאגען, הגם ס'איז נויטיג פאר אים א סך צו וויסען, ווי ס'איז
דער פאל ביי יעדער מין אפזאגען זיך פון א פאלשען גלויבען און
פון א פאלשען לעבען און ביים באטראכטען פון דעם אמת'ן וועג, דער

סאציאליזם איז אבער א קונסט, א נייע קונסט, וואס וויל שאַ־
פען אירע ווערק אויף דעם לעבעדיגען מאטעריאל.

מענער און פרויען פון אלע שיכטען ווערען ערשט גערופען, זיי
זאלען אוועקגעהן פון פאלק, כדי ווידער צו קומען
צום פאלק.

ווייל דאס איז די אויפגאבע: ניט מיואש צו ווערען אין פאלק,
אבער אויך ניט ווארטען אויפ׳ן פאלק. ווער ס׳טוט צוליב׳ן
פאלק, וועלכען ער טראגט אין זיך, ווער ס׳פארבינדט זיך מיט
זיינס גלייכע אין נאמען פון דער דאזיגער שפראצונג און פון
דער טרייבענדער געשטאלטונג פון דער פאנטאזיע, בכדי צו מאכען
צו א ווירקליכקייט דאס, וואס ס׳לאזט זיך נאר טאָן פאר דער
פארווירקליכונג פונ׳ם סאציאליסטישען בנין, — דער געהט אוועק
פון פאלק, כדי צו קומען צום פאלק.

דורך די מענטשען, וועלכע טראגען אין זיך דעם טיפסטען
עקעל און די שטארקסטע בענקשאפט און דעם אמת׳ן
געשטאלטונגס־דראנג, וועט דער סאציאליזם ווערען א ווירקליכקייט,
וואס וועט אויסזעהען פארשידען לויט דער צאל פון די, וואס
וועלען זיך פאראייניגען צווישען זיך צוליב אים.

ובכן לאמיר זיך אנשליסען איינער צום אנדערען און לאמיר
אנהויבען מיט דעם, וואס מיר וועלען גרינדען סאציאליס־
טישע הויפען, סאציאליסטישע דערפער, סאציאליסטישע געמיינדעס.

די קולטור באזירט זיך ניט אויף וועלכע ס׳איז פארמען פון דער
טעכניק אדער פון דער באפרידיגונג פון די באדערפנישען,
נאר אויפ׳ן גייסט פון גערעכטיגקייט.

דער, וואס וויל טאָן פאר׳ן סאציאליזם, מוז געהן צו דער
ארבייט מיט א פארגעפיל פון אן אומבאקאנטער פרייד און
גליק, וואס דארפען אים באגלייטען, ווי א „נשמה יתרה״. אלץ
וועלען מיר מוזען ערשט ווידער אויסלערנען זיך: די ארבייטס־
פרייד, די פרייד פון דער געמיינזאמקייט, פון דער געגענזייטיגער
באדינונג און הילף, אלץ האבען מיר פארגעסען און שפירען עס
דאך נאך אלץ אין אונז.

די דאזיגע קאלאניעס׳ אין וועלכע די סאציאליסטען דארפען זיך לויט מעגליכקייט אפזונדערען פונ׳ם קאפיטאליסטישען מארק און נאר אויף אזוי פיל עקספארטירען ארטיקלען׳ אויף וויפיל זיי מוזען נאך איינפירען מן החוץ׳ זיינען נאר קליינע התחלות און פרובען׳ זיי דארפען ארויסלייכטען אין לאנד אריין׳ כדי די קנאה זאל זיך אנצינדען ביי די מענטשען־מאסען׳ וואס זיינען קיין פאלק ניט׳ וואס זאלען זיי מקנא זיין ניט מיט די „תענוגי עולם הזה״ אדער די מאכט־מיטלען׳ נאר דעם אלט־נייעם גליק פון דער שמחה מיט דער צופרידענקייט מיט זיך און מיט דעם אייגענעם גורל׳ די גליקליכע און צופרידענע עקסיסטענץ אינ׳ם שויס פון דער געמיינדע׳

דעם סאציאליזם אלס ווירקליכקייט קען מען נאר אויסלערנען זיך; דער סאציאליזם איז׳ ווי יעטוועדער לעבען׳ א פרובאלץ׳ וואס מיר פרובען שוין היינט צו געשטאלטען דיכטעריש אין ווערטער און באשרייבונגען: די אפוועקסלונג אין דער ארבייט׳ די ראליע פון דער גייסטיגער ארבייט׳ די פארם פון דעם פאסיגסטען און באקוועמסטען טויש־מיטעל׳ די איינפירונג פונ׳ם אפמאך אנשטאט דער יוסטיץ׳ די באנייאונג פון דער ערציהונג׳ — דאס אלץ וועט ווערען א ווירקליכקייט׳ דורך דעם׳ וואס ס׳וועט פארווירקליכט ווערען און וועט בפירוש ניט איינגעארדענט ווערען עפ״י שאבלאן׳

מיט דאנק וועלען מיר אבער דעמאלט דערמאנען יענע׳ וואס האבען שוין פארויס איבערגעלעבט אין רעיון און אין דער פאנטאזיע און האבען געזעהן מיט׳ן גייסטיגען בליק די געמיינדעס און לענדער פונ׳ם סאציאליזם אין געגלידערטע געשטאלטען׳ די ווירקליכקייט וועט אנדערש אויסזעהן׳ איידער זייערע אינדיווידועלע געשטאלטונגען; אבער די ווירקליכקייט וועט שטאמען פון אט די דאזיגע זייערע בילדער׳

לאמיר דא נאך א מאל דערמאנען דעם נאמען פון פרודאָן מיט אלע זיינע בולט׳ע נביאות׳ וואס זיינען קיינמאל ניט מטושטש׳ פונ׳ם לאנד פון פרייהייט און פריוויליגען אפמאך׳ לאמיר דערמאנען צום גוטען דאס ביסעל׳ וואס ס׳האבען געזעהען און באשריבען העברי דזשארדזש׳ מיכאל פלירשהיים׳ סילוויא געזעל׳

ערנסט בוש, פעטער קראפּאטקין, עליזעע רעקליו און אַ סך אַנדערע.

מילך זיינען יורשים פון׳ם עבר, צי מיר ווילען עס אדער ניט; לאָמיר שאַפען אין אונז דעם רצון, אַז די קומענדיגע דורות זאָלען זיין אונזערע יורשים, אַז מיר זאָלען מיט אונזער גאַנצען לעבען און אונזער גאַנצען טון ווירקען אין די קומענדע דורות אַריין און אויף די מענטשליכע מאַסען, וואָס רינגלען אונז אַרום.

דאָס איז בכן אַ לגמרי נייער סאָציאַליזם, ווידער אַ מאל אַ נייער; נייע פאַר אונזער צייט, נייע אין דעם אויסדרוק, נייע אין דער באַטראַכטונג פון׳ם עבר, נייע אויך אין פאַרשידענע שטימונגען; מיר מוזען ערשט אומקערען זיך פון דאָס נייע אויך בנוגע צו דאָס, וואָס איז שוין פאַראַן; די מענטשליכע גרופּען, די איינריכטונגען און די מענטשליכע טראַדיציעס מוזען מיר באַטראַכטען פון דאָס נייע. מיר זעהען ערשט גאַנץ אַנדערש די פויערים און מיר ווייסען, וואָס פאַר אַן אומגעהייערע אויפגאַבע ס׳איז אויף אונז אַוועקגעלייגט צו ריידען צו זיי, צו לעבען מיט זיי און לעבעדיג מאַכען דאָס, וואָס איז ביי זיי פאַרשטיינערט און פאַרשטויבט: די רעליגיע; ניט דעם גלויבען אין וועלכער ס׳איז אויסערליכער אדער איבערשטער קראַפט, נאָר — דעם גלויבען אין דער אייגענער קראַפט און אין דער פאַרפאַלקאַמונג פון׳ם איינצעלנעם מענטשען כל זמן ער לעבט. ווי שטאַרק מורא האָבען מיר תמיד געהאַט פאַר׳ן פויער און פאַר זיין ליבע צום באַזיץ פון באָדען! ניט צו פיל, נאָר צו ווייניג באָדען האָבען די פויערים, און ניט אַפּנעמען דאַרף מען ביי זיי, נאָר געבען, געבען מוז מען זיי, ווי אַלעמען, ראשית כל, ווידער דעם געזעלשאַפטליכען גייסט און דעם געמיינדע־גייסט; אָבער ער איז אין זיי ניט אַזוי פאַרשאַטען, ווי ביי די שטאָדטישע אַרבייטער. די סאָציאַליסטישע פּיאָנערען דאַרפען זיך בכן באַזעצען אין די דערפער, וועלכע זיינען שוין פאַראַן, און ס׳וועט זיך אַרויסווייזען, אַז זיי זיינען מסוגל ווידער אויפצולעבען, און אַז דער גייסט, וואָס איז געווען אין זיי אין 15־טען און 16־טען יאָרהונדערט, קען אויך היינט ווידער דערוועקט ווערען.

מ׳מוז ריידען צו מענטשען מיט א נייעם לשון פון אט דעם
דאזיגען נייעם סאציאליזם· דא ווערט געמאכט אן ערשטער
פרוב און א התחלה; מיר וועלען עס בעסער נאך אויסלערנען זיך׳
מיר און אויך אנדערע; מיר ווילען פירען צום סאציאליזם און
צו די גרויסע פרובען די קאאפעראטיוועז׳ וואס זיינען א סאציאליס־
טישע פארם, נאר אָן א גייסט׳ די פראפעסיאנעלע פאראיינען׳ וואס
זיינען מוטיגקייט אָן א ציל·

צי׳ מיר ווילען אדער ניט — נאר ביים ריידען וועלען מיר ניט
בלייבען; מיר וועלען געהן ווייטער· מיר גלויבען ניט מער
אין דער מחיצה צווישען געגענווארט און צוקונפט; מיר ווייסען:
„דא אדער אין ערגעץ ניט איז אמעריקע!" וואס מיר טוען ניט ערשט׳
אין דער דאזיגער רגע׳ וועלען מיר שוין קיינמאל ניט טאן.

מיר קענען פאראייניגען אונזער קאנסום און באזייטיגען כל ערליי
פאראזיטען; מיר קענען גרינדען א גרויסע צאל האנטווער־
קער־ווארשטאטען און אינדוסטריעס׳ כדי צו פראדוצירען ארטיקלען
פאר אונזער אייגענעם פארברויך׳ מיר קענען געהן אין דעם
א סך ווייטער׳ ווי ס׳האבען עס ביז ערשט געטאן די קאאפעראטיוועז׳
וועלכע קענען זיך נאך אלץ ניט באפרייען פונ׳ם געדאנק וועגען
קאנקורענץ מיט די קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגען׳ זיי זיינען
ביוראקראטיש׳ צענטראליסטיש׳ און קענען זיך אנדערש קיין עצה
ניט געבען׳ ווי צו מאכען זיך פאר אונטערנעמער און שליסען מיט
זייערע ארבייטער טאריף־אפמאכען דורך די פראפעסיאנעלע
פאראיינען׳ ס׳קומט זיי גאר אין קאפ ניט אריין׳ אז אין דעם
קאנסום־פראדוקציאנס־קאאפעראטיוו אין דער אמת׳ער טויש־ווירט־
שאפט ארבייט יעדערער פאר זיך גופא און אין אים איז אלץ אפהענגיג
ניט פון דער רענטאביליטעט׳ נאר פון דער פראדוקטיוויטעט פון
דער ארבייט; אז אנדערע אונטערנעמונגס־פארמען׳ ווי למשל דער
קליינבאטריב׳ זיינען דורכויס פראדוקטיוו און זיינען געוואונשען פאר׳ן
סאציאליזם׳ אויך ווען ער איז אין קאפיטאליזם ניט רענטאבעל׳

מיר קענען גרינדען קאלאניעס׳ וואס וועלען זיכער ניט פאראמאל׳
ניט לחלוטין זיין מחוץ פון קאפיטאליזם· מיר ווייסען אבער

ערשט׳ אז דער סאציאַליזם איז א וועג׳ א וועג׳ וואס פירט אוועק פון קאפיטאליזם׳ און יעדער וועג האט א התחלה׳ דער סאציאליזם וועט ניט ארויסוואקסען פונ׳ם קאפיטאליזם׳ ער וועט וואקסען אים אנטקעגען׳ ער וועט זיך בויען אים אנטקעגען׳

מיטלען איינצוקויפען דעם באדען און די ערשטע אומזאץ־מיטלען פאר די דאזיגע קאלאניעס וועלען מיר באקומען דורך דער פאראייניגונג פון אונזער קאנסום׳ פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען און ארבייטס־בונדען׳ וועלכע וועלען זיך מיט אונז פארבינדען׳ און פון אזעלכע גבירים׳ וואס ווילען אדער לגמרי אריבערטרעטען צו אונז אדער לכל הפחות אונז געבען מיטלען׳ איך האב גאר קיין מורא ניט צוווארטען אויף אט דאס און עס ארויסצוזאגען׳ דער סאציאליזם איז אן ענין פון די אלע׳ וואס לײדען פון דעם שוידערליכען מצב׳ וואס הערשט ארום אונז און אין אונז; און א סך מענטשען פון אלע שיכטען וועלען נאך באַלד לײדען גרעסערע צרות׳ ווי מ׳שפירט עס היינט׳ קיין בעסערע זאך אין זין פון פיינקייט און אייגענער אִויסלעזונג קען קיינער ניט אויפטאָן מיט זיין געלט׳ קענען אויך די פאראיינען פון די ארבייטער ניט טאָן מיט זייער געלט׳ — ווי אוועקגעבען עס איינמאל פאר אלעמאל און פריימאכען דעם באדען פאר דער התחלה פון סאציאליזם׳ מ׳זעהט ניט אויפ׳ן באדען׳ אז ער איז א געקויפטער׳ ווען ער איז נאר ענדליך פריי׳ און דער באדען גופא שפירט עס ניט׳ נאר ניט אזוי שעמעוודיג׳ איר ארבייטער: איר קויפט שוכווארג׳ הויזען׳ קארטאפעל׳ הערינג; וואלט עס פאר דער התחלה ניט געווען שענער׳ ווען איר׳ ארבייטענדע און לײדענדע מענטשען׳ גאנץ גלייך וועלכע ראליען זיינען אייך ביז אהער געווען ארויפגעצוואונגען׳ וואלט צונויפגעזאמעלט אייער קראפט׳ כדי זיך אויסצוקויפען פונ׳ם אומרעכט און אליין אויפ׳ן אייגענעם באדען אויסארבייטען ס׳רוב זאכען׳

וואס איר דארפט האבען׳ פאר זיך׳ פאר אייער געמיינשאפט?

לאמיר ניט פארגעסען: אויב מיר זיינען נאר דורכגעדרונגען מיט׳ן אמת׳ן גייסט׳ דעמאלט האבען מיר אלץ׳ וואס מיר דארפען פאר דער געזעלשאפט׳ אלץ׳ א חוץ איין זאך: באדען׳

דער באדען־הונגער מוז קומען אויף אייך׳ איר מענטשען פון די
גרויסע שטעדט!

אויב ס׳וועלען נאר זיין צושאטען איבער׳ן לאנד אומעטום אין
צפון׳ אין דרום׳ מזרח און מערב׳ אין אלע פראווינצען׳
סאציאליסטישע קאלאניעס מיט אן אייגענער קולטור צווישען דער
נבלה פון דער פראפיט־ווירטשאפט צווייט איבער איר שטח׳ זיי
זאלען זיין קענטיג און אין זיי זאל זיך שפירען אן אומגעוואוינליכע׳
הגם א רוהיגע׳ לעבענס־פרייד׳ — דאַן וועט די קנאה זשומען אלץ
שטארקער און שטארקער׳ דעמאלט׳ גלויב איך׳ וועט דאס פאלק
זיך א ריר טאָן׳ וועט דאס פאלק אנהויבען צו דערגעהען׳ צו
וויסען׳ צו ווערען תקיפער: נאר איינס פעלט פון די זאכען׳ וואס
זיינען מחוץ פון דעם מענטשען׳ כדי צו לעבען סאציאליסטיש׳ אין
שפע און וואוילטאג: דער באדען׳ און דעמאלט וועלען די פעלקער
פריי מאכען דעם באדען און ניט ארבייטען מער פאר׳ן אפגאט׳
נאר פאר׳ן מענטשען׳ דעמאלט! הויבט נאר אקארשט אָן; הויבט
אָן פון דער קלענסטער זאך און מיט דער קלענסטער גרופע!

די מלוכה׳ ד׳ ה׳ די מאסען׳ וואס האבען נאך ניט משיג געווען׳
די שיכטען פון די פריווילעגירטע און די פארטרעטער פון
ביידע קלאסען׳ די רעגירונגס־קאסטע און די פארוואלטונגס־קליקע׳
וועלען אויפ׳ן וועג פון די פיאנערען לייגען די שווערסטע שטיינער
און מאכען זיי די קליינליכסטע מניעות׳ מיר ווייסען עס׳

די פארניכטונג פון אלע מניעות׳ אויב זיי זיינען אמת׳ע מניעות׳
וועט קומען׳ ווען מיר וועלען זיך אנטקעגענשטעלען זיי פנים
אל פנים׳ אזוי נאנט׳ אז ס׳זאל ממש דער קלענסטער צווישען־רוים
ניט בלייבען׳ איצט זיינען זיי בלויז מניעות אינ׳ם פאראויסזעהען׳
אין דער פאנטאזיע׳ אין דער בענקשאפט׳ מיר זעהען שוין: דאס
און דאס וועט מען אונז לייגען אין וועג׳ ווען ס׳וועט שוין נאר האלטען
דערביי — און אויף דעם סמך טוען מיר שוין לעת עתה גארניט׳

לאמיר עס אקארשט לאזען׳ זאל מען שוין האלטען דערביי!
לאמיר וויניציגע געהן אויף פארויס׳ כדי מיר זאלען
ווערען א סך׳

קיינער קען ניט אזוי פארגעוואלטיגען דאס פאלק, ווי דוקא
דאס פאלק זיך גופא.

און גרויסע פאלקס־טיילען שטעהען צו צום אומרעכט און צו
דעם, וואס ס'פארשאפט זיי ענויים פאר'ן גוף און פאר
דער נשמה, ווייל אונזער גייסט איז ניט גענוג שטארק, איז ניט
גענוג אנשטעקענד.

אונזער גייסט מוז אנצינדען, מוז לייכטען, מוז באצויבערען
און צוציהען צו זיך.

דאס טוט קיינמאל ניט בלויז די רייד אליין, אפילו ניט די
שטארקסטע, די צארנדיגסטע, די בנעימות'דיגסטע. דאס טוט
נאר אויסשליסליך דער ביישפיל. דעם ביישפיל פון פיאנערען מוזען
מיר ווייזען.

ביישפיל און מוט פון קרבנות! אין עבר, היינט און מארגען
ווערען צוליב דער אידעע געבראכט קרבנות לשם
קרבנות, תמיד לשם דעם אויפשטאנד, תמיד צוליב דעם אוממעג־
ליכקייט אויף אזא אופן צו לעבען.

איצט מוז מען ברענגען נאך צוליב דעם קרבנות פון אן אנדער
מין, ניט קיין העראישע, נאר שטילע, שטומע, כדי צו
ווייזען א ביישפיל פאר דאס אמת'ע לעבען.

דעמאלט װעלען פון די ווינציגע ווערען א סך, אויך די סך
וועלען נאך זיין א קליינע צאל, הונדערטער, טויזענ־
טער, הונדערטער־טויזענטער — צו קנאפ, צו קנאפ!

און ס'קומען נאך צו מער, און זיי זיינען נאך אלץ צו קנאפ.

אבער מ'וועט דאך גובר זיין די מניעות, ווייל ווער ס'בויט
אינ'ם רעכטען גייסט, צושטערט אין בויען די שטארקסטע
מניעות.

און סוף כל סוף וועט דער סאציאליזם, וואס האט אזוי לאנג
געגליהט און געפלאמט, אויך לייכטען, און די מענטשען,
די פעלקער וועלען וויסען מיט א שטארקער זיכערקייט: זיי האבען
דעם סאציאליזם און די מיטלען, ווי אים צו פארווירקליכען אינ־
גאנצען אין זיך און צווישען זיך און ס'פעלט זיי נאר איין זאך:

באדען! און זיי וועלען דעם באדען פריי מאכען, ווייל קיינער שטערט מער ניט דעם פאלק, בעת דאס פאלק שטעהט זיך אליין שוין מער ניט אין וועג.

די מענטשען ווערען דא גערופען, וואס ווילען טאָן, וואס זייער קראפט איז ביכולת דעם דאזיגען סאציאליזם צו באשאפען. נאר די געגענווארט איז ווירקליך און וואס די מענטשען טוען ניט איצט, וואס זיי הויבען שוין תיכף ניט אָן צו טאָן, דאס טוען זיי ניט לעולם ועד. ס'האנדעלט זיך וועגען פאלק, וועגען דער געזעלשאפט, וועגען דער געמיינדע, ס'האנדעלט זיך וועגען פרייהייט און שענקייט און לעבענס־פרייד. מיר דארפען רופער אין קאמף, מיר נויטיגען זיך אין אלע, וואס זיינען פול מיט דער דאזיגער שאַפענדער בענקשאפט; מיר נויטיגען זיך אין אנשי־מעשה: די טאַט־מענטשען, די פיאנערען, די ערשטע, זיי ווערען גערופען צום סאציאליזם.

ווער ס'האט נאך ניט דערהערט אין די דאזיגע שעה'ען, אין וועלכע מיינע ווערטער און זייער געפיל האבען צו אים גערעדט, דעם דארף עס ערשט געזאַגט ווערען ביים געזעגענען־זיך: פונקט אזוי ווי מיר פלעגען אין דער דאזיגער לעקציע באנוצען א מאל א באקאנטען ווארט, בכדי צו קענען נאר ריידען בכלל צו מענטשען, און פלעגען נאך דעם אוועקלייגען אָן א זייט אזא ווארט, וואס איז אויפגעדעקט געוואָרען אלס א פאלשער און אין עצם אן אומפאלקאמענער, ניט קוקענדיג וואס ער איז שטארק אנגענומען אין געברויך, פונקט אזוי איז אויך די מעשה דוקא מיט'ן ווארט סאציאליזם. אפשר איז דער דאזיגער אויפרוף אויך א התחלה אין דעם פרט פון א וועג צו געפינען א בעסערען ווארט, וואס זאל ארויסקומען פון טיפערע שיכטען און פירען אין גרעסערע מרחקים אריין, שוין איצט אבער זאל יעדערער וויסען: אונזער סאציאליזם האט גארניט געמיינזאם מיט דער גראבער הנאה אדער מיט דער ליידענשאפט צו א בהמיש־אומגעשטערטער אידיליע און א גשמיותדיגען לעבען, וואס גיט זיך אפ נאר מיט דער ווירטשאפט, מיט דער ארבייט פאר די גראבע באדערפנישען

פון לעבען. א סך איז דא גערעדט געווארען וועגען דער ווירט־
שאפט; זי איז דער גרונד־יסוד פון אונזער געזעלשאפטליכען
לעבען און זאל שוין אמאל זיין דער דאזיגער גרונד־יסוד אזוי,
אז מ׳זאל מער ניט דארפען דערפון א סך ריידען. זייט
באגריסט איר בלאנדזשענדיגע, איר אומרוהיגע, איר וואנדערער
און נע־ונד׳ניקעס און גאסען־לייט, איר אלע, וואס קענט ניט פאר־
טראגען דעם ווירטשאפטליכען משא ומתן און דאס צופאסען
זיך צו אונזער דאזיגער צייט. זייט באגריסט איר קינסטלער, וואס
שאפען ווערק, וועלכע שטעהען איבער אלע צייטען, זייט באגריסט
איר קעמפער פון אלטע צייטען, וואס האבען ניט געוואלט,
אז דאס לעבען זאל פארשימעלט ווערען הינטער׳ן אויוען; דאס
וואס ס׳איז נאך פאראן ביים היינטיגען טאג אין דער וועלט
אלס קאמף און שווערדען־קלאנג און ווילדקייט, איז כמעט דורך
און דורך נאר נאך א מיאוסע מאסקע איבער׳ן אמת׳ן פנים פון
וויסטקייט און תאוה; ארטיגקייט, טרייקייט און ריטערליכקייט
זיינען געווארען זעלטען, ממש ווי א וואונדער. זייט באגריסט איר
שטאמלער, איר שוויגענדיגע, איר, וואס באהאלט אין טיפסטען
אפגרונד, פון וואנען ס׳געהט קיין ווארט ניט ארויס, דעם פארגעפיל:
א גרויסקייט, וואס מ׳קען נאך ניט איר גלייכען, אזעלכע קאמפען,
וואס זיינען נאך ניט געהערט געווארען פון פריהער, יסורים פון
דער נשמה, א ווילדער נחת־רוח און א וועהטאג וועלען פון
איצט אן באשערט זיין דער מענטשהייט, דעם יחיד ווי די פעלקער.
איר קינסטלער, איר דיכטער, איר מוזיקער, איר ווייסט דערפון
און פון אייך ריידען שוין קולות פון דער קראפט און פון התלהבות
און פון מתיקות, וואס וועלען ארויסבליהען פון די נייע פעלקער.
צושפרייט און צוזייט אין אונזערע מדבריות לעבען די יונגע
מענטשען, די פעסטע מענער, די אויסגעפרובטע זקנים, די בנעימות־
דיגע פרויען. מער, ווי זיי אליין ווייסען עס, לעבען אין פאר־
שידענע ערטער מענטשען, וואס זיינען קינדער: און אין זיי אלע
לעבט א גלויבען און א בטחון אין דער גרויסער פרייד און
אינ׳ם גרויסען וועהטאג, דעם הייליגען וועהטאג, וואס וועט נאך

אמאל ארומכאפּען איבערנייס די מענטשליכע דורות און וועט זיי געשטאלטען און וועט זיי א שטופּ טאָן פאַרויס. וועהטאג, הייליגער וועהטאג, קום, אָ קום נאר אקארשט אין אונזער ברוסט! וואו דו ביסט ניטא, קען שוין מער ניט זיין קיין רוה, איר אלע — אדער זייט איר דען אזוי קנאפּ אין צאל? — אלע, אין וועלכע דער טרוים שמייכעלט און וויינט, איר אלע, וואס אטעמט דעם הויך פון מעשים, אלע, וואס שפּירען אין זיך א פריידֿ־געשריי אין די סאמע טיפענישען, אלע, וואס וואלטען געקענט זיין פאַריאושט צוליב דער ווירקליכקייט און צוליב דער פאנטאזיע און צוליב דער אמת׳ער נויט, ניט צוליב דעם עקעל פון טיפּשות און נידערטרעכטיגקייט, וואס בינדען אונז היינט ארום און רופען זיך אויך אָן דחקות און נויט! אלע, וואס זיינען היינט איינזאם און זיינען נאר א פאַרם, די ה׳ וואס טראגען אבער אין זיך אזא בילד און א ריטם פון דער קאנצענטרירטער געשטאלטונגס־קראפט, אלע, וואס קענען ארויסגעבען פון זיך דעם באפעל: אין נאָמען פון דער אייביגקייט, אין נאמען פון גייסט, אין נאמען פון בילד, וואס וויל ווערען אן אמת און א וועג, די מענטשהייט זאל ניט אויסגעהן, ווי א בהמה, די גרויגרינע דיקע בלאטע, וואס הייסט אמאל פּראַלעטאַריאַט, אמאל בירגערטום, אמאל מושלים־קאסטע און וואס איז אומעטום, אויבען און אונטען, קיין אנדער זאך ניט ווי א נבזהדיגער פּראַלעטאַריאַט, די דאזיגע מוראדיג־מיאוסע מענטשען־קאריקאטור פון תאוה, פון זאטקייט און דערנידערונג, זאל זיך מער ניט דארפען רירען און זיך פלושקען, זאל אונז מער ניט מוזען באשמוצען און דערשטיקען: זיי אלע ווערען גערופען.

דאס איז אן ערשט ווארט. ס׳איז נאך נויטיג א סך צו זאגען. דאס וועט געזאגט ווערען, דורך מיר און דורך אנדערע, וועלכע ווערען דא גערופען.

די י״ב עיקרים פונ׳ם סאציאליסטישען בונד·

(14· יוני 1908)

א· די גרונד־פארם פון דער סאציאליסטישער קולטור איז דער בונד פון ווירטשאפטס־געמיינדעס· וועלכע פירען א ווירטשאפט זעלבסטשטענדיג און טוישען אויס יושרדיג די פראדוקטען צווישען זיך·

ב· דער דאזיגער סאציאליסטישער בונד פארנעמט דעם ארט פון די מלוכות און פון דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט אויף די וועגען׳ וועלכע ס׳ווייזט די געשיכטע·

ג· דער סאציאליסטישער בונד נעמט פאר א ציל פון זיינע שטרעבונגען דאסווארט רעפובליק אין דעם גאר אלטען זין: די זאך פון טובת הכלל·

ד· דער סאציאליסטישער בונד ערקלערט פאר א ציל פון זיינע שטרעבונגען אנארכיע אין איר גאר דעם ערשטען זין: ארדענונג דורך פרייוויליגע פארבאנדען·

ה· דער סאציאליסטישער בונד נעמט ארום אלע ארבייטענדע מענטשען׳ וועלכע ווילען די געזעלשאפטליכע ארדענונג פון סאציאליסטישען בונד· זיין אויפגאבע איז ניט פראלעטארישע פאליטיק און ניט קיין קלאסען־קאמף׳ וואס זיינען ביידע א נויטיגער באשטאנד־טייל פון קאפיטאליזם און פון דער צוואנגס־מלוכה׳ — נאר א קאמף און אן ארגאניזאציע פאר׳ן סאציאליזם·

ו· די אמת׳ע טעטיגקייט פונ׳ם סאציאליסטישען בונד קען זיך אנהויבען ערשט דעמאלט׳ ווען צו אים וועלען צושטעהן גרעסערע מאסען· ביז צו יענער צייט איז זיין אויפגאבע: צו פירען א פראפאגאנדע און צונויפקלייבען די מענטשען·

ז· די מיטגלידער פונ׳ם סאציאליסטישען בונד ווילען זייער ארבייט אפהענגיג מאכען פון זייער פארברויך·

ח· זיי פאראייניגען זייער קאנסום־קראפט׳ כדי צו טוישען די פראדוקטען פון זייער ארבייט מיט דער הילף פון זייער טויש־באנק·

ט. זיי שיקן ארויס פאר זיך פיאנערען, וואס פראדוצירען אליין אין די אינעוועניגסטע קאלאניעס פון לאנד ווי מעגליך אלץ, וואס זיי דארפען האבען, אויך די באדען־פראדוקטען.

י. די קולטור באזירט זיך ניט אויף וועלכע ס׳איז פארמען פון דער טעכניק אדער פון דער באפרידיגונג פון די באדערפנישען, נאר אויפ׳ן גייסט פון גערעכטיגקייט.

יא. די דאזיגע קאלאניעס דארפען זיין נאר א פארבילד פון גערעכטיגקייט און פון ארבייט אין א פרייד־געפיל: ניט קיין מיטעל צו דערגרייכען דעם ציל, דעם ציל קען מען נאר דעמאלט דערגרייכען, ווען דער גרונד און באדען וועט אריינ־קומען אין די הענט פון די סאציאליסטען אויף אנדערע וועגען ווי דורך קניה.

יב. דער סאציאליסטישער בונד שטרעבט צו באזיצען דאס רעכט, און במילא — די מאכט, בטל צו מאכען אין דער איבערגאנגס־תקופה דעם פריוואט־אייגענטום אויף גרונד און באדען דורך גרויסע פונדאמענטאלע מעשים און געבען אלע פאלקס־מיטגלידער די מעגליכקייט צו לעבען אויפ׳ן באדען פון גערעכטיגקייט אין קולטור און פרייד דורך דער פאר־אייניגונג פון אינדוסטריע און לאנדווירטשאפט אין ווירט־שאפטליכע געמיינדעס, וועלכע זיינען זעלבסשטענדיג און טוישען אויס זייערע פראדוקטען.

גוסטאוו לאנדויער

דער מענטש, דער סאציאליסט, דער איד.

דאס איז געווען דער בעסטער רוימער צווישען אלע,
ווייל יעדער פון די מורדים א חוץ אים
האט אלץ געטאן פון קנאה נאר צום צעזאַר.
בלויז ער אליין האט זיך פון ריינע תמימות וועגען
און פאר דער טובה פונ׳ם כלל מיט אנדערע פארבונדען.
איידעל איז געווען זיין לעבען און ס׳האבען זיך אין אים
אזוי צונויפגעמישט די עלעמענטען,
אז די נאטור קען אויסשרייען הויך פאר דער וועלט:
״דאס איז געווען א מענטש!״

(ווי שעקספיר, יוליוס צעזאר, V אקט. 5 סצ.)

א

גוסטאוו לאנדויער איז געפאלען א קרבן אינ׳ם טראגישען ברודער־קאמף פון דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטיע, מיט וועלכען ס׳האט זיך אזוי שוידערליך פארענדיגט די פאליטישע רעוואלוציע אין דייטשלאנד. הגם ער האט דרייסיג יאר נאכאנאנד באקעמפט די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי, שטעהענדיג תמיד מחוץ פון איר, איז זיין גורל נאך דער רעוואלוציע פארבונדען געווארען מיט׳ן אומגליקליכען שיקזאל פון דער סאציאל־דעמאקראטיע אין בייערן, וואו די פרייהייט האט אין הערבסט 1918 אפגעהאלטען איר ערשטען נצחון איבער דער קעניגליכער אויטאקראטיע און וואו די טריאומפירענדע רעאקציע האט אין פרילינג 1919 געגעבען דעם ערשטען קלאפ דער דייטשער סאציאליסטישער רעוואלוציע.

דער טויט פון גוסטאוו לאַנדויער איז געווען באזונדערס טראגיש; אבער אויך זיין גאנץ לעבען איז געווען אין גרונד נאר איין גאנצע טראגעדיע: דרייסיג יאר אָן אויפהער האט ער געקעמפט אויף זיין אייגענעם שטייגער פאר׳ן סאציאליזם, תמיד אן איינזאמער, כמעט א פארשטויסענער. די קליינע הייפעל פון זיינע נאכפאלגער האט אין אים געזעהן א גייסטיגען פירער און האט אים געשעצט, ווי מ׳שעצט

און אפאסטאל פון א נייער רעליגיע. פאר די ברייטע מאסען פון סאציאליסטישע ארבייטער און אפילו פון דער אינטעליגענץ איז ער אבער געווען נאר א קונסט־קריטיקער, א שריפטשטעלער און א לעקטאר. פאר די אפיציעלע פארטיי־פירער פון דער סאציאל־דעמאקראטיע איז ער דערצו נאך געווען א שעדליכער אפיקורוס. בלויז יחידים פון צווישען די אנגענומענע פארטיי־פירער האבען אים פארשטאנען און געשעצט און בתוכם קורט אייזנער, וועלכער האט אים תיכף ארויסגערופען צו זיך קיין מינכען, בעת די רעוואלוציאנערע כוואליע האט אים באפרייט פון תפיסה און, ווי דורך א נס, דערהויבען צום פירער פון דער בייערישער פאלקס־רעפובליק.

מ׳קען די גייסטיגע עשירות פון גוסטאוו לאנדויערן נאר אויף א גאנץ שוואכען אופן איבערגעבען דורך א רשימה פון זיינע פארשידענע טאלאנטען און ווערק, וועלכע באווייזען זיינע גרויסע בקיאות און חריפות כמעט אויף א צענדליג געביטען: געשיכטע, קונסט, פילאזאפיע, סאציאלאגיע, פאליטישע עקאנאמיע, פילאלאגיע, ביאָלאגיע, ליטעראטור־קריטיק. דערצו קומט נאך צו א טיפער וויסען פון כמעט אלע אייראפעאישע שפראכען. אבער ניט דאס ברייטע וויסען און דער מעכטיגער געפיל פון פראטעסט געגען דער סאציאלער אומגערעכטיגקייט זיינען די גרונד־אייגענשאפטען פון זיין גייסט, נאר — דער אופן פון סינטעז פון די פילפאכיגע פעהיגקייטען און קענטענישען און דער אלגעמיינער יסוד, אויף וועלכען די פרוכטבארע פארבינדונג האט געקענט אויסוואקסען, ווי איין ארגאנישע איינהייט. אין אים האט דאס וועזען פון א סאציאלען רעוואלוציאנער זיך מתדבק געווען מיט א כאראקטער פון א קינסטלער און א קונסט־קענער. ער האט אבער ניט געשטרעבט, ווי ס׳רוב קונסט־ליבהאבער, צו מאכען פון דער קונסט א פרדס פאר יחידי־סגולה, ער האט תמיד געזעהן אין איר א פעלד, אויף וועלכען מ׳דארף ערשט פארזייען קערנדלאך פון דעם נייעם פאלק, פון דער נייער מענטשהייט. דאס גרויסע וויסען, וואס ער האט פארמאגט, איז ניט געווען פאר אים א טרוקענער אוצר פון פאקטען וועגען דער טויטער און לעבעדיגער נאטור, נאר — א וועג צו זיך, צו דער אייגענער נשמה און

צום הארצען פון דער נאטור און פון דער מענטשהייט.

אין זיינע אויגען האט די גאנצע היינטיגע ציוויליזאציע און ווירטשאפט אויסגעקוקט ווי א חוזק איבער יעדען געפיל פון אמת און גערעכטיגקייט. אין זיין צארן און כעס געגען דער שוידערליכער אומגערעכטיגקייט האט ער ניט געקענט אפשיידען דורך א ניכטערען אנאליז די קריטיק, וועלכע ס׳ברענגט ארויס דער שכל, פונ׳ם געפיל פון אן אומבאגרענצטער שנאה, וואס האט געגליהט אין זיין הארצען: פון דער שנאה צום גרונד־מקור פון אלע סאציאלע וואונדען: די תאוה צו געלט און פראפיט. מיט א התלהבות פון א נביא, וואס טרעט ארויס אין קאמף פאר דער הייליגונג און רייניגונג פונ׳ם לעבען, מיט דער זיכערקייט פון א טריבון, וואס איז פעסט איבערצייגט אין זיין אמת, ווארפט ער דער מלוכה און דעם קאפיטאליזם אין פנים אריין די שווערסטע באשולדיגונג, וועלכע ס׳קען געגען זיי ארויסשטעלען דער מענטשליכער גייסט: אז זיי האבען צוליב די מיאוסטע אינסטינקטען פון יחידים מאנס געווען די אמת׳ע מענטשליכע נאטור מיט אירע גוטע, אייבנגע אינסטינקטען: ליבע, געגענזייטיגקייט און גערעכטיגקייט. שווער, ווי די שטראפענדע רייד פון א נביא; בייסענדיג, ווי דער סארקאזם פון א געבענטשטען טריבון, מוטיג און בניעומת׳דיג, ווי די ווערטער פון א פאלקס־פריינד, וועלכער ווייס ניט פון קיין פחדנות, קלינגען אלע זיינע ארויסטרעטונגען געגען דעם הערשענדען געזעלשאפטליכען סדר. ער איז געווען א קעמפער, וועלכער וויל דערוועקען מיט זיינע רייד די פארבארגענסטע געפילען פון דער נשמה; א פירער, וועלכער וויל ניט און קען ניט חנפענען דעם המון און מוז אים תמיד ארויסשטעלען פאר די אויגען די אייגענע פעלערען; א דענקער, וועלכער וויל זיך ניט אפשיידען פון דער מענטשליכער ווירקליכקייט און אריבערטראגען זיך אין די הויכע עולמות, וואו ס׳שוועבט דער ריינער, אבסטראקטער גייסט. זיין אמת האט זיך ניט גענויטיגט אין א באשטעטיגונג פון א רוב דעות; מיט זיין פלאקערדיגען ווארט האט ער זיך ניט געווענדעט צו אנהענגער פון איין קלאס; זיין מוט האט ניט געקענט קיין פשרות מיט דער עקעלדיגער ווירקליכקייט. ער פלעגט זיך לייכט באגייסטערן

דורך גרויסע דיכטערישע ווערק׳ אבער בטבע איז ער תמיד געווען געטריי דערווירקליכקייט פון לעבען׳ דער אמת׳ער ווירקליכקייט פון גייסט און האט געשטרעבט אומעטום צו זעהן איר אין דער גאנצער נאקעטער געשטאלט׳ דא ליגט די אמת׳ע גרויס פון זיין פערזענליכקייט׳ ווייל פונ׳ם דאזיגען שורש׳ פון דער טרייקייט צו דער ווירקליכקייט פון גייסט׳ איז ארויסגעוואקסען ביי אים דער פרוכטבא־רער זיווג פון א סאציאלען פראטעסט מיט׳ן קינסטלערישען אמת און דא ליגט דער שליסעל צו זיין גאנצער וועלטאנשויאונג און שאפונג׳ אין נאמען פון דער ווירקליכקייט פונ׳ם מענטשליכען גייסט׳ וועלכער איז ניט מסוגל צו מאכען א פשרה מיט׳ן אומנאטירליכען אופן פונ׳ם היינטי־גען געזעלשאפטליכען לעבען׳ רופט ער די מענטשען צו תשובה און באנייאונג׳ זיין טיפער און צוגלייך פשוטער אנאליז פון דער ארומיגער ווירקליכקייט עפענט די אויגען אויף אזעלכע זייטען פון דעם געזעלשאפטליכען מצב׳ וואס ווערען היינט דורכגעאיבט אין די סיסטעמען פון די שול־לערעס׳ וועלכע שפיגלען ניט אפ לגמרי דעם פולען צוזאמענהאנג פון לעבען׳ אין וועלכען די קליינע און די גרויסע זייטען שפילען די גלייכע ראליע׳ דוקא און די דא־זיגע „קליי ניגקייטען״ אבער קען מען ערשט זעהן די גאנצע ירידה פון אונזער תקופה א סך שארפער׳ איידער אין די גרויסע׳ און גוט־בא־קאנטע ערשיינונגען פון געזעלשאפטליכען לעבען׳ צו וועלכע מ׳האט זיך שוין כמעט צוגעוואוינט...

גרויס איז דער גיפטיגער תהום׳ וועלכען ס׳האט אויסגעגראבען פאר דער מענטשהייט די נייע תקופה פון דער ציוויליזאציע און דער קאפיטאליזם׳ און אין יעדען קלענסטען פרט פונ׳ם היינטיגען לעבען קען מען געפינען דעם פארבארגענעם טראפען סם׳ וועלכער מאכט פון דער געזעלשאפט א גיהנום און פון די מענטשען — ווילדע חיות׳ אבער נאר איינצעלנע גרויסע גייסטער זעהען דעם אמת׳ן פרצוף פון אונזער צייט און באמערקען די דינע אינעווייניגסטע פעדים׳ וועלכע בינדען צונויף די צושאטענע און צוריסענע מענטשהייט אין איין גרויסע משפחה׳ זיי שפירען דעם מקור׳ פון וועלכען ס׳קומט פאר די פעלקער פרייד׳ גליק און די הויכע מדרגות פון קולטור און

זיי קענען דעם שורש, פון וועלכען ס'וואקסט ארויס די ירידה און דער אונטערגאנג, צו אזעלכע גייסטער האט אויך געהערט גוסטאוו לאנ־דויער, זיין טיפער בליק אין דער שוידערליכער ווירקליכקייט פון דער היינטיגער ירידה פון די פעלקער האט פאר אים אפט געעפענט בילדער פון דער צוקונפט. נביאיש זעהט ער דעריבער פאר די אוי־גען די גרויסע וועלט־מלחמה, דעם אפגרונד פון שנאה און צו־שטערונג, וועלכען זי וועט אומעטום ארויסרופען, קלאר זעהט ער אבער אויך פארויס דעם פועל־יוצא פון דער מלחמה: די אוממעגליכ־קייט אויפצובויען די נייע וועלט מיט די אלטע מיטלען. ער זאגט אויך פארויס דעם פועל־יוצא פונ'ם גרויסען טעות, וואס האט אומבאגרע־ניצט געהערשט צענדליגער יאר איבער די מענטשליכע מוחות — אז ס'איז נאר גענוג, אז די פאליטישע פארטיי, וועלכע האט די ראדי־קאלסטע פראגראם, זאל זיך דערשלאגען צו דער מאכט און די סאציאלע ישועה וועט אראפקומען כהרף עין... ער זעהט די מענטש־ליכע נאטור אין איר אמת'ער ווירקליכקייט, מיט אלע אירע גוטע און שלעכטע אייגענשאפטען, וועגען וועלכע די פאליטישע טעאריעס הא־בען ליב צו שווייגען. ער האלט דעריבער קנאפ וואס פון די דאזי־גע אבסטראקטע טעאריעס און איז א דם־שונא פון א טעארעטישען אופן צו פארווירקליכען דעם סאציאליזם דורך מיטלען, וועלכע „פארלייכטערען" כלומרשט זיין וועג און זיינען אבער אין עצם בלויז פלפולים וועגען די „געזעצען פון דער סאציא־לער אנטוויקלונג" און וועגען די „אומפארמיידליכע" סאציאלע פראצעסען.

אלע געדאנקען וועגען סאציאליזם דרעהען זיך ביי אים ארום איין צענטער: די פארבינדונג פונ'ם אויסערליכען לעבען מיט'ן אינערליכען קול פון געוויסען, ווי יעדער אמת'ער רעוואלוציאנער, האט ער דעריבער, געוואלט פארענדערען ניט נאר די אויסערליכע פאר־מען פון לעבען, נאר, ראשית כל און קודם כל, דעם גייסט פון די מענטשען, דערצו האט ער במשך פון זיין גאנצען דרייסיג־יעריגען קאמף גערופען די מענטשהייט: צו דערקענען אין זיך גופא דעם גייסט, ווערען דורך און דורך לעבעדיג, שעפעריש, געניסען די

פשוטע ריינע פרייד פון דער עקסיסטענץ און אומצוגעשטאלטען דורך דעם אויך דעם גאנצען ארומיגען לעבען.

דאס ווארט פון גריכישען פילאזאָף פלאַטין: "ניט די נשמה איז אין דער וועלט, נאר די וועלט איז אין דער נשמה" וואלט געקענט דינען פאר א מאָטאָ צו דער גאנצער וועלטאנשויאונג פון גוסטאוו לאנדויערן. מ׳קען ניט איזאלירען דאס אויסערליכע לעבען פון דעם מענטשליכען גייסט, ווייל זיי זיינען צווישען זיך פארבונדען מיט טויזענטער פעדים. ווי א חוזק איבער׳ן מענטשליכען גייסט האט דעריבער געמוזט קלינגען אין זיינע אויערען די השערה פון די מארקסיסטען, אז אומאפהענגיג פון דער מענטשליכער נאטור וועט דער קאפיטאליזם זיך אליין "איבערוואקסען" און וועט בכן כמעט אויטאמאטיש צוגרייטען דעם סאציאליזם. דער מענטשליכער גייסט ווייס ניט פון קיין אויסערליכען "מוז" בנוגע צו די וועגען פון דער געשיכטע און דעריבער איז די דאזיגע אנשויאונג פון דער אנטוויקלונג א סתירה צום גרונד־געזעץ פון לעבען פריי. ווי דאס גאנצע לעבען און ווי יעדע שאפונג, קומט פאר דער פראצעס, אין וועלכען דער גייסט ווירקט אויף און אין די מענטשען, באשאפט דעם בוי פון דער געזעלשאפט און רופט ארויס די פארמען פון דער צוקונפט. מ׳קען דעם גייסט אויף לאנג אונטערדריקען און ער קען פאראליזירט ווערען דורך קריזיסען און איבערקערענישען; מ׳קען אים אבער ניט לחלוטין דערשטיקען און פארניכטען זיין השפעה אויף שטענדיג. דער גייסט, אייביג דער זעלבער גייסט, לאזט זיך בשום אופן ניט פארטיליגען. דאס איז די תשובה פון גוסטאוו לאנדויערן אויף די "נביאות" פון די מארקסיסטען.

מיט נאך א גרעסערער ליידענשאפט, איידער אנטקעגען דער מארקסיסטישער טעאריע, טרעט לאנדויער ארויס געגען די געוואלט־מיטלען און געגען דעם טערארי. ער איז מבטל דעם גלויבען אין ערפאלג פון פיזישען כוח אָן שום תנאים, ווייל דורך דעם דאזיגען כוח באווייזט מען נאר די אומפעהיגקייט און די אומזיכערקייט פון די גייסטיגע מיטלען: ווערטער און מעשים. דורך אַן אינעווייניגסטען צוואנג מוזען סוף כל סוף די געוואלט־מיטלען זיך

אליין פארניכטען און די פיזישע קראפט איז לסוף מנצח זיך גופא' ווייל דורכ'ן טעראר רופט מען ארויס רוחות' וועלכע ווענדען זיך געגען זייער אייגענעם פאטער·

אלס איינציגער מקור און שורש פון דער גאנצער געזעלשאפט איז פאר אים תמיד געווען נאר איין גרונד־געפיל פון דער מענטשליכער נאטור: די ליבע· דער דאזיגער לעבענס־כוח' וועלכער מאכט אויך דעם יחיד פולקאם און גאנץ דורך דער פעסטער פארבינדונג פון א מאן און א פרוי אין א לעבענס־בונד' דארף ארויספליסען פון דער פאמיליע און ארייגשטראמען אין אלע ספערען פון דער געזעלשאפט· די נאטירליכע קראפט פון דער ליבע' וועלכע ווייזט זיך ארויס אזוי בולט אינ'ם מסירת־נפש'דיגען קאמף פון די רעוואלוציאנערע יחידים פאר'ן טובת הכלל' איז דער הויפט־מיטעל פון גייסט אין זיין אייביגער שטרעבונג צו דער באנייאונג פון דער מענטשהייט' צו דער רעגענעראציע פון די פעלקער· די ליבע איז דער שורש פון יענע היסטארישע איבערקערענישען' וועלכע צייכענען אָן' ווי וועגווייזער' דעם גאנג פון דער מענטשהייט' איר לאנגען וועג פון אומענדליכקייט צו אומענדליכקייט···

בײַ זיין טיפער זיכערקייט אינ'ם כוח פון דער ליבע האט גוסטאוו לאנדויער מיט די שטארקסטע גייסטיגע ענויים געמוזט צוקוקען זיך צום משונה'דיגען פאקט פון דער מלחמה־באגייסטערונג' וועלכע האט ארומגענומען דעם רוב פון סאציאליסטען ביי אלע פעלקערשויך אויפ'ן דאזיגען סמך האט ער פארויסגעזעהען דעם מוראדיגען ברודער־קאמף און טעראר' וואס האט נאך דער מלחמה ארומגענומען די סאציאליסטישע מחנה אין רוסלאנד און דייטשלאנד· אין תוך זיינען די מלחמה־באגייסטערונג און דער טעראר אומצורייסבאר צווישען זיך פארבונדען און פון איין זאך האט אויף א נאטירליכען אופן געמוזט ארויסוואקסען די צווייטע· אלס א קרבן פונ'ם דאזיגען טעראר' אלס דער ריינסטער קרבן אפשר פון דער גאנצער מלחמה' איז אויך גוסטאוו לאנדויער געפאלען···

אין די ווערטער פון זיין לערע ווייזט ארויס לאנדויער די גאנצע פשטות פון אן עטישער וועלטאנשויאונג, אפט כמעט מיט דער

זעלבער קלארקייט און איבערצייגונגס־קראפט ווי טאלסטאי. די אמת׳ן, וועלכע ער האט ארויסגעזאגט אין זיינע אומצעהליגע ארטיקלען און רעדעס, ווירקען ווי א טיפע חכמה, וואס קלינגט בעת. מעשה איינ־פאך און לייכט און איז דאך פארהילט געווען פאר אונזער שכל. ביז׳ן לעצטען טאג פון זיין לעבען האט אים ניט פארלאזען דער רוהיגער און זיכערער בליק פון א חכם אויף אלע סודות פון לעבען און טויט. די צוקונפדיגע דורות וועלען לייענען די באשרייבונג פון זיין טויט מיט די גלייכע געפילען, ווי מיר לייענען היינט וועגען די לעצטע טעג פון חכם סאקראט.

„ער איז געווען, שרייבט וועגען אים איינער פון זיינע נאכפאלגער, אן אידישער פאטריארך, וועלכער האט זיך מתדבק געווען מיט׳ן דייטשען גייסט״. דערצו קען מען נאך מוסיף זיין, אז אין אים האט דאס בלוט פון די נביאים גערוישט מיט אזא קראפט, וואס איר גלייכען איז נאך אינ׳ם נייען אידענטום כמעט ווי גארניט געווען. ניט קיין דיכטער און ניט קיין אוטאפיסט אין געוואוינליכען זין איז ער געווען, נאר א נביא, וואס האט פארגליכען אין א הימלישער וויזיאן די גאנצע ירידה, די חרפה און דעם גיהנום, אין וועלכען די מענטשהייט פייניגט זיך, מיט דער הויך און מיט דער פראכט און מיט דער פרייד, צו וועלכע דאס לעבען פון דער געזעלשאפט קען זיך דער־הויבען. ער איז געווען דערציטערט און פארביטערט ביז׳ן גרונד פון הארצען, ביז׳ן לעצטען ווינקעל פון דער נשמה,ביים בליק אויפ׳ן תהום, וואס טיילט אפ פאר דער מענטשהייט, דורך איר אייגענער שולד, די טיפסטע ירידה פון דער העכסטער מדרגה, דאס אומגליק און די יסורים פון דעם גליק און פון דער פרייד...

גוסטאוו לאנדויער האט געהערט, ווי זשאן זשארעס, צו יענע דענקער־פירער, וועלכע האבען געזאלט לויט דער לערע פון אלטען פלאטאן הערשען איבער דער גאנצער געזעלשאפט. די מענטשהייט איז קיינמאל ניט רייך געווען אין אזעלכע גייסטער, און בפרט — אין אונזער צייט. ווען אמת׳ע פירער זיינען, ווי דורך א קללה, נעלם געווארען לגמרי. דורך א טראגישען געמיינזאמען גורל געפינען אבער די דאזיגע פירער תמיד

דעם גלייכען סוף: צו זיין קרבנות פון דער רשעות פון יענע אומ־גליקליכע און געפאלענע מענטשען, פאר וועלכע זיי האבען גע־שטרעבט צו ברענגען אויסלייזונג און גליק.

ב

גוסטאוו לאנדויער איז געבארען געווארען (1870) אין א מיטעלמעסיג — פארמעגליכער סוחרישער אידישער פאמיליע אין קארלסרוהע. אין זיין געבורט־שטאדט האט ער באזוכט די גימנאזיע און איז אנגעקומען אין 1890 אין ציריכער אוניווערזיטעט צו סטודירען פילאזאפיע און קונסט־געשיכטע. שוין אין דער שווייץ האט ער אנגעקניפט באציהונגען מיט ראדיקאל־סאציאליסטישע גרופעס. אין א פאר יאר שפעטער פארט ער ארי־בער קיין בערלין און טרעט דא אריין אין דער רעדאקציע פון „סא־ציאליסט" — אן ארגאן פון א קרייז פון „אומאפהענגיגע" סאציאליס־טען. צום ציריכער סאציאליסטישען קאנגרעס (1893) גיט לאנדויער ארויס א פלוג־בלאט, אין וועלכען ס'זיינען שוין אנגעצייכענט די גרונד־שטריכען פון זיין סאציאליזם. פאר אן ארטיקעל אין זיין זשורנאל ווערט ער גלייך נאך דעם פארמשפט צו תפיסה און זיצט אפ אין טורמע עלף חדשים. פון יענער צייט אן טרעטען ניט אפ די פאליציי־שפיאנען פון זיינע טריט; ער איז געווען איינער פון די מענטשען, וועלכע מ'האט אפגעהיט אויפ'ן שטארקסטען אופן. אין 1894 פארמאכט די רעגירונג דעם „סאציאליסט" לגמרי. דורך איינ־צעלנע פלוג־בלעטלאך זעצט פאר לאנדויער זיין ארבייט, ביז ס'ווערט מיט דער אונטערשטיצונג פון דער אנארכיסטישער פארטיי אין דייטש־לאנד געגרינדעט אין 1895 זיין צווייטער זשורנאל, דער צווייטער „סאציאליסט". צוליב מחלוקות מיט די פארטיי־פירער בלייבט ער נאר א קורצע צייט רעדאקטאר פונ'ם דאזיגען זשורנאל. צום לאנ־דאנער סאציאליסטישען קאנגרעס (1895) שיקט אים אבער די דייטשע אנארכיסטישע פארטיי אלס איר דעלעגאט. ער ווערט ניט צוגעלא־זען צום קאנגרעס און ס'ברעכט אויס א שארפער קאנפליקט צווישען אים און ווילהעלם ליבקנעכט. בינו לבינו ווערט גוסטאוו לאנדויער

פארמישט אין א סענסאציאנעלען קרימינעלען פראצעס, וועלכער האט דעמאלט שטארק אויפגערודערט די געזעלשאפט. צוזאמען מיט א מוטיגען דייטשען פריידענקער מ א ר י ץ פאָן ע ג י ד י נעמט זיך לאנדויער אָן פאר אן אומשולדיגען, וועלכער האט זיך געקוועלט אין תפיסה צוליב א מארד־בלבול. אין א באזונדער בראשור האט לאנדויער ארויסגעשטעלט שווערע באשולדיגונגען געגען דער פאליציי, וועלכע האט גערודפט דעם אומשולדיגען. דאס איז געווען א בייסענדער פאמפלעט געגען דער גאנצער הערשענדער מאכט בכלל, נאר אין אים האט לאנדויער ניט געני באגרינדעט די פרטים פון דער באשולדיגונג און איז דערפאר איבערגעגעבען געווארען צום געריכט פאר „רכילות" אויף דער פאליציי. ער האט ווייטער געמוזט אפזיצען זעקס חדשים אין טורמע. ארויסגעהענדיג אויף דער פרייהייט, איז ער געבליבען אין בערלין ביז 1902 און האט געלעבט כסדר, ווערענדיג פארפאלגט פון דער מאכט און פון די אפיציעלע פארטיי־פירער פון דער סאציאל־דעמא־קראטיע. ער פארלאזט אין 1903 אויף א צייט דייטשלאנד און ריכט אפ גלות, אלס א פאליטישער עמיגראנט, אין ענגלאנד.

אין יענע יארען האט זיך אין בערלין באשאפען א סאציאליסטישער קרייזעל פון יונגע שריפטשטעלער און קינסטלער מיט'ן נאמען „די נייע געמיינשאפט", צו וועלכען ס'האט אויך געהערט גוסטאוו לאנ־דויער. דא האט ער זיך אויפגעטראפען מיט דעם קונסט־היסטאריקער און ציוניסטישען שריפטשטעלער מ א ר ט י ן ב ו ב ע ר און האט מיט אים אנגעקניפּט א טיפע פריינדשאפט. במשך פון זייער גאנצער פריינד־שאפט, וואָס האט געדויערט ביז'ן טראגישען סוף פון גוסטאוו לאנ־דויער, האט די געגענזייטיגע גייסטיגע השפעה שטארק פרוכטבאר געווירקט אויף זיי ביידע.

נאכ'ן אומקער אהיים הויבט זיך אָן אין 1904 פאר גוסטאוו לאנדויערן א צייט פון פרוכטבארע וויסענשאפטליכע ארביי־טען, ציהענדיג די חיונה פאר זיך און פאר דער משפחה פון א שטעלע, אלס פארקויפער אין א בערלינער בוכהאנדלונג. גיט ער ארויס די שריפטען פונ'ם גרעסטען דייטשען מיטעלעלטערישען מיסטי־קער מ י י ס ט ע ר ע ק ה א ר ט. במשך פון א קורצער צייט ווייזט

ער ארויס א גרויסע פרוכטבארקייט און ווערט דאן א מקורב צום גרויסען פילאזאפישען שריפטשטעלער פריץ מאוטנער, מיט וועלכען ער בלייבט גייסטיג ענג פארבונדען שוין אויפ'ן גאנצען לעבען. מאוטנער, וואס האט זיך גראד דעמאלט קונה שם געווען מיט זיין ווערק „קריטיק פון דער שפראך״, האט באוויזען ווי ס'באשאפען זיך אין לעבען א דאנק אנגענומענע ווערטער אזעלכע באגריפען, וואס האבען אין דער אמת'ן קיין שייכות ניט צו דער לעבעדיגער ווירקליכקייט. דאס דאזיגע בוך האט געמאכט אזא גרויסען רושם אויף גוסטאוו לאנדויערן, אז ער האט זיינע אייגענע געדאנקען וועגען דעם טיפען ענין אויסגעלעגט אין א באזונדער שריפט „סקעפסיס און מיסטיק״. ער האלט דאן אויך עפענטליכע לעקציעס וועגען דער קריטיק פון דער שפראך, אבער זיין גייסט בלייבט אלץ דער עיקר אין קרייז פון סאציאל־עקאנאמישע און פאליטישע פראבלעמען. די טיפסטע השפעה האבען אויף אים געהאט אין דעם דאזיגען געביט קראפאטקין און פרודאן, ווירקענדיג אויף דער אויסגעשטאלטונג פון זיינע סאציאל־פאליטישע אנשויאונגען און אידעאלען. ער גיט ארויס עטליכע איבערזעצונגען פון קראפאטקינס ווערק (1904) און שרייבט צו זיי חשובע הקדמות. ובכן געהערט אים דער כבוד צו זיין דער אנדעקער פונ'ם גרויסען רוסישען רעוואלוציאנער און נאטורפארשער אין דייטשלאנד. אין 1906 באשאפט לאנדויער דעם „סאציאליסטישען בונד״ וועלכער וויל ניט טראגען דעם כאראקטער פון א פארטיי, נאר — פון א לעבעדיגער סאציאליסטישער געמיינשאפט. אין בוך „די רעוואלוציאן״, וואס ערשיינט (1908) אין דער זאמלונג פון מאנאגראפיעס איבער סאציאל־פסיכאלאגישע פראבלעמען „די געזעלשאפט״ וועלכע ס'האט ארויסגעגעבען מארטין בובער, גיט לאנדויער א טיפזיניגען אנאליז פון דער גרויסער קולטור־איבערקערעניש, וואס האט זיך אנגעהויבעןביים אויסגאנג פון מיטעלאלטער און ציט זיך נאך עד היום, באלייכטענדיג פאר'ן לעזער די גאנצע סאציאלע און פאליטישע געשיכטע פון דער נייער אייראפע פון אן איינהייטליכען, טיף־אריגינעלען שטאנדפונקט. „דאס בוך איז גארניט „אנגעשריבען״, זיינע ווערטער לעבען, זיי

זיינען אלע אנגעפילט, ווי זייער מחבר, מיט ליבע, מיט גייסט, מיט א ווילען צו שאפען. זיי זיינען דורכגעדרונגען מיט א טיפען גלויבען אין דער פארבינדענדער קראפט פון אונזערע סאציאלע אינסטינקטען, פון דעם מעכטיגען כוח, וועלכער איז מטהר און מכפר די זינד פונ׳ם מענטשליכען געמיט". אזוי האט געשריבען א קריטיקער וועגען גוסטאוו לאנדויערס "רעוואלוציאן".

אין 1908 האט לאנדויער צום ערשטען מאל געהאלטען זיין לעקציע „אויפרוף צום סאציאליזם", וועלכע איז פארעפענטליכט געווארען אלס א בוך אין דריי יאר ארום. דער פייערדיגער אופן פון זיין ריידען האט געלאזען די טיפסטע שפורען אויפ׳ן נוסח פון דעם דאזיגען בוך. דא פליסען און רוישען די געדאנקען און געפילען, די וואונשען און די בילדער, אין ברויזענדע כוואליעס, צושפריצענדיג זיך א מאל אין טויזענטער טראפענס און צונויפגיסענדיג זיך אפט אין איין ברייטען מעכטיגען שטראם.

אין 1909 גרינדעט גוסטאוו לאנדויער א זשורנאל דעם—דריטען „סאציאליסט", וועלכער ווערט דער ארגאן פון „סאציאליסטישען בונד". מיט גרויסע מאטעריעלע קרבנות האלט אויף לאנדויער זיין זשורנאל ביים לעבען זעקס יאר, ביז ער ווערט דורך דער מלחמה־צענזור געצוואונגען אים אפצושטעלען אויף שטענדיג. כדי זיך מפרנס צו זיין און קענען דערלייגען צום זשורנאל, איז לאנדויער געצוואונגען געווען יארען לאנג האלטען ליטעראַרישע לעקציעס פאר בערלינער „אריסטאקראטישע קרייזלאך" און שרייבען די טעאטער־קריטיק פאר׳ן „בערלינער בערזען־קוריער". דער טעאטער איז אגב געווען פון תמיד זיין ליבלינגס־געביט. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער בערלינער „פאלקס־ביהנע" און האט מיט אלע כוחות מיטגעהאלפען צו פארשפרייטען אין פאלק גוטע קונסט, ער פלעגט אפט האלטען אין דער פאלקס־ביהנע ליטעראַרישע לעקציעס און פלעגט עפענען מיט א פארווארט די פארשטעלונגען. ער האט געהאט א וואונדערליכען טאלאנט צו ריידען פאר די מאסען אויף א פאלקסטימליכען אופן וועגען די טיפזיניגסטע זאכען. גאר א באזונדער ליבע האט ער געשפירט צו שעקספירן און איז געווען א טיפער קענער פונ׳ם גרעסטען דראמאטיקער, פינף און

צוואנציג לעקציעס וועגן שעקספירס ווערק, וועלכע באלייכטען דעם גייסט פון ווי שעקספיר אין א נייעם, איינציגארטיגען ליכט, האט לאנדויער צוגעגרייט צום דרוק אין די לעצטע יארען פון זיין לעבען. דאס בוך איז אבער ערשינען ערשט אין 2 יאר נאך זיין טויט און אים האט שוין ארויסגעגעבען דער אפיטרופוס איבער לאנדויערס ליטערא־רישער ירושה מארטין בובער.

אין די מלחמה־יארען האט לאנדויער געארבייט איבער א ווערק, צו וועלכען ער האט זיך שוין פון לאנג געגרייט: א זאמלונג פון בריוו פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע. דאס בוך איז ארויס גראד אין די רעוואלוציאנס־חדשים פון 1918. אין דער הקדמה צום בוך שרייבט לאנדויער ווערטער, וועלכע זיינען געווען בשעתּם מיט א האלב יאר פאר דער רעוואלוציע אין דייטשלאנד, באמת א נביאות: „זאל אונז די נאנטע קענטעניש פון דעם גייסט און פון דער טראגיק פון דער רעוואלוציע זיין א הילף אין די קריטישע צייטען וועלכע קומען אָן". דאס ווערק אנטהאלט אין צוויי דיקע בענדער א בריף־זאמלונג פון דער צייט פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע וועלכע לאנדויער האט צונויפגעקליבען פון צענדליגער ביכער, איבערגע־זעצט און ערקלערט דורך פירושים. דאס ווערק גיט אונז א מעגליכקייט ארייַנצוקוקען זיך אין דער היסטארישער איבערקערעניש מיט די אויגען ניט נאר פון די לעבעדיגע עדות פון יענער צייט, נאר — פון אירע העלדען, פון די אמת׳ע רעפרעזענטאנטען פון דער רעוואלוציע און דורך דעם תּופס זיין דעם גייסטיגען תּוכן פון א רעוואלוציע בכלל.

א גרויסע זאמלונג פון לאנדויערס אומפארעפענטליכטע ווערק, בריוו און ארטיקלען גרייט נאך צו צום דרוק זיין נאנטסטער פריינד מארטין בובער.

אין דער מלחמה־צייט איז גוסטאוו לאנדויער געווען איינער צווישען דער זעהר קליינער צאל דייטשען, וועלכע האבען ניכטער געקוקט אויף דער קאטאסטראפע און האבען ניט דורכגעמאכט דעם ווילדען שגעון פון גרעסטען טייל פון זייער פאלק. דעריבער האט ער אויך קלאר געקענט זעהן, ווי ס׳דערנענטערט זיך די אויסערליכע מפּלה און די אינעווניגסטע ירידה פון זיין לאנד. זיינע נאכפאלגער

האבען זיך אפגעזאגט צו געהן אין מיליטער און זיינען אריינגעווארפען געווארען אין תּפיסה. טיפע וואונדען האט געלאזען די וועלט־מלחמה אין זיין נשמה, הגם ער איז געווען איינער פון די, וואס האבען איר פארויסגעזעהן און האבען מתרה געווען. אויך אין זיין פערזענליכען לעבען איז פארגעקומען אין דעם לעצטען מלחמה־יאר א טראגעדיע: דער טויט פון זיין פרוי, דער דיכטערין העדוויג לאכמאן, וועלכע איז פאר אים געווען דער נאנטסטער מענטש אין גייסט, די „שוועסטער פון זיין נשמה" במשך פון זייער זעכצען־יעריגען לעבענס־בונד. דער טויט פון דער הייס־געליבטער פרוי האט אויף אים געמאכט א דערשיטערנדען איינדרוק, און ער איז צוזאמען מיט איר אויף א העלפט אפגעשטארבען שוין ביים לעבען. דעם לעצטען, שטורמישען און טראגישען יאר פון זיין לעבען האט ער פארבראכט אן איינזאמער און פאריתומטער.

צוזאמען מיט זיין פרוי האט גוסטאוו לאנדויער איבערגעזעצט „דאס בילד פון דאָריאַן גריי" פון אסקאר אויילד און דיכטונגען פון ראבינדראנאט טאגארע און וויטמאן. א טיפע נטיה האט לאנדויער געשפירט צום גרויסען אינדישען חכם און דיכטער טאגארע, זייענדיג צו אים באזונדערס נאנט אין גייסט.

מיט א קורצער צייט פאר'ן אויסברוך פון דער רעוואלוציע האט לאנדויער אנגענומען די שטעלע פון דראמאטורג (קינסטלערישער פירער) און רעדאקטאר פון טעאטער־זשורנאל ״מאסקען״ אין דיסעלדארפער קינסטלערישען טעאטער. ער האט אבער נאר א גאנץ קורצע צייט פארנומען זיך מיט דער קינסטלערישער ארבייט אין דיסעלדארף, וויל באלד נאך דער מינכענער איבערקערעניש האט אים דער רעוואלוציאנערער פירער קורט אייזנער ארויסגערופען צו זיך. לאנדויער איז געווארען א פירער אין מינכענער ארבייטער־ראט, נאר ער האט זיך פארנומען אויסשליסליך מיט שול־ און ערציהונגס־ענינים. די קאנטער־רעוואלוציע, וועלכע האט אויסגעבראכען אין מינכען צום סוף ווינטער 1919 און פון וועלכער ס'איז געפאלען דער באליבטער טריבון קורט אייזנער, האט באשאפען א נייע רעוואלוציאנערע גערונג אין די סאציאליסטישע פארטייען. די

שונאים פון סאציאליזם האבען דורך פראוואקאציע געוואלט ארויסרופען אין פאלק א רעאקציע און האבען געזעהן דעם בעסטען וועג דערצו אין דער „דיקטאטור פון פראלעטאריאט״. אויך אינע־וועניגסטע כוחות האבען געשטופט די פירער צו א דיקטאטור פון דער סאציאל־דעמאקראטיע. דער אמתער יורש פון אייזנערס גייסט איז געווען לאנדויער, וועלכער האט ניט געקענט פארלאזען די געפערליכע פאזיציע נאכדעם ווי זיין פריינד איז געפאלען אין א מוטיגען קאמף. ער האט אבער איבערגעלעבט א שמערצליכען אינערליכען קריזיס: קלאר האט ער געפילט ווי ס׳עפענט זיך פאר אים דער אפגרונד און דאך האט ער ניט געקענט אפזאגען זיך פון נסיון צו באשאפען א סאציאליסטישע געזעלשאפט. דער נביא, וועלכער האט דרייסיג יאר געקעמפט געגען דער פאליטיק ארום זיך, איז איצט באזיגט געווארען דורכ׳ן פאליטיקער אין זיך גופא און דער דאזיגער נצחון איז געווען א טראגישע שפיל פון גורל. דעם 7־טען אפריל (גראד איז זיין געבורטס־טאג) האט גוסטאוו לאנדויער אין מינכענער קעניגליכען שלאס פראקלאמירט א ראטען־רעפובליק אין בייערען. דער צענטראל־ראט איז אבער באשטאנען פון פאר־שטעהער פון אלע סאציאליסטישע ריכטונגען און לאנדויער האט אין אים איבערגענומען דעם בילדונגס־קאמיסאריאט. אין זעקס טאג ארום האט אין מינכען אויסגעבראכען א מיליטערישער קאנטער־רעוואלוציאנערער אויפשטאנד און די קאמוניסטען, באנוצענדיג זיך דער־מיט, האבען פארכאפט די גאנצע מאכט אין זייערע הענט, צוטריי־בענדיג דעם פריהערדיגען צענטראל־ראט. שוין פאר דעם אבער האט לאנדויער דערזעהן, אז אים איז ניט מעגליך צו ארבייטען בשותפות מיט מענטשען, וועלכע האבען געוואלט פארווירקליכען דעם סאציאליזם מיט דער הילף פון קלאסען־הערשאפט און טערור. אלץ האט זיך פאראייניגט, כדי צו דערשטיקען די פלאמען פון דער רעוואלוציע, וועלכע האבען געפלאקערט אין פאלק: די סאציאל־דעמאקראטישע מלוכה־צענטראליזאציע און דער צוואנגס־רעזשים, די טויטע פארטיי־דאגמע און די נידעריגסטע דעמאגאגיע, די גיפטיגע רוחות, וועלכע פארסמ׳ן דעם לעבען פון דער געזעלשאפט און געגען

וועלכע לאנדויער האט אָן אויפהער געקעמפט, האבען איצט געשלאסען א בונד, פון וועלכען ס'האט געמוזט חרוב ווערען די באנייאונג פון פאלק. אין א גיהונם פון גייסטיגע יסורים האט גוסטאוו לאנדויער געלעבט אין יענער צייט. דער אומענדליכער צארן און כעס געגען דער רעאקציע האבען געטריבען זיין גייסט הינטער די גרעניצען פון זיינע אייגענע אידעאלען. ער האט געמיינט, אז ער וועט נאך קענען ווירקען אויף די נייע מושלים אין זיין גייסט און האט זיך געשטעלט אין רשות פון דער קאמוניסטישער רעגירונג. מ'האט אבער זיין אנבאט ניט אנגענומען. דער וועג פון טעראר, אלס א מיטעל צו דער פארווירקליכונג פון סאציאליזם, איז אין די אויגען פון גוסטאוו לאנדויערן געווען א וועג פון משוגעת און פארניכטונג און ער האט מיט שוידער געשפירט ווי ס'קומט אָן דער שרעקליכער סוף. אין א יאוש, וואס האט קיין ברעג ניט געהאט, האט לאנדויער דערזעהן, אז די מענטשען פון דער נייער געמיינשאפט זיינען נאך ניטא, אז די וועלט פון די פרייע סאציאליסטישע פארבאנדען, צו וועלכער ער האט געשטרעבט, וועט אויפ'ן וועג פון פאליטיק בכלל ניט באשאפען ווערען און אז דער טיטאנישער פרוב מוז זיך פארענדיגען מיט א קאטאסטראפע...

בעת די דאזיגע מוראדיגע טעג אין מינכען האט די פיינדליכע פרעסע אין גאנץ דייטשלאנד פארשפרייט די מיאוסטע בלבולים וועגען לאנדויערס טעטיגקייט. זיינע פריינד, וואס האבען געקענט די קריסטאל־ריינע פערזענליכקייט, האבען מיט א גרויל און א שטומען וועהטאג געמוזט צוזעהן, ווי די גיפטיגע שקרים ווערען טאג נאך טאג אריינגעווארפען אין פאלק דורך פאלשע, נקמה־דורשטיגע צייטונגס־שרייבער.

במשך פון דער גאנצער צייט פון דער קאמוניסטישער הערשאפט אין מינכען האט גוסטאוו לאנדויער געוואוינט אלס פריוואט־מאן אין דער וואוינונג פון קורט אייזנערס אלמנה. דארט האבען אים געפונען די סאלדאטען, וועלכע האבען דעם 30־טן אפריל איינגענומען מינכען. ווען די סכנה האט זיך דערנענטערט, האט גוסטאוו לאנדויער בשום אופן ניט געוואלט אנטלויפען פון שטאדט, ווי ס'האבען געטאן זיינע באקאנטע, כדי צו ראטעווען זיך פון א זיכערען טויט. ער האט געוואלט

רוהיג אפּוואַרטען ביז דער גאַנצער אמת וועגען אים וועט אַרויפגעהן אויבען אויף. די סאָלדאַטען, וואָס זיינען געווען ווילד פון נצחון, האָבען אים אַרויסגעשלעפּט פון קורט אייזנערס ביבליאָטעק און אַוועקגעפירט אין אַ פאַרשטאָדט שטאַרנבערג. אויפ'ן צווייטען טאָג האָבען ווירטעמבערגער סאָלדאַטען, פירענדיג לאַנדויערן צו דער שטאָדעלהיימער פעסטונג, אים אויף אַ שוידערליכען אופן דערהרג'ט.

א ציטער געהט דורך איבער'ן לייב, בעת מ'הערט די באַשרייבונג פון גוסטאַוו לאַנדויערס טויט, ווי ס'גיבען איבער די עדי־ראיה. אַ מחנה סאָלדאַטען האָט מיט ווילדע קולות געפירט לאַנדויערן צום טויער פון דער פעסטונג. ביים אריינגאַנג אין תפיסה האָט אים אַ לייטענאַנט געגעבען אַ קלאַפּ מיט'ן פויסט איבער'ן פּנים. די סאָלדאַטען האָבען אָנגעהויבען צו שרייען: „דער העצער, דער העצער, מ'דאַרף אים פּטר'ן, הרג'ט אים!" מיט קאָלבעס און באַיאָנעטען האָט מען אַרויסגעשטופּט לאַנדויערן פון קאָרידאָר אין הויף אַריין. ער האָט זיך אָפּגערופען צו די סאָלדאַטען: „איך בין ניט קיין העצער, איר ווייסט אַליין ניט ווי אָנגעהעצט איר זייט!" די סאָלדאַטען האָבען אים אָנגעטאָן די מוראַדיגסטע יסורים, ביז ער איז געפאַלען אַ שווער פאַרוואונדעטער דורך אַ קויל פון אַ רעוואָלווער אויף דר'ערד. אַ לייטענאַנט האָט אים דורכגעשאָסען אַ קויל אַ צווייטען מאָל און ווען מ'האָט געזעהן, אַז ער אָטעמט נאָך, האָט אַ סאָלדאַט אַ טראַט געטאָן אויף אים מיט דער פוס און ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה. קיינער פון זיינע פריינד און באַקאַנטע האָט אים ניט געזעהן אין דעם טאָג פאַר'ן טויט. ער איז באַגראָבען געוואָרען אין אַ מאַסען־קבר אין שטאָדעלהיים.

דאָס איידעלע האַרץ, וואָס האָט דרייסיג יאָר אָן אויפהער געגליטען פאַר אַלע שוואַכע און אונטערדריקטע, איז צו־טראָטען געוואָרען דורך אַ שטיוועל פון אַ דייטשען סאָלדאַט. און דאָס איז געשעהן שוין נאָך דעם, ווי ס'איז פאַרניכטעט געוואָרען די קייזערליכע אויטאָקראַטיע און בעת אין בערלין האָט רעגירט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מלוכה־מאַכט! . . .

ג

מיט זיין טראגישען טויט האט גוסטאוו לאנדויער פארצייכענט, ווי א בלוטיגער עדות פאר דער שפעטערדיגער געשיכטע, די גאנצע געפאלענקייט פון אונזער תקופה, די נידעריגסטע מדרגה פון איר ירידה און די געפערליכסטע קרענק פון דער היינטיגער מענטשהייט: די אומבאגרענצטע ממשלה פונ׳ם גראבען פיזישען כוח. ער האט מיט די אייגענע אויגען געמוזט צוזעהן, ווי ס׳ווערט בטל די בעסטע האפענונג פון זיין לעבען: די באשאפונג פון דער נייער מענטשליכער געזעלשאפט דורך דער רעוואלוציאניזירונג און אומגעשטאלטונג פון דעם מענטשליכען גייסט. די גאנצע אנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, אזוי גוט ווי דער וועג פון דעם יחיד פון א חיה צום קולטור־מענטש, איז אין זיינע אויגען געוועזען דער וועג פונ׳ם אינ־סטינקט צום גייסט, ווייל סיי אין דעם אינדיווידועלען, סיי אין געזעלשאפט־ליכען לעבען איז דער גייסט דער אמת׳ער מקור פון אונזער מענטשליכ־קייט. אין גייסט שפירט דער מענטש די שטימע פון דער אייביגקייט און ער עפענט דעריבער פאר׳ן מענטשען די טויערען פון דער אומ־שטערבליכקייט. אבער אויך דער גייסט דארף האבען א פארם, בכדי אריינצוטרעטען אין לעבען און ווירקען אין אים; ער דארף פאר זיך האבען א גוף, פאר וועלכען ער זאל קענען זיין די נשמה. די דאזיגע פארם פאר׳ן גייסט און זיין גוף איז די ל י ב ע: דער איינציגער געפיל וואס גיט דעם מענטשליכען לעבען א זין און א קדושה.

„... באך א וועג איז דא צום געפיל פון אומענדליכקייט און ער איז דער פרעכטיגסטער פון אלע און די מענטשען קענען אים, אויף וויפיל זיי זיינען ניט אנגעשטעקט געווארען פון דער אויסערליכער פארדארבענקייט און פון דער עגאיסטישער אויבערפלעכליכקייט פון דער געזעלשאפט, צו וועלכער דער מענטש איז אפט געבונדען על פי צופאל. דער דאזיגער געפיל איז די ליבע און ער איז אזוי אוניווערזעל, אזוי הימליש און נעמט ארום די גאנצע וועלט, ער איז א געפיל, וואס דערהויבט אונז פון די ערדישע קויטען און טראגט אונז אוועק צו די שטערנס, ווייל ער

איז דער באנד׳ וואס פארבינדט אונז און אונזערע קינדער מיט דער גאנצער וועלט· א טיפער זין באשטעהט אין דעם׳ וואס דער נאמען פאר׳ן געפיל פון געמיינשאפט׳ וועלכער פארבינדט אונז מיט דער מענטשליכער וועלט — ליבע׳ מענטשען־ליבע׳ איז דער זעלבער וואס פאר׳ן געפיל פון דער געשלעכטליכער ליבע׳ וועלכער פאראייניגט אונז מיט די שפּעטערדיגע דורות״· *)

די ליבע איז דער גרונד־שטריך פונ׳ם מענטשליכען אינדיווידועלען גייסט און צוגלייך איז זי דער הויפּט־יסוד פאר׳ן געזעלשאפטליכען גייסט׳ וועלכער באשאפט די איבער־אינדיווידועלע איינהייטען: די משפּחה׳ דעם שבט׳ די נאציע׳ דער אינדיווידואליזם און דער קאלעקטעוויזם זיינען ניט קיין הפכים׳ נאר — צוויי זייטען פון איין און דערזעלבער ערשיינונג: פון מענטשליכען גייסט׳ וועלכער באשאפט די מעגליכקייט פון א סאציאלען לעבען· ״דו ביסט נאר א קליין פּיצעל טייל פון מיר און ביסט דאך׳ ווי איך׳ א גאנצע וועלט· דעריבער איז נויטיג׳ אז די מענטשען זאלען זיין פארבונדען צווישען זיך׳ ווי די וועלטען זיינען פארבונדען דורך די בריקען פון ליכט׳ דורך דעם גייסט׳ וועלכער איז ליבע׳ און וועלכער באשאפט די פארמען פון דעם לעבען פון א געמיינשאפט: די שפּראך׳ די זיטען׳ די קונסט׳ און וועלכער צושטערט ווידער די פארגליווערטע פארמען פון לעבען׳ וועלכע ס׳האט באשאפען די שנאה׳ די גייסטלאזיגקייט און די אומגערעכטיגקייט· **)

ביי אזא קוק אויפ׳ן תוך פון דער מענטשליכער געזעלשאפט מוז גוסטאוו לאנדויער אפּווארפען יעדען געדאנק פון א מעכאנישען קינסטליכען סדר אין לעבען פון א געזעלשאפט: דעם מלוכה־צוואנג און די מלוכה־הערשאפט· די מענטשליכע אנט־וויקלונג האט אין אירע בליהונגס־צייטען שטענדיג געשטרעבט צו א לעבעדיגער געמיינשאפטס־ארדענונג אין דער פארם פון מענטש־ליכע פארבאנדען׳ וואס בויען זיך אויף דער געגענזייטיגער הילף און גערעכטיגקייט· אנשטאט די קייטען פון מלוכה־צוואנג פלעגט

*) „Skepsis u· Mystik“ s. 43·
**) „Die Revolution“ s. 22.

הערשען אין אזעלכע צייטען די פרייוויליגקייט און דער שעפּפע־
רישער גייסט פון פאלק פלעגט באשאפען די גרויסע ווערק׳ ביי
וועלכע די גרעניץ צווישען דעם פאלק און דעם יחיד — דעם קינסטלער
איז געווען אזוי מטושטש׳ אז מ׳האט דעם נאמען פון דעם גרויסען קינסטלער
ניט איבערגעגעבען אפילו פאר די שפּעטערדיגע דורות׳ די
מדרגות פון דער קולטור צייכענען זיך ניט אויס בכן לויט דער
גרויס פון די איינצעלנע יחידים׳ וועלכע לייכטען׳ ווי די שטערען
אויפ׳ן שווארצען הימעל פון דער ארומיגער פינסטערניש׳ נאר —
לויט׳ן אלגעמיינעם גייסט׳ וועלכע הערשט אין די מענטשען און
איבער זיי און באשאפט פון די מענטשען א פעסטען בונד׳ ניט
די יחידים־גאונים רעפּרעזענטירען אין אזעלכע צייטען דאס פאלק׳
נאר פון דעם אלגעמיינעם דראנג פון די מענטשען צו א פארבונדענ־
קייט דורך איין גייסט קומען ארויס די קערפּערשאפטען׳ וועלכע שטעלען
מיט זיך פאר א העכערע איינהייט׳ ווי דער איינצעלנער יחיד:
חברות׳ פארבאנדען פון חברות׳ פארבאנדען פון פארבאנדען׳ אויף
וויפיל די פעלקער קענען דאס דערגרייכען אין באשטימטע תקופות
פון זייער געשיכטע׳ אויף אזויפיל הויבען זיי זיך אויף אדער —
אין קעגענגעזעצטען פאל — לאזען זיי זיך אראפּ אין זייער קולטור׳
דעריבער געהען די צייטען׳ ווען די פעלקער שטעהען אויף
א הויכער אדער נידעריגער מדרגה׳ ניט ווי א גלייכע ליניע פון
אונטען אויף אויבען און ס׳איז ניטא קיין שטענדיגער פּרא־
גרעס׳ ווי ס׳מיינען די „אנטוויקלונגס־טעארעטיקער״; ס׳איז אבער
פאראן א לאנגער וועג׳ פון וועלכען מיר קענען ניט סיי דעם
אנהויב׳ סיי דעם סוף און ווייסען וועגען אים נאר׳ אז ער געהט בארג־
ארויף און בארג־אראפּ און ווייטער בארג־ארויף און אזוי כסדר ווייטער׳
אלטע קולטורען שטארבען אפּ׳ ווי ס׳באווייזט אונז די געשיכטע
פון די קארגע 4000 יאר ביי איין טייל פון דער מענטש־
הייט׳ וועלכע איז אונז מער אדער ווייניגער באקאנט׳ יונגע׳
„אויסגערוהטע״ פעלקער נעמען איבער די שיריים פון די געפאלענע
קולטורען ביי די אלטע׳ אפּשטארבענדע פעלקער און פון אזא
מין קולטור־מישונג קומט ארויס א התחלה פון א נייער קולטור׳

אזא התחלה איז פאר גוסטאוו לאנדויערן די צייט פון דער *פעלקער־וואנדערונג*, בעת ס׳האט זיך באשאפען א קולטור־מישונג פון דער אלטער גריכיש־רוימישער וועלט מיט די אויפקומענדע פרישע פעלקער. די דאזיגע קולטור־מישונג צייכענט זיך אויס מיט דער דורכדרינגונג פון די בארבארישע פעלקער מיט׳ן גייסט פון קריסטענטום. אזוי האט זיך אנגעהויבען די קריסטליך־אייראפעאישע געשיכטע, די געשיכטע פון דער *היינטיגער תקופה*, פון דער אייראפעאיש־אמעריקאנישער וועלט.

בכן האלט לאנדויער, אז די דאזיגע תקופה הויבט זיך אָן מיט א רעגענעראציע, מיט א התחלה פון א נייער קולטור מיט דער קולטור פון דעם אזוי גערופענעם מיטעלאלטער, אין וועלכען דאס קריסטענטום איז געווען א קראפט, וועלכע האט משפיע געווען און אויסגעפארמט דאס לעבען. הגם די דאזיגע קולטור איז ניט גלייך געווען צו דער וועלכע ס׳האט געהאט גריכענלאנד אין די העכסטע מדרגות פון איר געזעלשאפטליכען לעבען, איז זי דאך געשטאנען אויף דער־זעלביגער הויך, ווי די אמאליגע גלאנץ־צייט פון די קלאסישע פעלקער פון דרום־אייראפע. די פעדעראליסטישע ארגאניזאציע פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען אין מיטעלאלטער האט זיך אויפגעבויט אויף דער בינדונג פון די מענטשען אין חברות דורך אן איינהייטליכען קריסטליכען גייסט. ווען דער דאזיגער גייסט האט שוין אבער פארלארען זיין לעבעדיגען אינהאלט און איז געווארען פארגליווערט, ווען דער זין און די קדושה פון די קריסטליכע סימבאלען האבען אנגעהויבען נעלם צו ווערען, האט דער יחיד דערפילט א באדערפניש צו באפרייען זיך פון די גייסטיגע קייטען, וועלכע האבען אים פריהער געהאט געבונדען באופן, אז ער האט עס גארניט באמערקט, און וועלכע ער האט איצט אנגעהויבען צו שפירען ווי א משא אויף זיין קערפער און גייסט. ס׳הויבט זיך אָן דער *רענעסאנס*, וועלכער איז בעצם ניט קיין אנדער זאך, ווי די ירידה פון דער פריהערדיגער קולטור און דער איבערגאנג און די שטרעבונג צו נייע פארמען פון א געזעלשאפטליכען לעבען און פון א פארבונדענקייט דורך אן אלגעמיינעם גייסט. די וויסענשאפט, וועלכע

ווערט פריי פון דער אפיטראפּסוס פון דער קירכע, הויבט אָן מיט דער הילף פון דער טעכניק אפּצוהאַלטען די ערשטע נצחונות איבער דער נאַטור. די אויסערליכע נאַטור ווערט ביסלאַכווייז באַהערשט און געבונדען, דערפאַר ווערט אָבער די אינעווייניגסטע נאַטור פון די מענטשען פריי און אויסגעלאַסען, ס'ווערט חרוב דער פריהערדיגער בונד און די פּרייהייט, ווייל ס'האָט אונטערגעפוילט דער פונדאַמענט אונטער דעם בנין פון דער פריהערדיגער קולטור: די קריסטליכע רעליגיע, און ס'הויבט זיך אָן דער קאַמף פון די פעלקער פאַר א נייער קולטור. דאַ הויבט זיך אָן פאַר לאַנדויערן די רעוואָלוציע, די איינציגע רעוואָלוציע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, וועלכע מיר קענען און וועלכע איז נאָך ווייט פון איר סוף און געהט מיט שווערע, לאַנגזאַמע טריט איבער יאָרהונדערטען און אירע עטאַפּען זיינען עס יענע מרידות און איבערקערענישען, וועלכע זיינען אונז גוט באַקאַנט. זיי קענען אַנגערופען ווערען רעוואָלוציעס נאָר אין ענגערען זין פון וואָרט, ווייל זיי זיינען נאָר טיילען פון א גרויסער קולטור־איבערקערעניש, וועלכע ציהט זיך שוין במשך פון 500 יאָר; דאָס זיינען: די רעפאָרמאַציע, דער דייטשער פּויערים־קריג, די מלוכה־רעוואָלוציעס אין האָלאַנד, אין פראַנקרייך ענגלאַנד, די אַמעריקאַנישע פרייהייטס־מלחמה, די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע און אירע פאָרזעצונגען במשך פון 19 יאָרהונדערט כמעט אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער און די רוסישע רעוואָלוציעס זיי פילען אָן די איבערגאַנגס־צייט, וועלכע מ'רופט אָן די „נייע צייט".

די גאַנצע „נייע צייט" צייכענט זיך אויס מיט דער הערשאַפט פון מלוכה־צוואַנג אַנשטאָט דעם אַלגעמיינעם פאַרבינדענדען גייסט, וועלכער איז געוועזען דער כאַראַקטעריסטישער סימן פון די בלי־הונגס־צייטען פון די אייראָפּעאישע פעלקער אין מיטעלאַלטער. די מלוכה ווערט דער סוראָגאַט פון גייסט, זי שטעלט זיך אַוועק אַלס אָן אויבערהער און באַהערשער פון די פעלקער. במשך פון די 400 — 500 יאָר פון איר אומבאַגרענצטער הערשאַפט האָט די מלוכה דורכגעמאַכט איינציגע סטאַדיעס פון איר אַנטוויקלונג. אין דער ערשטער תקופה

האט דער מלך, דער פירשט, אן אבסאלוטע מאכט, אין דער צווייטער — גרעניצט אפּ די קאנסטיטוציע דאס רעכט פון דעם הערשער פון די רעכט, וועלכע געהערען דעם פאלק און ווערען פארווירקליכט דורך זיינע פארשטעהער אין פארלאמענט. דער גרונד־סימן פון דער דריטער תקופה, פון דער הייגטיגער, איז די סוווערעניטעט פון דעם נאציאנאלען הערשאפטס־פּרינציפּ, די שטרעבונג צו דער נאציאנאלער זעלבסטשטענדיגקייט און אייגענארטיגקייט, וועלכע האט זיך אויף אן אומנאטירליכען אופן מתדבק געווען מיט דעם מלוכה־צוואנג און זיין נטיה צו פארקנעכטען די שוואכע פעלקער. דאס זיינען די דריי עטאפּען פון דער מלוכה־אידעע פאר די לעצטע 400 יאר: אבסאלוטיזם, לעגאליזם און נאציאנאליזם. אין אלע דריי תקופות איז פאראן, ניט קוקענדיג אויף זייער אויסערליכען חילוק און פארשידענהייט אין די באדינגונגען פון ארט און צייט, איין געמיינזאמע אייגענשאפט: דער אינדיווידואליזם פון יחידים און די אַטאָמיזירונג פון די מאסען, וועלכע שטעלען פאר מיט זיך צוויי זייטען פון איין ערשיינונג. איינזאמע יחידים טראגען אין זיך געוואלדיגע עשירות: פילאזאפען, דיכטער, געלערטע, דער המון שטעקט נאך אבער הייגט, ווי מיט 400 יאר צוריק, אין א זומפּ פון אבערגלויבענס און האט נאך ניט קיין ברעקעל השגה פון א גאנצער איינהייטליכער וועלט־אנשויאונג אנשטאט דעם געשטארבענעם קריסטליך־רעליגיעזען וועלט־בילד. דאס פאלק איז צושאטען אין מיליאנען אַטאָמען, וועלכע טראגען זיך אין א ווילדען דרעה־שטורעם אָן א ריכטונג. פון איין זייט האט אויסגעוואקסען דער סוראגאט פון גייסט: די מלוכה, פון דער צווייטער זייט וואקסט ביי יחידים דער אמת׳ער גייסט אין אזא שפע, וועלכע האט איר גלייכען נאך קיינמאל ניט געהאט: די אינדיווידועלע קונסט און וויסענשאפט. דער מיעוט פון דער מענטשהייט לעבט אין מאטעריעלע און גייסטיגע עשירות, אין א לוקסוס און אויסגעלאסענקייט, דער רוב — אין דחקות, נויט, אין פינסטערניש און אין א טשאד פון גראבע גשמיותדיגע תענוגים. די רעוואלוציעס זיינען עס די פּרובען פון די אַטאָמיזירטע, צוריסענע מאסען באשאפען זיך א נייע פארם פון איינהייט, א נייעם בונד און א נייע פרייהייט, מיט דער הילף פון א נייעם

געזעלשאפטליכען אידעאל. דאס פאלק איז זיך בעת א רעוואלוציע טובל אין גייסט און וויל באלעבען אין די מים־חיים פון התלהבות, פון ברידערליכקייט און פון פרייד, דעם אייביגען געמיינשאפטס־אינסטינקט, וועלכען די אלטע, פאררעוואלוציאנערע ארדענונג האט ניט געקענט באפרידיגען. ניט די רעוואלוציע איז בכן דער ציל, צו וועלכען די גייסטיגע פירער פון פאלק שטרעבען, נאר די ר ע ג ע נ ע ר א צ י ע; דער גייסט דארף בלייבען אין לעבען און ווירקען אויך נאך דעם, ווי ער האט צושטערט די אלטע שטערונגען און קינסטליכע מניעות אויף זיין וועג. אין אלע ביזאיצטיגע רעוואלוציעס איז אבער שטארק געווען נאר די נעגאטיווע זייט: די צושטערונג פון דאס אלטע; זיי האבען ניט געפירט צו א רעגענעראציע און די תקופה, וועלכע איז געקומען נאך זיי, איז ניט געווען שטארק פארשידען פון דער צייט, וואס פאר דער רעוואלוציע. די סיבה דערפון איז דאס, אז אין דעם רעוואלוציאנערען ברען פון די פעל־קער איז ניט געווען גענוג קלארקייט; רויך און סאזע האבען פארטונקעלט דעם פייער פון התלהבות פון פאלק און שלעכטע אייגענשאפטען פון יחידים האבען אויסגענוצט דעם שטורעם פאר די אייגענע מאכט־אינסטינקטען און שטרעבונגען צו הערשאפט.

דער טיפער קריזיס פון אונזער צייט פירט צו דער פראגע: צי וועלען נאך די פעלקער האבען כוחות ניט נאר צו דערהויבען זיך פון זייער ירידה, נאר אויך אויפצובויען די נייע וועלט? אזוי ווי די רוימישע וועלט האט ניט געקענט ביישטעהן די אינע־וועניגסטע קראנקהייט, וועלכע האט אנגענומען די פארם פון א בירגער־קריג אין צווייטען יאר־הונדערט פון דער נייער תקופה, בעת דער אויטאריטעט פון סענאט איז פארניכטעט געווארען צוליב דער סאציאלער און מאראלישער ירידה פון פאלק, — שטעהט אויך אונזער צייט ערב אן אנטשיידענדען מאמענט פון טיפע אינעווענינגסטע שינויים. די רוימישע ציוויליזאציע האט ניט געקענט בייקומען דעם קריזיס. וועט די היינטיגע אייראפעאיש־אמעריקאנישע וועלט זיין גליק־ליכער? צו איז דא אין איר אזא פרינציפ, וועלכער זאל קענען זיין א יסוד פאר דער פעסטער, סטאבילער סאציאלער ארדענונג? דאס

איז די גרונד־פראבלעם פון אונזער צייט און נאר דער, וועלכער גיט זיך אפ א דין־וחשבון אין דער גאנצער באדייטונג פון גרויסען מאמענט, אין וועלכען מיר לעבען, וועט קענען פארשטעהען די היסטארישע ראליע פון דער היינטיגער איבערגאנגס־תקופה.

די תשובה, וואס גוסטאוו לאנדויער האט געגעבען, זאגט: נאר א ווידערגעבורט פון די פעלקער, וועלכע וועט קומען פון אינעווייניג (ווייל אין דער היינטיגער „אוניפארמירטער" מענטשהייט, זיינען שוין ניטא די פרישע, אויסגערוהטע פעלקער, וואס זאלען קענען באנייען די געפאלענע, אפגעלעבטע קולטורען), דער בייער גייסט פון געמיינשאפט און גערעכטיגקייט, וועלכער וועט ארומ־נעמען די פעלקער און וועט באשאפען פון זיי די נייע מענטשהייט, קען מציל זיין די אייראפעאיש־אמעריקאנישע וועלט פון איר אונטערגאנג; נאר דער אמת׳ער סאציאליזם וועט קענען באשאפען א נייעם פרינציפ, וואס וועט באפרייען די וועלט פון א לאנגער גסיסה מיט שווערע פאליטישע קאמפען און בלוטיגע סאציאלע קאנ־פליקטען. דאס איז א ס א צ י א ל י ז ם, וועלכער באדייט א וועג, מעשים; ער איז א התחלה און צוגלייך א פארזעצונג פון די אוראלטע סאציאלע טראדיציעס פונ׳ם מענטשליכען גייסט, וועלכע קומען ארויס פון די סאציאלע אינסטינקטען פון דער מענטשליכער נאטור. דער דאזיגער סאציאליזם איז ארגאניש פארבונדען מיט דער גאנצער געשיכטע פון די אייראפעאישע פעלקער און בויט זיך ניט אויף קינסטליכע באגריפען וועגען „אומפארמיידליכע" אנטוויקלונגס־געזע־צען, נאר — אויפ׳ן מוטיגען כוח פונ׳ם מענטשליכען ווילען. דאס פאלק ווארט אויפ׳ן רוף פון די אנשי־מעשה! דער רוף וועט אבער נאר דעמאלט ווירקען, ווען ער וועט זיין א ביישפיל און א התחלה און ניט בלויז קיין ווארט און באפעל. די פיאנערען, די מוטיגע אנהויבער פון א נייעם נאטירליכען לעבען אין קליינע געמיינשאפטען, וואס וועלען ארבייטען פאר זייער אייגענעם באדארף און ניט פאר׳ן פראפיט און פארן וועלט־מארק, דארפען זיך אפשיידען פון דער איצטיגער אומקול־טור, ווייל נאר דורך דעם וועלען זיי קענען אוועקלעגען דעם יסוד פון א נייער, פון אן אמתער קולטור. דעריבער איז דער לאזונג פון

לאנדויערס סאציאליסטישען קאמף במשך פון די גאנצע 30 יאר געווען, קומען דורך אפזונדערונג צו א געמיינשאפט. דא איז געווען אנגעצייכענט א וועג, אויף וועלכען ס'האט געקענט געהן פון אנהויב נאר א קליינע אומבאדייטענדע אין איר צאל גרופע, פאר וועלכער דער סאציאליזם איז ניט קיין פארטיי־זאך, נאר א נשמה־באדערפניש פון דעם טיפסטען גרונד. די פאליטיק קען אין בעסטען פאל נאר פועל'ן איין זאך, וואס איז אגב אָן א שיעור גרויס און חשוב: צו באפרייען דעם באדען, ארויס־נעמען די ערד פון דעם רשות פון יחידים און איבערגעבען איר אין די הענט פון די, וואס ווילען זיך באהעפטען מיט איר, כדי אויפ־צובויען אויפסניי דעם נאטירליכען און געזונטען לעבען.

די גרויסע רעוואלוציאנערע געשעהענישען אין רוסלאנד און דייטשלאנד האבען באשטעטיגט א סך פון לאנדויערס נביאות. די גרונד־באדייטונג פון דער ארבייט, פון א חשק צו פראדוצירען בכלל און פון דער לאנד־ווירטשאפטליכער ארבייט בפרט; די אומ־מעגליכקייט צו רעארגאניזירען די ווירטשאפטליכע ארדענונג דורך בלויזע דעקרעטען, די נויטיגקייט אנצוהויבען די סאציאליסטישע איבערקערעניש פון באדען און ניט פון דער גרויס־פאבריק, די שוואכע ערציהונג פון די ארבייטער צום סאציאליזם — דאס זיינען אלץ זאכען, מיט וועלכע דער דאגמאטישער מארקסיזם האט זיך אפגעגעבען ווי מיט א קלייניגקייט. דאס לעבען האט אבער לדי באוויזען, ווי גרויס ס'איז אין דער אמת'ן די באדייטונג פון די אלע „נעבען־זאכען", אויף וועלכע לאנדויער האט אנגעוויזען כסדר במשך פון צענדליגער יאר.

גוסטאוו לאנדויער האט איבערגעיאגט זיין צייט אויף עטליכע דורות און ערשט די נאכפאל־גער פון די היינטיגע אמתע און פאלשע סאציאליסטען וועלען ווי געהעריג אפשאצען די מעשים פון יענעם דענקער און פירער, וועלכען זיין אייגענע צייט האט ניט אנערקענט און פארשטויסען. זיין וועג איז געווען איינזאם אבער זיכער: ער האט געוואוסט, אז ער האט אנגעקניפט דעם איבערגעריסענעם פאדים פון די גרויסע

סאציאליסטען פון סוף 18· און פון אנהויב 19· יארהונדערט· פון די שפע־טערדיגע סאציאליסטען זיינען צוויי פון די גרעסטע געווען זיינע לערער: פרודאן און קראפאטקין און זייערע געדאנקען האט ער פארטיפט און באפרוכטעט מיט זיין גרויסען גייסט·

מיט זיין קאמף פאר׳ן סאציםליזם האט לאנדויער געארבייט ניט פאר זיין אייגענער תקופה׳ נאר פאר אלע צייטען; ניט פאר זיין לאנד׳ נאר פאר דער גאנצער מענטשהייט· אין דעם צו־קונפדיגען גרויסען רענעסאנס פון די פעלקער׳ וועלכער מוז קומען׳ אויב די טויט־סכנה׳ וואס שוועבט איבער דער היינטיגער מענטשהייט׳ וועט פארשווינדען׳ וועט פאר׳ן אנדענק פון גוסטאוו לאנדויערן אפגעגעבען ווערען אן ארט צווישען די נעמען פון די גרעסטע לייכ־טענדע גייסטער·

ד

גוסטאוו לאנדויער

גוסטאוו לאנדויער איז געווען א מערב־איד· די ספערע פון זיין ווירקונג האט כמעט ווי גארניט באריהרט די ברייטע שיכטען פון אידישען פאלק· ער איז אבער געשטאנען גייסטיג א סך נענטער צום מזרח־אידענטום איידער די „פאטענטירטע״ נאציאנאל־געשטימטע מערב־אידען· שוין דורך זיין פרוי העדוויג לאכמאן (א טאכטער פון א פאטריארכאלען מזרח־איד׳ וואס האט מיט 60 יאר צוריק אלס יונגער מאן פארלאזען רוסלאנד׳ אנטלויפענדיג פון דער סכנה צו ווערען א קאנטאָניסט׳ און איז געווען א חזן אין פארשידענע דייטשע קהלות) האט לאנדויער אנגעקניפט גייסטיגע פעדים מיט׳ן מזרח־אידישען וועזען· אבער נאר א דאנק דעם אייגענעם אידענטום׳ וואס איז געלעגען אין די טיפסטע שיכטען פון זיין נשמה׳ „אונטער דעם שוועל פון זיין באוואוסטזיין״· איז ער געווען מסוגל צו דערשפירען פונדערווייטען דעם לעבעדיגען דופק ביי די אידישע פאלקס־מאסען און אפשיידען דאס מזרח־אידענטום פון דער טויטער׳ פארגליווערטער אדער קינסטליך־באלעבטער׳ גאלוואניזירטער׳ אידישקייט פון מערב־אייראפע·

ער האט דעריבער גוט געקענט דעם טיפען אונטערשיד צווישען דעם „געבילדעטען״ מערב־אידען און דעם „אפגעשטאנענעם״ אידען פון רוסלאנד, „דער איד, וואס איז זיך מתעסק אין געטא מיט זיין קליינעם, שמוציגען האנדעל איז געגנוי דער זעלבער איד, ווי דער, וואס האט די נויטיגע בילדונג, נאר פארמאגט קיין אנדער זאך ניט חוץ דעם קרעמערישען גייסט. אבער דער מזרח־איד, וואס רייסט איבער כסדר זיין פשוט׳ן ארבייטס־טאג, כדי אפצוגעבען זיך אויף א פאר שעה מיט דאס געטליכע, הגם דאס קומט פאר אין מעכאנישע און פארגליווערטע פארמען; וועלכער טראגט אריין אין זיין וואכענדיגען טאג די דערהויבענע מנהגים און אין די ימים־טובים — די טיפע צוגעבונדענקייט צו גאט, שטעהט אויף א העכערער מדרגה, ווי זיין מערב־אייראפעאישער גרויס־שטעדטישער ברודער, וועלכער האט, אונטער דער שטוקאטור פון בילדונג, אנשטאט וועלכער ס׳איז רעליגיאזיטעט, נאר ראמאנען־ליטעראטור, טעאטער־מאדע און קונסט־פלוידעריי און דאס אויך מער פאר זיינע טעכטער, ווי פאר זיך״. *)

לאנדויער האט קלאר געוואוסט, אז פון אזא אייראפע, ווי זי איז היינט, דארפען די אידען קיין זאך ניט איבער־נעמען, ווייל זי איז בלויז א טראגי־קאמישע קאריקאטור פון יענער אמתער מענטשליכקייט, וועלכע האט ביי אידען געפונען איר אויסדרוק אין א קולטור־אנטוויקלונג במשך פון טויזענטער יאר. „מיר קענען זיך גארניט ווינטשען בעסערס, ווי צו פילען זיך אין דער דאזיגער אייראפעאישער מענטשהייט ווי פרעמדע, פארשטויסענע און פארלאזענע . . . ס׳איז געווען עפעס גיגאנטישעס אין דעם, וואס די פראנצויזישע רעוואלוציע האט פראקלאמירט די מענטשליכע רעכט אלס אן אייביגען באזיץ, וועלכען יעדער מענטש האט דורך זיין געבורט, ווייל ער טראגט א מענטשליכען פרצוף. די דאזיגע רעוואלוציע איז אבער נאך ביז היינט ניט פארענדיגט און יענע אפמאכען צווישען די אייראפעאישער פעלקער, וועלכע האבען גע־וואלט דערהויבען כאטש א ביסעל מענטשליכקייט צו דער מדרגה פון רעכט, זיינען אין אונזערע טעג ווייטער צוריסען געווארען״.

*) „Die Ostjuden u. d. Deutsche Reich“ אין „Der Jude“ 1916, 7.

דיל היינטיגע געזעלשאפטליכע קולטור איז א מאסקאראד מיט שענע ווערטער, וואס פארדעקען דעם אמת'ן מיאוסען פנים. די נאציאנאל־אידישע פאליטיקער בארופען זיך אויף די דאזיגע פוסטע פראזען און פאדערען אין נאמען פון דער מענטשליכקייט און ציוויליזאציע די באפרייאונג פונ'ם אידישען פאלק. לאנדויער וויל אבער ניט הערען פון די דאזיגע לאזונגען, מחמת זיי זיינען פאר אים בעטעל־ווערטער, וועלכע פאדערען חסד דארט, וואו ס'איז שוין מער קיין גערעכטיגקייט ניטא.

גוסטאוו לאנדויער האט זיך דערנענטערט צו דער נאציאנאל־אידישער באוועגונג ערשט אין די לעצטע יארען. אויף אים האט געהאט א שטארקע השפעה דער אידישער גייסטיגער נאציאנאליזם פון זיין פריינד מארטין בובער. צוזאמען מיט אים האט ערגעפלאנט אין אנהויב 1919 צוזאמענצורופען אין מינכען א צוזאמענפאר פון פארשטעהער פון אלע ציוניסטיש־סאציאליסטישע ריכטונגען. ער האט זיך נאנט פאראינטערעסירט מיט דער אידישער פאלקס־ארבייט און האט גענומען אן אנטייל אינ'ם בערלינער אידישען „פאלקס־היים", וואס איז געשאפען געווארען אין די מלחמה־יארען. ער האט אבער קיינמאל ניט פארמולירט זיינע נאציאנאל־אידישע אנשויאונגען אין פעסטע באגריפען און אין פארגליווערטע ווערטער, ווייל זיין אידענטום איז ניט באשטאנען אין פראזעס און פארטיי־לאזונגען, ווי דאס איז א כלל ביי ס'רוב פון די מאדערנע נאציאנאל־באוואוסטזיניגע אידען. זיין אידענטום האט ער געשפירט אין דער מימיק פון זיין פנים, אין ריטם פון זיין בלוט און מיר פילען זיין אידישקייט אין די אייגענשאפטען פון זיין גייסט, אין גאנצען געבוי פון זיינע געדאנקען. די נאציאנאלע פראבלעם האט ביי אים געפונען אזא לייזונג, ווי ס'האט געמוזט ארויספליסען פון זיין גאנצער לעבענס־אנשויאונג. „אונזער גייסט שטרעבט צו ווערען מער און עפעס אן אנדער זאך, ווי גייסט: ער וויל ווערען געזעלשאפט, פאלק, קערפערשאפט, ארגאניזם". „וואס מער מיר דערהויבען אונזער פאלקס־אייגענשאפט פון דער פאסיווער רוהע און פון דער אביעקטיווער ווירקליכקייט צו א ווילען

און צו מעשים; וואס מער מיר ווערען באוואוסטזיניגע אידען, וועלכע נעמען אויף זייער אידישקייט, ווי מ'נעמט אויף דעם אייגענעם וועזען, — וועט אלץ שטארקער דאס אידענטום ווערען פאר אונז א ממשותדיגע שטרעבונג צו א פארווירקליכונג". די טרא־דיציע פון די ליידענדע און די בענקענדע אידישע הערצער איז פאר לאנדויערן געוועזן ניט קיין אנדער זאך, ווי די רעוואלוציע אין די רעגענעראציע פון דער גאנצער מענטשהייט. דאס אידענטום וועט דעריבער ערלייזט ווערען נאר צוזאמען מיט דער גאנצער מענטשהייט, ווייל ס'איז איינס און דאס זעלביגס, האלט ער, צו ווארטען אין גלות אויפ'ן משיח און צו זיין דער משיח פון די פעלקער.

שוין גלייך פון איר אנהויב באגייסטערט אים די אידישע גע־שיכטע: מיט איר סאציאלער געזעצגעבונג און דער עיקר מיט דער באדען־רעפארם פון משה'ן, וועלכע האט איר גלייכען ניט אין דער גאנצער ביזאיצטיגער געשיכטע און דינט פאר א מוסטער ביי אלע מאדערנע שטרעבונגען. דער אידישער גייסט האט לויט זיין מיינונג, געשפילט א געוואלדיג־גרויסע ראליע אין דער גאנצער געשיכטע פון דער היינטיגער מענטשהייט. „אין דער צייט, בעת די גריכיש־רוימישע וועלט האט ביי איר אונטערגאנג איבערגעגעבען איר קערפער און איר גייסט די נייע פעלקער, וואס זיינען אנטשטאנען פון דער פעלקער־מישונג, האט אויך דאס אידישע פאלק געשענקט זיי א גרויסען שטיק פון זיין גייסט. די אידען זיינען אבער ניט ארייננגעשלונגען געווארען צוזאמען מיט זייער מתנה דורך די נייע פעלקער, ווי ס'איז געוועזן די מעשה מיט די גריכען און די רוימער, נאר זיי האבען זיך לאנגזאם במשך פון טויזענטער יאר באזעצט ביי די פעלקער און דאן דורכגעמאכט די גאנצע קולטור־אנטוויקלונג צוזאמען מיט די ארומיגע פעלקער, הגם מיט א סך זעלבסטשטענ־דיגקייט". *) די גאנצע אידישע געשיכטע, די בארירונגען מיט אלע באקאנטע און מיט א סך שוין פון לאנג אפגעשטארבענע פעלקער דריקט אבער ארויף א חתימה פון באזונדערע אייגענשאפטען אויפ'ן אידען און צוליב דעם עקסיסטירען אין דער אידישער נשמה צוזאמען

*) „Die Revolution" s. 32.

מיט די עלעמענטען פון די אור־אבות אויך אלע שפורען פון די פרעמדע השפעות. די דאזיגע פילפאכיגקייט האלט לאנדויער פאר אן איינציגארטיגער אייגענשאפט פון אידענטום, וועלכע איז אגב אין זיינע אויגען די גרעסטע מעלה פון דער אידישקייט. „די נאציעס, וועלכע האבען זיך אפגעגרעניצט אין דער פארם פון מלוכות, האבען אין דרויסען זייערע שכנים, וועלכע זיינען זייערע שונאים. אונזער נאציע האט די שכנים אין איר אייגענער ברוסט אין די דאזיגע שכנות איז שלום און אחדות ביי יעדערן, ווער ס'איז א גאנצער מענטש און איז באוואוסטזיניג בנוגע צום אייגענעם איך. צי דארף דאס ניט זיין א סימן פונ'ם בארוף, וועלכען דאס אידענטום דארף ערפילען פאר דער מענטשהייט, אין דער מענטשהייט?". **)

פאר אים האט דאס ווארט נאציע באדייט א בונד פון די, וועלכע זיינען פאראייניגט דורך א פארבינדענדען גייסט און שפירען אין זיך א באזונדערע אויפגאבע פאר דער גאנצער מענטשהייט. „צו זיין א נאציע באדייט צו האבען אן אַמט". פונ'ם דאזיגען קוק פליסט ארויס זיין גאנצע אנשויאונג אויף דער אידישער ווידערגעבורט. „היינט טראגען מיר מיט זיך פון לאנד צו לאנד די אומגערעכטיגקייט. אבער די גערעכטיגקייט וויל ראשית־כל אננעמען א פארם, א גוף, און די דאזיגע פארם וועט זיך מוזען צופאסען צו די נאציאנאלע אייגענשאפטען. ביי אלע סאציאליסטישע פרובען וועט זיך בכן ארויסשטעלען, אז נאר אין דער אייגענער וועלט, צווישען אידען, וועט די גערעכטיגקייט קענען פארווירקליכט ווערען אויף אונזער אייגענעם שטייגער. דערצו מוז אבער דאס פאלק אנדעקען אין זיך, אין זיין טיפסטען תוך, זיין אייגענעם עצם. „בעת דאס פאלק געפינט זיך אויף א ווענדע־פונקט, ווען דאס פאלק וויל ערשט ווערען דאס, וואס ס'קען זיין לויט זיינע מעגליכקייטען, דעמאלט מוזען קומען די דיכטער און די נביאים, כדי ארויסצוזאגען אין ווערטער דאס וועזען פון פאלק, דאס, וואס ס'דוכט זיך, אז מ'קען דאס גארניט ארויסזאגען, דאס אידענטום מוז זיין דאס, וואס ס'איז

*) „Sind das Ketzergedanken" im Sammelbuch u. vom Judentum, Leipzig, 1913.

לויט דעם טיפסטען גרונד, אויף וויפיל מיר קענען אים". און אין אן אנדער ארט *) גיט לאנדויער זיין תשובה אויף דער פראגע וואס אזוינס איז דאס אידענטום? — "דאס אידענטום איז א קולטור, וועלכע בויט זיך אויפ'ן קאמף געגען דער זינד, אויפ'ן קאמף פאר דער הייליגקייט און ריינקייט און דער דאזיגער קאמף קומט פאר אין הארצען פון פאלק, פון דער געמיינדע, פון יעדען אידען א קאמף צו באצווינגען גאט. דאס איז אן אינעווייניגסטער קאמף וועלכער דארף ניט האבען קיין פארקעמפער, קיין אויסלייזער און קיין פריסטער, ווייל ער ווערט געפירט דורך מיטלען פון תשובה, פון ריינקייט, פון פארטיפען זיך אין זיך אליין דורך דער איינהייט פון דער געמיינדע אין דער תפילה און אין תשובה".

דער גאנצער וועלט־בילד און די לעבענס־אנשויאונג פון גוסטאוו לאנדויערן האט זיך געבויט אויף צוויי עיקרים. ס'איז פאר אים געווען קלאר, אז נאר דארט קען זיך פארווירקליכען א הויכע קולטור, דאס הייסט: די מענטשהייט קען לעבען אין גליק און פרייד, וואו די איינהייט און די פילפאכיגקייט פון די ארגאניזאציאנס־פארמען פון די געזעלשאפטליכע גרופעס איז ניט קיין אויסערליכער צוואנג, נאר — א גייסט, וואס לעבט אין די יחידים און שטייגט איבער זייערע גשמיותדיגע אינטערעסען. ביי די אלטע גריכען איז דער דאזיגער גייסט געווען רעפרעזענטירט דורך די געטער און דורך דער קונסט. ביי די היינטיגע פעלקער איז דער גייסט רעפרעזענטירט דורכ'ן קריסטליכען קולט און זיינע סימבאלען, וועלכע זיינען היינט נאר טויטע שיריים פון א גייסט, וועלכער איז אמאל געווען לעבעדיג און פרוכטבאר. יעדער געזעלשאפטליכער לעבען דארף בכן האבען א זין, א הייליגונג, א פאנטאזיע, וועלכע זאל ארויסלייכטען הויך איבער די קעפ פון די מענטשען און פארבינדען זיי אין העכערע געזעלשאפטליכע פארמען: חברות, פארבאנדען וכד. די פאנטאזיעס פון די פארגאנגענע תקופות קענען און טארען היינט ניט באנייט ווערען קינסטליך, דער עיקר איז אבער, אז ס'איז לכתחילה ניט מעגליך קיין לעבען פון כלל, וואו ס'זאל ניט זיין מער דער

*) „Zum Beilis Prozess" אין „Sozialist" Nov. 1913

עלעמענט, וועלכער שטייגט אריבער די מאטעריעלע אינטערעסען.

דער צווייטער גרונד־יסוד פון זיין לעבענס־אנשויאונג באשטעהט אין געדאנק, אז די **פרייהייט**, ניט אין א סאציאל־פאליטישען אדער אין א פילאזאפיש־פסיכאלאגישען זין, נאר אלס אן אינדיווידועל־פסיכישער באגריף, אלס די צוימונג פון די מענשליכע אינסטינקטען און די פריוויליגע באשרענקונג פון די נאטירליכע באגערען פון דעם אייגענעם איך, — איז דער גרונד־פרינציפ פון יעדער אינדיווידועלער אין סאציאלער קולטור. דעריבער באשטעהט אין זיינע אויגען דער תוך פון דער קולטור־אנטוויקלונג פון דער גאנצער מענטשהייט, ווי פון אן איינצעלנעם מענטשען, אין דער באוועגונג פון **אינסטינקט צום גייסט**. גייסט איז די ערשטע באדינגונג און די לעצטע באשטימונג פון דעם מענטשען, ווייל „גייסט איז לעבען, גייסט איז שאפונג, גייסט איז באוועגונג, גייסט איז בונד און פרייהייט.” דער וועג פון א מענטשען פירט פון דער הפקרות פון א חיה׳שער אויסגעלאסענקייט צו דער הערשאפט פון אן אידעע, וועלכע איז גייסט, איז די פרייהייט אין דער געבונדענקייט, בונד און פרייהייט.

ס׳ווערט ניט שווער זיין צו דערזעהען אין ביידע גרונד־יסודות פון גוסטאוו לאנדויערס וועלטאנשויאונג צוויי אוראלטע טענדענצען פון דעם אידישען קולטור־באגריף. די הערשאפט פון א גייסט איבער די מענטשען, וועלכער זאל איבערשטייגען זייערע מאטעריעלע אינטערעסען און פארבינדען זיי אָן אן אויסערליכען צוואנג אין לעבעדיגע קערפערשאפטען, איז פון תמיד געווען א גרונדעלעמענט פון תוכן פון אידענטום.

דער צווייטער פרינציפ האט אויך שוין געפונען א קלארען און אנערקענטען אויסדרוק אין דער אלטער אידישער וועלט־אנשויאונג, הגם ערשט אין דער תלמודישער תקופה: „דברי ה׳ חרות על הלוחות, אל תקרא חרות אלא חירות”; פרייהייט אין דער געבונדענקייט, פרייהייט אין גאט.

אין אירע ביידע גרונד־יסודות באריִרט זיך בכן גוסטאוו לאנדויערס לעבענסאנשויאונג מיט׳ן גייסטיגען תוכן פון אידענטום. איז אבער דעריבער אויך דער סאציאליזם, וועלכער פליסט ארויס אזוי

ארגאניש און נאטירליך פון זיין גאנצער וועלטאנשויאונג, אינ־גאנצען ד ע ר אידישער סאציאליזם, ד״ה, דער סינטעז פון אידענטום מיט א מאדערנעם אידעאל פון א געזעלשאפטליכען סדר אויף א יסוד פון גערעכטיגקייט? א סך פון לאנדויערס נאכפאלגער גיבען אויף דער דאזיגער פראגע אַ פּאזיטיווע תּשובה, אנדערע ווידער טענהן כּסדר, אז דער סאציאליזם פון גוסטאוו לאנדויערן געהט בּכלל אריבער די גרעניצען פון א פּאזיטיווער סיסטעם און פארלירט זיך לסוף אין די מטושטשדיגע עולמות פון א רעליגיע. די ערשטע מיינונג האט אבער אין זיך ניט מער אמת ווי די צווייטע. לאנדויער האט געגלויבט, אז ערשט אויף דעם יסוד פון א גערעכטער און נא־טירליכער ווירטשאפט, פון א געזעלשאפטליכען לעבען אויף א יסוד פון ליבע און גערעכטיגקייט, וועט ווען ס'איז קענען אויסוואקסען א נייער אופן פון דער באציהונג פון די מענטשען צו דער אייביגקייט, צום אבסאלוט, א נייע רעליגיע. „הגם, האט ער אמאל געזאגט, *) דער סאציאליזם איז ביי מיר זעהר הויך, אבער דאך — ניט אזוי הויך, אז איך זאל אים פארקניפּען מיט'ן אבסאלוט, מיט גאט, דאס, וואס איך רוף אָן גייסט, איז נאטור, פון מיר איז פארבארגען דער סדר העולם, אדער די מאראלישע באדייטונג פון דער וועלט־פירונג און פונ'ם מענטשליכען לעבען, איך פארלאנג, אז א גשמיות־דיגע זאך זאל פארבינדען די מענטשען; איך פארלאנג, אז שכל און צוועקמעסיגקייט זאלען רעגולירען זייערע פארהעלטענישען.“

אזא מין וועלטאנשויאונג איז ניט דער פּועל־יוצא פון דער וועלטאנשויאונג פון דעם היסטארישען אידענטום; זי פליסט אינגאנצען ארויס פון דער אייראפּעאישער גייסטיגער אנטוויקלונג אין איר העכסטער און ריינסטער פארם; זי קומט ארויס פון דער אייראפּעאישער קולטור, ווי זי איז באשאפען געווארען ביי דער דינער שיכט פון די גייסטיגע טרעגער פון דער אייראפּעאישער קולטור: שעקספּיר, געטע, טאלסטאי, אלס די גרעסטע פון זיי. די דאזיגע קולטור־אנשויאונג איז דער תּוך פון דער נייער אייראפּע, וואס האט איבערגעריסען די טרא־

*) „Gott u. d. Sozialismus“ אין „Sozialist“

דיציעס פון דעם קירכליכען קריסטענטום, אירע טרעגער זיינען נאך איזא־לירט און שטארק איינזאם, ווייל זיי זיינען מבשר א צייט, צו וועלכער ס'איז נאך זעהר ווייט פון דעם היינטיגען גייסטיגען מצב פון די פעלקער. דער קולטורעלער קריזיס, וואס איז פארגעקומען אין דער אייראפעאישער וועלט ביים איבערגאנג פון מיטעלאלטער צו דער „נייער צייט", איז פאר דעם אידענטום בתוך געבליבען אומבא־קאנט און פרעמד. דאס אידישע פאלק האט א קולטור־פרינציפ, א דאנק וועלכען ס'איז אויפגעהאלטען געווארען אין אים א פעסטע פארבינ־דונג צווישען די דורות במשך פון זיין גאנצער געשיכטע פון טויזענטער יאר. אין ס'איז געווארען מעגליך אויף שטענדיג צו פארבינדען דעם וואכעדיגען לעבען מיט די העכסטע באגריפען פון מענטשליכען גייסט: הייליגקייט און ריינקייט און דערגרייכען דעם בונד און די פרייהייט. די דאזיגע קולטור איז צוליב איר שייכות צום אבסאלוט במילא שוין א רעליגיעזע, אבער זי פארמאגט אזעלכע אייגענשאפטען, וועלכע די רעליגיעזיטעט פון קריסטליכען מיטעלאלטער האט לגמרי ניט געקענט. די דאגמעס און סימבאלען פון קריסטענטום זיינען געווארען סוף כל סוף פארגליווערט, טויט און די לעבעדיגע נשמה האט לסוף פארלאזען דעם קאלטען גוף פון דער מיטעלאלטערליכער קירכע. אין אידענטום האט זיך אבער די עבודה פאר גאט און די בענקשאפט פון דער נשמה נאך דער אייביגקייט ניט באגרעניצט נאר מיט די טראדיציאנעלע פארמען: די פארמען דארפען ווערען תמיד אויפגעהאלטען פריש דורך א לעבעדיגען נאציא־נאל־היסטארישען געפיל. דערצו איז אבער נויטיג אן אנערקענטער מקור פון דער געטליכער אנטפלעקונג, דורך וועלכען מ'קען אויפהאלטען אויף שטענדיג די לעבעדיגע ווירקונג פון די נאציאנאל־היסטארישע טראדיציעס. אין דעם געשיכטליכען אידענטום איז דער דאזיגער מקור געוועזן די תורה, דער עיקר — ווי ס'האבען איר אויפגעפאסט די בעלי־התלמוד, די פרושים. אויף דעם דאזיגען אופן איז אויפגעהאלטען געווארען א געשיכטליכע פארבינדונג פון צענדליגער דורות נאך דער צושטערונג פון כמעט אלע מאטעריעלע יסודות פון א נאציאנאלען לעבען. דאס אידענטום, וואס לעבט

שוין צוויי טויזענט יאר אין פארשידענע לענדער און געהערט צו פארשידענע קולטורען און שטעלט דאך מיט זיך פאר א בולטע ארגאנישע גאנצקייט, אן איינהייט כלפי חוץ און כלפי פנים (לפחות אין באדייטענדסטען טייל פון פאלק), די דאזיגע ממשותדיגע, לעבעדיגע אידישקייט איז דאס תלמודישע אידענטום. די דאזיגע לעבענס־ערשיינונג באמערקט אבער נאר דער, ווער ס'באטראכט דאס אידענטום ניט פון אויסען, נאר פון אינעווייניג, שטעהענדיג ניט פאר, נאר אין דעם לעבענס־פענאמען פון דער טויזענט־יעריגער קולטור פון אידישען פאלק.

צום אומגליק איז גוסטאוו לאנדויער געווען נאר אן אויסענוועניגסטער באטראכטער פון אידענטום. ער האט אבער געהאט א טעות, ווען ער האט באטראכט דאס געשיכטליכע אידענטום לויט אן אנאלאגיע מיט'ן געשיכטליכען קריסטענטום און האט דעריבער געהאלטען, אז די בליהונגס־עפאכע פון דעם אידישען געזעלשאפטליך־רעליגיעזען גייסט האט שוין געמוזט פארשווינדען אויף אייביג צוגלייך מיט'ן טויט פון דעם לעבעדיגען רעליגיעזען גייסט פון קריסטליכען מיטעלאלטער. „אויך דאס אידענטום האט געהאט דורכגעמאכט, ווי פּאַראַדאָקסיש דאס זאל ניט קלינגען, זיין קריסטליכען מיטעלאלטער און די אידען פון די לעצטע הונדערטער יאר געהען אויפ'ן זעלבען וועג פון ירידה און איבערגאנג, ווי אלע אנדערע פעלקער. ס'איז קיין נפקא מינה ניט, צו וועלען זיי נאך קומען ווען ס'איז צו א נאציאנאלער זעלבסטשטענדיגקייט אדער ניט."*)

אין דעם דאזיגען זאץ זיינען אין איין קנויל פארקניפּט און פארבונדען א סך ריכטיגע און פאלשע געדאנקען, וואס קומען ארויס פון גוסטאוו לאנדויערס שטעלונג צווישען צוויי וועלטען, וועלכע זיינען אין זייער גייסטיגען תוך גרונד־פארשידען. ער האט געהערט צו ביידע וועלטען, וועלכע ס'טיילט נאך דערווייל אפּ א טיפער תהום: דורך זיין גייסט איז ער געווען פארבונדען מיט דער גרויסער און שטורמיש־באוועגטער וועלט פון דער נייער אייראפּע, וואס איז נאך „צו זיך" ניט געקומען און עקסיסטירט דערווייל בלויז אין די גייסטער פון יחידים; דורך זיין בלוט אבער האט ער געהערט

*) „Die Revolution" S. 32.

צוגלייך צו דער טיפער, זיכערער אין זיך און קאטעגאריש־רעוואלוציא־
נערער וועלט פון די אידישע נביאים, משיח־שטורמער און אויסלייזער···
גוסטאוו לאנדויער געהערט, ווי משה העס, צו יענעם מין
אידישע סאציאליסטען, וועלכער פאר־
שטעהט די אמתע גרויס פון דעם היסטארישען אידענטום, דער גרויסער קול־
טור, אויפטו פון די דאזיגע סאציאליסטען באשטעהט אין דעם, וואס
זיי האבען באוויזען די מעגליכקייט פאר א פרייען און דענקענדען אידען צו
לעבען אין גייסט פון פאלק און דערביי ניט זיין אונטערדריקט אין דעם
אייגענעם אינדיווידועלען גייסט.

ה. פראנק.

בערלין, ווינטער 1921/1920

ו ו ע ל ט - פ א ר ל א ג / ב ע ר ל י ן

בײ אונס זײנען נאך ארויסגעקומען:

קארל ליבקנעכט׳ בריוו

מיט 6 בילדער אויף קונסטדרוקפאפיר

איבערזעצונג און נאכווארט פון א׳ ו ו י ל ע נ ט ש ו ק.

אט די בריוו׳ געשריבן בשעת מלחמה פון פעלד און פון דער תפיסה׳ ווײזען אונס בולט ניט נאר דעם פלאמעדיקן רעוואלוציאנער און גרויסן פירער נאר אויך דעם אײדעלן און רײנען מענטשן קארל ליבקנעכט.

ראזא לוקסעמבורג׳ בריוו

מיט ראזא לוקסעמבורגס א בילד.

איבערגעזעצט פון א׳ ו ו י ל ע נ ט ש ו ק.

אין די שווערסטע צײטן פון דער מלחמה האט ראזא לוקסעמבורג די דאזיגע בריוו געשריבן צו סאניע ליבקנעכטן — קארל ליבקנעכטס װײב. ס׳לײכט פון זײ ארויס א ווארעמע נשמה׳ וואס זעט נאר די לײדן פון אנדערע און איז פול מיט רחמנות צו אלע באשעפענישען.

WELT-VERLAG / BERLIN N.W.7

ו ו ע ל ט - פ א ר ל א ג / ב ע ר ל י ן.

ד״ר נתן בירנבוים:

ג א ט ס פ א ל ק.

מאקס בראד:

טיקא בראהעס וועג צו גאט, א ראמאן.

ס׳ וו ע ר ן צ ו ג ע ג ר י י ט צ ו ם ד ר ו ק:

אנרי בארביס:

קלארקייט (Clarte) ראמאן.

פ. מ. דאסטאיעווסקי:

די ברידער קאראמאזאוו 4 בענדער.

WELT-VERLAG / BERLIN N. W. 7